STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04585

SEFER YALKUT YOSEF

J. Lew

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

ילקוט יוסף

געקליבענע מאמרים פון תלמוד, מדרשים ילקוט א. א. אויף נביאים וכתובים מיט קורצע פאפולערע ערקלעהרונגען און באלייכטונגען צו יעדען מאמר.

די מאמרים באריהרען דאס אידישע לעבען אין עבר, הוה און עתיד

פון

ישראל יוסף לעוו

רב אין דער מייל ענד און באו דיסטריקט שוהל, לאָנדאָן

חלק שני

שנת תש״ז לפ״ק

לאנדאן

ברכת אב

מעומק לבי הנני מברך את בני ובנותי, חתני, כלתי ונכדי היקרים יחי', ה"ה: בתי חנה ובעלה ד"ר משה שטערנפעלד במעלברון. בני הר' ד"ר מאיר שלום ורעיתו שרה דבורה. בתי יוטא ובעלה מר יעקב ווייספאָגעל. בני הר' אברהם משה ורעיתו רחל. בתי צירל ובעלה הר' משה בליום. בתי יהודית ובעלה מר דוד עלגראַד. בני יעקב הירש ורעיתו רבקה. בני הב' אהרן והמיול"ג מרים ובתי הצעירה העלמה דבורה ונכדי הנחמדים כולם יעמדו על הברכה. — יאריך ד' ימיהם ושנותם בשלום ובשלוה ובכל טוב,

כעתרת אביהם המברכם בלב מלא אהבה וגעגועים,

המחבר.

Copyright 1947

by Rabbi J. Lew,

9, Tredegar Terrace,

Bow, London, E.3.

בדפוסו של י. נרודיצקי, 129־131 רחוב קאוועל, מזרח לונדון.

ב״ה

הקדמה

היו חורזין בדברי תורה, ומדברי תורה לנביאים, ומנביאים לכתובים, והאש מתלהטת סביבותיהם, והיו הדברים שמחים כנתינתם מסיני. (מדרש חזית א. טז.)

תכבד העבודה על האנשים, מלמד שהיו בידן מגלות שהיו משתעשעין בהן משבת לשבת לומר שהקב״ה גואלן לפי שהיו נוחין בשבת. (מדרש רבה שמות ה.)

אין מצרים, אונטער דעם יאָך פון שווערע אַרבייט „בחומר ובלבנים״, אונטער די שטראָפענדע הענד פון די מערדערישע נוגשים, איז דער גייסט פון די אידען געווען שטאַרק דערדרוקט און נידערגעשלאָגען. זייער איינציגען טרייסט האָבען זיי געפונען ווען עס איז געקומען שבת, זייער רוה־טאָג, ווען זיי האָבען זיך פאַרזאַמעלט און זיך אונטערהאַלטען, געשעפּט גייסטיגען פאַרגעני־גען פון לייענען די מגלות, וועלכע זיי האָבען געהאַט בירושה פון זייערע על־טערן. אין די דאָזיגע מגלות, הייליגע שריפטען, האָבען זיי געפונען גלויבען און האָפנונג פאַר זייער גאולה.

דאָס אידישע פאָלק לעבט איצט אויך דורך אַ זעהר קריטישע, טראַגישע און טרויעריגע צייט, אַ צייט צו וועלכער די גאַנצע אידישע היסטאָריע, וואָס איז ליידער אַזוי רייך מיט איהרע בלוטיגע קאַפּיטלעך, האָט נישט איהר גליי־כען — **אוי לנו שכך עלתה בימינו!**

לערך זעקס מיליאָן נפשות, דער רוב בנין פון דער אידישער אומה, די הייליגע טרעגער פון דער תורה און אמונה זענען אומגעקומען על קידוש השם מיט אַלערליי מיתות משונות ר״ל דורך די מערדערישע הענד פון די נאַצישע סאַדיסטען — אכזרים ימ״ש.

כמעט יעדע אידישע משפחה איבער דער גאַנצער וועלט איז אַרומגענומען מיט אבלות, און טרויער. (איך האָב צו מיין טיעפען צער און טרויער פאַרלוי־רען כמעט מיין גאַנצע גרויסע משפחה אין פּוילען. מיין אינגסטער ברודער שמואל ז״ל איז שוין נאָך דער באַפרייאונג אומגעקומען דורך די הענד פון פּוי־לישע רוצחים, — ארץ אל תכסי דמם) די שארית הפליטה, די וועלכע זענען דורך נסים געבליבען לעבען ליידען נאָך אַלץ, זענען הימלאָז און געפלאָגט אין די פאַרשיעדענע קעמפּס ,און פון ערגעץ קומט נישט קיין טרייסט... איז דען

אַ וואונדער וואָס יעדער גייסט איז דערדרוקט און יעדענס האַרץ איז פאַרוואונ־
דעט און פאַרוועהטאָגט — כל ראש לחלי וכל לבב דוי.

עס איז דעריבער איצט, מעהר ווי אין יעדער אַנדערע צייט נויטיג אַז מיר
זאָלען זיך **משתעשע** זיין, זיך פאַרטיעפען, ווי אונזערע עלטערן אין מצרים,
אין די געטליכע ווערטער פון דער תורה און חז״ל, אין זייערע אינספּירירענדע
און טרייסטענדע אמת׳ן, מיט זייער ליכטיגען בליק אין דער אידישער פאַרגאַנ־
גענהייט און זייער קלאָהרען פאַרזעהן די היינטיגע צייט פון **חבלי משיח.**

די הייליגע ווערטער פון תנ״ך און די אגדות חז״ל זענען בכח צו שטאַרקען
און היילען אונזערע געבראָכענע הערצער און דערהויבען אונזער גייסט דורך
בטחון און אמונה, האָפנונג און גלויבען.

דאָס ספר וואָס איך גיב דאָ אַרויס איז דער צווייטער טייל **ילקוט יוסף.**
עס איז אויף **נביאים וכתובים** און ענטהאַלט געקליבענע מאמרים פון תלמוד,
מדרשים, ילקוט א. א. אויף יעדען ספר פון די נביאים און כתובים, מיט קורצע
ערקלעהרונגען און באַלייכטונגען איבער דעם רעיון פון יעדען מאמר, דעם
מאָראַל, מוסר ומדות וואָס מען קאָן אַרויסלערנען.

דער סדר, מהות און פאָרעם איז דער זעלבער ווי אין מיין ערשטען ספר
„ילקוט יוסף״ אויף חמשה חומשי תורה. עס ערשיינט אויך אין אידיש, כדי עס
זאָל זיין צוגענגליך פאַר יעדען איינציגען, פאַר דעם פשוט׳ן איד ווי פאַר׳ן
למדן, צו באַקענען זיך מיט די הייליגע און אייביגע אוצרות פון די חז״ל און צו
פאַרשטעהן זייערע פערלדיגע און טיעפע געדאַנקען.

די אַנערקענונג מיט וועלכע דער ערשטער טייל ילקוט יוסף איז אויפגע־
נומען געוואָרען ביי פאַרשיעדענע קלאַסען, רבנים, מטיפים, לומדים און בעלי־
בתים גיט מיר די האָפנונג אַז אידען וועלען אויך דאָס איצטיגע ספר לעזען מיט
אינטערעס און פאַרגעניגען, אַזוי אַז עס וועט מקוים ווערען: „היו חורזין
בדברי תורה, ומדברי תורה לנביאים ומנביאים לכתובים״.

„והאש מתלהטת מסביבותיהם״ — זאָל דאָס הייליגע פייער פון דער תורה
דערוואַרמען די אידישע הערצער, אויפוועקען און שטאַרקען די האָפנונג אויף
די נאָהענטע גאולה, עס זאָל בקרוב פאַרווירקליכט ווערען די חזיונות פון אונ־
זערע נביאים וועגען **אחרית הימים**, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט ענדליך
מיט דער הילף פון השי״ת געפינען מנוחה און שלוה אין **ציון וירושלים.**

ה מ ח ב ר.

לונדון, ניסן, תש״ז.

נביאים ראשונים ואחרונים

יהושע

א

ויהי אחרי מות משה עבד ד׳ ויאמר ד׳ אל יהושע בן נון (א׳ א׳)

רבי סימון זאָגט: אומעטום ווי עס שטעהט „ויהי אחרי מות״ איז דאָן די וועלט צוריק געגאַנגען, די וועלט איז צוריק געשטאַנען אין איהר פּראָגרעס: „ויהי אחרי מות אברהם״—שטעהט באַלד דערנאָך „וכל הבארות אשר הפרו וגו׳ סתמום פלשתים״ (בראשית כ״ו ה׳). „ויהי אחרי מות משה״—איז דאָן אַוועק געגומען געוואָרען פון די אידען דער באר, דער מן און די ענני הכבוד. „ויהי אחרי מות יהושע״—זענען די אומות אָנגערייצט געוואָרען אויף די אידען. „ויהי אחרי מות שאול״—״ופלשתים נלחמים בישראל״.

און רבי יודן זאָגט: ווען השי״ת וואָלט נישט אויפגעשטעלט אַנדערע צדיקים אויף דעם אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע וואָלט די וועלט געבליבען צוריק־געשטאַנען אויף שטענדיג. נאָך „ויהי אחרי מות אברהם״ שטעהט „וישב יצחק ויחפור את בארות המים״. נאָך „ויהי אחרי מות משה שטעהט „ויאמר ד׳ אל יהושע״. (מדרש רבה)

מיט דעם לעבען פון גרויסע מענשען געהט די וועלט פאָראויס, פּראָ־גרעסירט. מיט זייער טויט וואָלט די וועלט צוריקגעגאַנגען. צום גליק קומען אַנדערע גרויסע אויף זייער אָרט און לאָזען נישט די וועלט צוריקגעהן און פיהרען דער וועלט ווייטער פאָראויס...

ב

מהמדבר והלבנון הזה ועד הנהר הגדול נהר פרת (א׳ ד׳)

דער טייך האָט דעריבער געטראָגען דעם נאָמען „פרת״ ווייל די ערד ביים טייך איז געוועזען זעהר פרוכטבאַר. ווען מען האָט געפרעגט דעם טייך „פרת״: „פאַרוואָס זענען דיינע וואַסערען אַזוי שטיל״, מען הערט נישט זייער קול? האָט ער געענטפערט: „איך דאַרף נישט שרייען, מיינע מעשים זאָגען עדות אויף מיר. ווען מען פאַרפלאַנצט ביי מיינע וואַסערען וואַקסט עס אַרויס אין דרייסיג טעג, ווען מען פאַרזייעט גריינס ווערט עס אין דריי טעג פאַרטיג״. ווען מען פרעגט די פרוכט־בוימער—זאָגט ווייטער דער מדרש—פאַרוואָס

מען הערט נישט זייער קול? ענטפערען זיי: „מיר דארפען נישט אויסשרייען, אונזערע פירות זאגען עדות אויף אונז״. ווען מען פרעגט די אילני־סרק, דיליידיגע בוימער: פארוואס זיי רוישען אזוי און גיבען ארויס א קול? ענטפערען זיי: „מיר ווילען אז מענשען זאלען הערען אונזער קול און אזויערנאך אונז באמערקען״. (מדרש רבה)

„כי האדם עץ השדה״: דער מענש איז ווי א בוים. דער אמת גרויסער מענש דארף נישט זוכען מיטלען כדי צו באקומען אויפמערקזאמקייט. זיינע גרויסע מעשים אליין ברענגען איהם רוהם און אנערקענונג. דאס באריהמען זיך און אויסשרייען אויפ׳ן קול איז א סמן פון קליינקייט און פוסטקייט...

ג

לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה (א׳ ח׳)

א שוועסטערן־זוהן פון רבי ישמעאל מיט׳ן נאמען דמא האט געפרעגט רבי ישמעאל: „אזא מענש ווי איך, וואס האט שוין געלערענט די גאנצע תורה, צי מעג איך אויך לערנען „חכמת יונית״ (גריכישע קולטור)? רבי ישמעאל האט איהם פארגעלייענט דעם פסוק „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה״—„די תורה זאל קיינמאל נישט אראב פון דיין מויל און זאלסט אין איהר טראכטען טאג און נאכט״. אויב דו קאנסט געפינען צייט ווען עס איז נישט טאג און נישט נאכט מעגסטו דאן לערנען חכמת יונית.

רבי שמואל בר נחמני זאגט: לערנען חכמת יונית איז נישט קיין מצוה און נישט קיין חוב נאר עס איז א ברכה. (מנחות צ״ט)

ווען אנדערע חכמות ווערען געלערענט אויף דעם גרונד און יסוד פון דער תורה און פאר דעם נוצען און הילף צו פארשטעהן איהרע פרינציפען דאן איז דאס לערנען א ברכה. אנדערש איז עס א קללה. די היסטאריע פון די לעצטע צייטען האט דאס קלאהר באוויזען . . .

ד

ויהי כאשר תם כל העם לעבר ויעבר ארון ד׳ והכהנים לפני העם (ד׳ י״א)

דער תלמוד זאגט: ווען דער לעצטער פון די אידען איז אריבער דעם ירדן זענען דאן די וואסערען פון ירדן צוריקגעקומען. אזוי אז פון איין זייט ירדן

זענען געשטאַנען די אידען און פון דער אַנדערער זייט זענען געבליבען דער ארון און די כהנים. דאַן האָט דער ארון, דורך אַ נס, אַריבערגעטראָגען די כהנים איבער׳ן ירדן, דער ארון האָט אַריבערגעטראָגען די יעניגע וועלכע האָבען איהם געטראָגען—„הארון היה נושא את נושאיו״. (סוטה ל״ה)

„הארון היה נושא את נושאיו״—דער ארון, די תורה, טראָגט שטענדיג אַריבער איהרע טרעגער איבער אַלע שטורמען פון דער צייט. די תורה היט און באַשיצט דאָס אידישע פאָלק עס זאָל נישט דערטרונקען ווערען אין די שטורמדיגע וואַסערען . . .

ה

ויהי ד׳ את יהושע ויהי שמעו בכל הארץ (ו׳ כ״ז)

פיער מענשען זענען געווען וואָס אויף זייער נאָמען איז אַרויסגעגעבען געוואָרען מטבעות און דאַדורך זענען זיי באַוואוסט געוואָרען איבער דער וועלט: אברהם, יהושע, דוד און מרדכי. אויף די מטבע פון אברהם איז געווען אויסגעקריצט פון איין זייט „זקן וזקנה״ (אברהם און שרה) און אויף דער צווייטער זייט „בחור ובתולה״ (יצחק און רבקה). אויף די מטבע פון יהושע איז געווען אויף איין זייט אַן אָקס און אויף דער צווייטער אַ וויזעלטהור, לויט׳ן פסוק „בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו״ (דברים ל״ג). דוד׳ס מטבע האָט געטראָגען דעם צייכען פון איין זייט אַ שטעקען און אַ טאָרבע (מקל ותרמל) און פון דער צווייטער זייט אַ טהורם (מגדל) אַ רמז אויף „כמגדל דוד צוארך״ (שה״ש ד׳). די מטבע פון מרדכי—פון איין זייט אַ זאַק און אַש (שק ואפר) און דער צווייטער זייט אַ גאָלדענע קרוין (עטרת זהב).
(מדרש ותלמוד)

דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון נסים. יצחק, איז געבוירען געוואָרען דורך אַ נס, פון אַ זקן וזקנה. דורך נסים האָט יהושע איינגענומען ארץ ישראל. דוד האָט באַזיגט זיינע שונאים און מרדכי—המנ׳ען דורך נסים. די נסים האָבען געהאַט אַ פרסום, אַן אָבקלאַנג איבער דער וועלט.

ווען אַ מענש דערגרייכט דאָס העכסטע גליק זאָל ער נישט פאַרגעסען אין דער פריערדיגער שלעכטער צייט... דוד האָט נישט פאַרגעסען דעם „מקל ותרמל״ אפילו ווען ער איז שוין געווען אַ מעכטיגער קעניג, און מרדכי האָט נישט פאַרגעסען דעם שק ואפר ווען ער האָט געטראָגען די גאָלדענע קרוין...

ו

ומה תעשה לשמך הגדול (ז׳ ט׳)

ריש לקיש זאָגט בשם רבי ינאי: השי״ת האָט געגומען זיין הייליגען נאָמען און משתף געווען, צוגעזעצט צו ישראל. עס איז אַ משל צו אַ מלך וועלכער האָט געהאָט אַ קליינעם שליסעל צו זיין פּאַלאַץ און מורא האָבענדיג אַז דער שליסעל זאָל נישט פאַרלוירען געהן צוליעב זיין קליינקייט האָט ער צום שליסעל צוגעבונדען אַ קייטעל אַזוי אַז מען זאָל דעם פאַרלוירענעם שליסעל לייכטער קאָנען געפינען. אַזוי אויך כדי ישראל זאָל נישט פאַרלוירען געהן צווישען די אומות האָט השי״ת משתף געווען, צוגעבונדען זיין נאָמען צו ישראל, און דורכדעם וועט ישראל בלייבען לעבען. (ירושלמי תענית פ״ב)

אַ געטליכער כח היט אָב דאָס אידישע פאָלק עס זאָל נישט פאַרלוירען געהן, אַסימילירען זיך צווישען די אומות. גאָט׳ס נאָמען איז פאַרבונדען מיט׳ן אידישען פאָלק. אַזוי ווי זיין נאָמען אַזוי קאָן אויך דאָס אידישע פאָלק נישט אונטערגעהן . . .

ז

חטא ישראל (ז׳ י״א)

ווען השי״ת האָט געזאָגט צו יהושע „חטא ישראל״, די אידען האָבען געזינדיגט, האָט יהושע געפרעגט ביי השי״ת ער זאָל איהם זאָגען ווער איז דער וואָס האָט געזינדיגט, האָט איהם השי״ת געענטפערט „וכי דלטור אני״ „איך בין דען א מסור״? „געה וואַרף גורל וועסטו אויסגעפינען ווער עס האָט געזינדיגט״.

רבי אבא בר זבדי זאָגט: „חטא ישראל״: „חטא״, כאָטש ער האָט געזינ־דיגט, „ישראל״, בלייבט ער אַלץ ישראל. (סנהדרין מ״ד)

מסירה און רכילות זענען די גרעסטע זינד.—מען טאָר נישט ריידען שלעכטס אויף אַ איד אפילו ווען עס איז אמת ווייל ווען אַ איד זינדיגט, אפילו, בלייבט ער אַלץ אַ איד. חטא—ישראל . . .

ח

אז יבנה יהושע מזבח וגו׳ אבנים שלמות אשר לא הניף עליהן ברזל (ח׳ ל׳ ל״א)

דער מזבח פאַרלענגערט דאָס לעבען פון מענש, ווייל ער איז מכפר אויף דעם מענשען׳ס זינד און דאָס אייזען, פון וועלכען עס ווערט געמאַכט א שווערד,

פאַרקירצט דעם מענשענ׳ס לעבען, האָט השי״ת געזאָגט: זאָל דאָס אייזען וואָס פאַרקירצט דאָס לעבען פון מענשען נישט צוריהרען זיך צום מזבח.
(מכילתא)

מזבח און אייזען, הייליגטום און שווערד זענען צוויי געגענגעזעצטע זאַכען. מען טאָר קיינמאָל נישט פאַרהייליגען די שווערד . . . לײדער האָבען פיעל, אין דער געשיכטע, באַנוצט די שווערד אין נאָמען פון „הייליגקייט״ . . .

ט

ויתקבצו יחדו להלחם עם יהושע ועם ישראל פה אחד (ט׳ ב׳)

דער מדרש זאָגט: דריי מאָל האָבען מענשען אויפגעהויבען אַ קאַמפף געגען גאָט. צום ערשטען, דער דור הפלגה, ווי עס שטעהט: „ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים״.

„ודברים אחדים—זיי האָבען גערעדט לעסטערענדע ווערטער געגען אחד, געגען גאָט. דאָס צווייטע מאָל—אין דער צייט פון יהושע: „ויתקבצו יחדו להלחם עם יהושע ועם ישראל פה אחד״, זיי האָבען געקריעגט געגען ד׳ אחד און אין די צייטען פון גוג ומגוג, ווי עס שטעהט: יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ד׳ ועל משיחו (תהלים ב׳). (מדרש תנחומא)

דער דור הפלגה האָט געפיהרט אַ קאַמף געגען גאָט—אין יהושע׳ס צייט איז דער קאַמף געווען געגען אידען. די מלחמות פון גוג ומגוג וועלען זיין געגען ביידע—געגען גאָט און געגען אידען—על ד׳ ועל משיחו. ווער עס קעמפט געגען אידען קעמפט אויך געגען גאָט. דאָס לערענט אונז די גאַנצע היסטאָריע, ביז מלחמות גוג ומגוג . . .

י

ויקברו אותו בגבול נחלתו מצפון להר געש (כ״ד ל׳)

ווען יהושע איז געשטאָרבען האָבען די אידען איהם נישט אָבגעגעבען דעם געהעריגען כבוד. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט דעם לאַנד וואָס יהושע האָט צווישען זיי איינגעטיילט, זיי זענען געווען באַשעפטיגט ווער מיט זיין פעלד, ווער מיט זיין וויינגאָרטען און ווער מיט זיין הויז. אַזוי אַז זיי האָבען נישט געהעריג מספיד געווען יהושע, ווי איהם איז געקומען. דאַן האָט השי״ת געוואָלט שטורמען דאָס לאַנד מיט איהרע איינוואוינער, ווי עס שטעהט:

„ותגעש ותרעש הארץ״ (תהלים י״ח). דעריבער שטעהט דאָ „להר געש״, דער שטורמדיגער באַרג. (ילקוט שמעוני)

די ערגסטע מדה איז צו זיין אַ כפוי־טובה, אַ מענש וואָס איז נישט דאַנקבאַר צו די וועלכע האָבען איהם גוטס געטהון. עס טרעפט אָפט, ווען דעם מענש געהט גוט פאַרגעסט ער אין די וועלכע האָבען איהם צוגעפיהרט און געהאָלפען צום גוטען מצב.—די אונדאַנקבאַרקייט פון די אידען צו זייער מנהיג יהושע איז דעריבער פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַ גרויסע זינד . . .

יא

דער תלמוד זאָגט: ווען די אידען וואָלטען נישט געזינדיגט וואָלט מען זיי געגעבען נאָר די חמשה חומשי תורה און דעם ספר יהושע, ווייל אין דעם ספר יהושע געפינט זיך די באַשרייבונג פון חלוקת-הארץ, די פאַרטיילונג פון ארץ ישראל, צווישען די אידען.

(נדרים כ״ב)

חלוקת הארץ, דאָס באַזעצען ארץ ישראל דורך די אידען, געהט צוזאַמען מיט די חמשה חומשי תורה, ווייל נאָר אין ארץ ישראל קאָנען אידען מקיים זיין די תורה בשלימות . . .

שופטים

א

ויאמר ד׳ יהודה יעלה (א׳ ב׳)

שטענדיג איז דער שבט יהודה געגאַנגען פאָראויס און געקעמפּפט פאַר׳ן פאָלק, ווי עס שטעהט: „יהודה אתה יודוך אחיך ידך בעורף אויביך״ (בראשית מ״ט). דער שבט יהודה איז געווען דער ערשטער וועלכער איז אַריינגעשפּרונגען אין ים ווי עס שטעהט: „בצאת ישראל ממצרים וגו׳ היתה יהודה לקדשו״ (תהלים קי״ד). ווען אידען האָבען געצויגען אין דער מדבר איז יהודה געווען דער ערשטער צו טראָגען דעם דגל: „ויסע דגל מחנה בני יהודה״ (במדבר י׳). ער איז געווען דער ערשטער פון די שופטים: „ויאמר ד׳ יהודה יעלה״. אויך לעתיד לבוא וועט יהודה זיין דער פיהרער פון די אידען, ווי עס שטעהט: ודוד עבדי נשיא להם לעולם (יחזקאל ל״ז). (מדרש רבה וילקוט)

נאָר דער וואָס איז זיך מוסר נפש און קעמפּפט פאַר׳ן פאָלק איז ראוי צו זיין דער פיהרער פון פאָלק, נאָר ער וועט דאָס פאָלק פיהרען צו אַ זיכערע און גליקליכע צוקונפט . . .

ב

ואלה הגוים אשר הניח ד׳ לנסות בם את ישראל (ג׳ א׳)

דער מדרש ברענגט דערויף אַ משל. אַ מלך האָט געוואָלט פאַרפלאַנצען אַ וויינגאָרטען אויף דעם אָרט וואו עס האָבען זיך געפונען פון פריהער שטאַרקע טענענבוימער און אויך שטעכעדיגע דערנער. דער מלך האָט באַפוילען אויס־האַקען די שטאַרקע בוימער און די דערנער איבערלאָזען. ווען מען האָט געפרעגט דעם מלך: פאַרוואָס האָט ער איבערגעלאָזען די דערנער וועלכע ברענגען קיין נוצען און צורייסען די קליידער? האָט ער געענטפערט: „איך וויל לאָזען די דערנער כדי פון זיי צו מאַכען אַ גדר, אַ צוים צום וויינגאָרטען״. דאָס זעלבע איז מיט די אידען. די אידען זענען גאָט׳ס וויינגאָרטען: „כי כרם ד׳ צבאות בית ישראל״ (ישעי׳ ה׳) און ווען גאָט האָט די אידען אַריינגעבראַכט אין ארץ ישראל האָט ער אַ טייל פון די אָרטיגע פעלקער איבערגעלאָזען אַלס

אַ צוים, אַ שמירה פאַר די אידען כדי זיי זאָלען היטען די תורה, און דאָס מיינט דער פסוק „ואלה הגוים אשר הניח ד׳ לנסות בם את ישראל״.

(מדרש רבה)

די אידישע שונאים זענען דער גדר, די צוים וואָס היטען דעם אידישען וויינגאָרטען. ווען אידען ווילען זיך דערווייטערען פון גאָט ווערען זיי פאַרפאָלגט דורך זייערע שונאים, דאַן קערען זיי זיך אום צו השי״ת . . .

ג

ויאמר אהוד דבר אלהים לי אליך ויקם מעל הכסא (ג׳ כ׳)

רות און ערפה זענען געווען די טעכטער פון עגלון מלך מואב. ווען אהוד איז געקומען צו עגלון מלך מואב און געזאָגט „דבר אלהים לי אליך״, איך האָב אַ וואָרט פון גאָט צו דיר, האָט עגלון זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל, דאַן האָט גאָט געזאָגט: „דו ביזט אויפגעשטאַנען פון דיין שטוהל צוליעב מיין כבוד וועגען, פאַר דעם וועל איך דיר באַלוינען: אַ זוהן וועלכער וועט אַרויסקומען פון דיר וועל איך זעצען אויף מיין שטוהל״, ווי עס שטעהט: „וישב שלמה על כסא ד׳ למלך״.

(ילקוט)

פאַר יעדע גוטע טהאַט ווערט מען באַלוינט, אויב נישט ביים לעבען, קומט די באַלוינונג צו די שפעטערע דורות . . .

ד

ודבורה אשה נביאה אשת לפידות היא שפטה את ישראל (ד׳ ד׳)

דער מדרש פרעגט: ווי קומט עס אַז אין אַ צייט ווען פינחס בן אלעזר האָט געלעבט זאָל דבורה זיין אַ נבואה און אַ שופטת? דער מדרש זאָגט דערויף: „הימעל און ערד זענען עדות אַז ווער עס איז, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַ עבד אָדער אַ שפחה, יעדער מענש, דורך זיינע גוטע מעשים, רוהט אויף איהם רוח־הקודש״.

(ילקוט בשם תנחומא)

יעדער מענש, דורך זיינע גוטע מעשים דערנעהנטערט ער זיך צו גאָט, דאַן איז אויך גאָט נאָהענט צו איהם און עס רוהט אויף איהם רוח־הקודש . . .

ה

צדקות פרזונו בישראל (ה׳ י״א)

רבי אושעיא זאָגט: „צדקות פרזונו בישראל״: השי״ת האָט געטהון צדקות צו די אידען מיט דעם וואָס ער האָט זיי, אין צייט פון גלות, פאַרשפּרייט איבער דער וועלט צווישען פאַרשיעדענע אומות. אַ מין (אַ רוימער) האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי חנינא (לויט׳ן ילקוט ר׳ יהודה הנשיא): „מיר, גוים, זענען בעסער פון אייך אידען. ווען איהר, אידען, זענט געזעסען אין אייער לאַנד, שטעהט: „כי ששת חדשים ישב יואב עד הכרית כל זכר באדום״ (מלכים א׳ י״א) און איהר אידען זיצט צווישען אונז שוין פיעל יאָהרען און מיר טהוען צו אייך גאָרנישט״. דער תלמיד ר׳ אושעיא האָט איהם געענטפערט דערויף: „איהר קאָנט אונז נישט פאַרניכטען אפילו ווען איהר זאָלט וועלען, ווייל נישט אַלע אידען זענען אונטער אייך. מיר זענען פאַרשפּרייט איבער דער וועלט און אויסצו׳הרג׳ענען די אידען וועלכע זענען אונטער אייך שעהמט איהר זיך, ווייל מען וועט אייך רופען אַ „מלכותא קטיעא״, אַ מערדערישע מלוכה״. דער רוימער האָט דאַן אויסגערופען: „איך שווער ביי דעם אַבגאָט פון רוים אַז שטענדיג טראַכטען מיר וועגען דעם״. (פסחים פ״ז וילקוט)

די פאַרשפּרייטונג פון די אידען איבער דער וועלט איז אויך אַ חסד פון השי״ת. די היסטאָריע באַווייזט אַז ווען אידען זענען פאַרפאָלגט געוואָרען אין איין לאַנד האָבען זיי געפונען אַ מקום מנוחה אין אַן אַנדער לאַנד . . .

ו

כי לא באו לעזרת ד׳ (ה׳ כ״ג)

עס שטעהט נישט „כי לא באו לעזרתנו״, נאָר „לעזרת ד׳ ״ — ווייל ווער עס העלפט אידען איז ווי ער וואָלט העלפען, כביכול, גאָט, און ווער עס שטעהט אויף געגען אידען איז ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען געגען גאָט, ווי עס שטעהט: „כי הנה אויביך יהמיון״ (תהלים פ״ג). עס שטעהט נישט „אויבינו״ נאָר „אויביך״. עס שטעהט אויך „וברוב גאונך תהרוס קמיך״ (שמות ט״ו). (מכילתא)

אידען זענען גאָט׳ס פאָלק, גאָט׳ס עדות, די פאַרשפּרייטער פון אמונה איבער דער וועלט, דעריבער ווער עס שטעהט אויף געגען זיי שטעהט אויך אויף געגען גאָט . . .

ז

לך בכחך זה והושעת את ישראל (ו׳ י״ד)

עס איז דאַן געווען פסח און גדעון האָט געזאָגט צו השי״ת: „מיין פאָטער האָט נעכטען געלייענט הלל און דאָרט שטעהט „בצאת ישראל ממצרים״ און איצט האָסטו אונז פאַרלאָזען? אויב אונזערע עלטערען זענען געווען צדיקים טאָ העלף אונז אין זייער זכות און אויב זיי זענען געווען רשעים און דו האָסט צו זיי געטהון נסים אומזיסט, טהו דאָס זעלבע אויך מיט אונז״. השי״ת האָט דאַן געזאָגט צו גדעון: „לך בכחך זה״ — מיט דעם כח וואָס דו האָסט מלמד זכות געווען אויף אידען מיט דעם כח ועסטו זיי העלפען „והושעת את ישראל״.

(רש״י בשם תנחומא)

דער וועלכער קאָן מלמד זכות זיין אויף אידען, דער וועלכער זעהט נאָר דאָס גוטע ביי אידען, נאָר דער איז ראוי צו זיין דער אמת׳ער מנהיג און איז בכח זיי אַרויסצוהעלפען אין זייער גרעסטע נויט . . .

ח

ויתלקטו אל יפתח אנשים רקים (י״א ג׳)

רבא האָט געפרעגט רבה בר מרי: פון וואַנען נעמט זיך דאָס שפרוך־וואָרט וואָס מענשען זאָגען: „דער שלעכטער טייטעלבוים שפּאַצירט אָפט צוזאַמען מיט אַנדערע אילני־סרק, פּוסטע בוימער״? רבה האָט געענטפערט: מען געפינט דאָס אין דער תורה, אין די נביאים און אין כתובים. אין דער תורה: וילך עשו אל ישמעאל (בראשית כ״א). אין נביאים: „ויתלקטו אל יפתח אנשים רקים״. אין כתובים: „כל עוף למינו ישכון ובני אדם לדומה לו״ (בן סירא). אויך אין דער משנה שטעהט: „המחובר לטמא טמא לטהור טהור״ (כלים פי״ב). די ברייתא זאָגט אויך: „לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו״.

(בבא קמא צ״ב)

ווילסטו קענען אַ מענש — זעה, ווער עס זענען זיינע חברים . . .

ט

ותרא דלילה כי הגיד לה את כל לבו (ט״ז י״ח)

פון וואַנען האָט דלילה געוואוסט אַז איצט זאָגט איהר שמשון דעם אמת? רב חנין זאָגט דערויף: אמת׳ע רייד דערקאָנט מען גלייך. אביי זאָגט:

ווען זי האָט געהערט פון שמשון „נזיר אלהים אנכי״ האָט זי געזאָגט: איצט בין איך זיכער אַז עס איז אמת, ווייל שמשון וועט נישט דערמאָהנען גאָט׳ס נאָמען אויף פאַלש.

(ילקוט שמעוני)

אמת׳ע רייד דערקאָנט מען באַלד, דערפאַר ווירקען זיי שטענדיג — עס איז אַ זינד צו ריידען פאַלשע רייד און נאָך גרעסער איז די זינד ווען מען דערמאָהנט דערביי גאָט׳ס נאָמען . . .

י

ויהי איש מהר אפרים ושמו מיכיהו (י״ז א׳)

דער תלמוד זאָגט: די חכמים האָבען נישט אַריינגעשטעלט מיכה צווישען די וועלכע האָבען נישט קיין חלק עולם הבא, ווייל ער האָט געגעבען ברויט צו די אָרימע וואַנדערער. דער תלמוד זאָגט אויך, אַז דער רויך פון פסל מיכה און דער רויך פון מזבח אין שילה פלעגען זיך אויסמישען און די מלאכים האָבען דאַן מיכה׳ן געוואָלט מזיק זיין, האָט השי״ת געזאָגט צו די מלאכים: „לאָזט איהם אָב, ער האָט אַ זכות, ער גיט זיין ברויט צו די וואַנדערער״.

(סנהדרין ק״ג)

רחמנות אויף מענשען און שפייזען די הונגעריגע איז אַזוי חשוב ביי השי״ת אַז ער איז צוליעב דעם מוחל אפילו אויף זיין אייגענעם כבוד . . .

שמואל (א׳)

א

ויהי איש אחד מן הרמתים צופים (א׳ א׳)

אַכט און פערציג נביאים און זיעבען נביאות זענען געווען ביי אידען. קיינער פון זיי האָט נישט געמינערט אָדער צוגעגעבען אפילו איין אות פון דעם וואָס שטעהט אין דער תורה. די צאָהל פון נביאים איז זאָגאַר געווען פיעל גרעסער, ווי עס שטעהט: ויהי איש אחד מן הרמתים. און ר׳ אבהו זאָגט דערויף: „מן הרמתים״ — איינער פון מאתים — פון צוויי הונדערט. אַנדערע זאָגען: עס זענען געווען פיעל מעהר ווי צוויי הונדערט. דאָך זענען פאַרשריבען געוואָרען נאָר די נביאות פון די אַכט און פערציג נביאים און זיעבען נביאות, וויל, זאָגט דער תלמוד, זייער נבואה איז געווען אַ נבואה לדורות, פאַר־אייביגע צייטען. די נבואה פון די אַנדערע אָבער זענען נאָר געווען צייט־ווייליגע, פאַר זייער צייט און נישט לדורות, דעריבער איז זייער נבואה נישט פאַרשריבען געוואָרען.

(מגלה י״ד)

ארץ ישראל איז געווען פול מיט רוח־הקודש, מיט נביאים. פאַראייביגט געוואָרען אין תנ״ך זענען נאָר די נבואות וואָס זענען פאַר אייביגע צייטען, פאַר אחרית הימים . . .

ב

ועלה האיש מעירו מימים ימימה להשתחות ולזבח לד׳ צבאות בשילה (א׳ ג׳)

אלקנה פלעגט יעדעס יאָהר מיט זיין גאַנצע פאַמיליע עולה רגל זיין קיין שילה. יעדעס יאָהר איז ער געגאַנגען דורך אַנדערע וועגען און וועמען ער האָט אָנגעטראָפען אויפ׳ן וועג האָט ער צוגערעדט זיי זאָלען מיט איהם צוזאַמען געהן, אַזוי־ערנאָך האָט ער באַאיינפלוסט מאַסען מענשען עולה רגל צו זיין. דאַן האָט השי״ת געזאָגט צו איהם: „אלקנה, דו האָסט מחנך געווען די אידען צו טהון מצוות, האָסט זיי באַאיינפלוסט צום גוטען, דערפאַר

וועל איך דיר געבען אַ זוהן וועלכער וועט אויך מחנך זיין, ערציהען די אידען אין מצוות". און צוליב דעם זכות פון אלקנה איז געקומען שמואל.

(ילקוט)

ווען די עלטערען אַרבייטען פאַר די פאַרשטאַרקונג פון אידישקייט, באַאיינפלוסען מענשען צו געהן אין גוטען וועג, דאַן קאָנען זיי זיין זיכער אַז אויך זייערע קינדער וועלען נאָכפאָלגען דעם זעלבען אידעאַל . . .

ג

ותתפלל חנה (ב׳ א׳)

אין די תפלה פון חנה איז מרומז די גאַנצע שמנה עשרה: „רמה קרני בד׳" איז אַנשטאָט מגן אברהם „ד׳ ממית ומחיה" — מחיה המתים. „אין קדוש כד׳" — האל הקדוש. „כי אל דעות ד׳" — אתה חונן. „ונכשלים עזרו חיל" — הרוצה בתשובה. „מוריד שאול ויעל" — המרבה לסלוח. „שמחתי בישועתך" — גואל ישראל. „מקימי מעפר דל" — רופא חולים, שבעים בלחם — מברך השנים. „רגלי חסידיו ישמר" — מקבץ נדחי עמו ישראל. „ד׳ ידין אפסי ארץ" — אוהב צדקה ומשפט. „ורשעים בחשך ידמו" — מכניע זדים. „ויתן עוז למלכו" — בונה ירושלים. „וירם קרן משיחו" — את צמח דוד. „ואין צור כאלהינו" — שומע תפלה. „אל תרבו תדברו גבוה" — שאותך לבדך ביראה נעבוד. „יצא עתק מפיכם" — הטוב שמך ולך נאה להודות. „ויתן עוז למלכו" — עושה השלום.

(ילקוט בשם ילמדנו)

לויט די טראַדיציע איז די תפלה גאַנץ אַלט, נאָך איידער מען האָט מסדר געווען די שמנה־עשרה איז זי געזאָגט געוואָרען ביי חנה און אויך פריהער ביי די אבות — „אבות תפלות תקנו". — „ויתן עוז למלכו" איז דעריבער מרומז אויף עושה השלום ווייל נאָר ווען דער מלך המשיח וועט קומען וועט דאַן הערשען אייביגער שלום איבער דער וועלט . . .

ד

ד׳ מוריש ומעשיר משפיל אף מרומם (ב׳ ז׳)

אַ פרוי (מטרונא) האָט געפרעגט רבי יוסי בן חלפתא: אין וויפיעל טעג האָט גאָט באַשאַפען די וועלט? אויף זיין ענטפער, אַז אין זעקס טעג האָט גאָט

באַשאַפען די וועלט, האָט זי איהם געפרעגט: וואָס טהוט גאָט אין דער גאַנצער צייט זינט ער האָט דער וועלט באַשאַפען? רבי יוסי האָט איהר געענטפערט: השי״ת איז מזווג זיווגים. האָט די מטרונא געזאָגט צו רבי יוסי: „דאָס קאָן איך אויך טון און אין אַ קורצערער צייט״. זי האָט באַלד פאַרזאַמעלט איהרע טויזענד קנעכט און טויזנד דינסטען, האָט זיי אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, איינע געגען די אַנדערע, און באַפוילען אַז יעדער איינער פון די קנעכט זאָל נעמען איינע פון די דיענסטען פאַר אַ פרוי. אויף מאָרגען האָט זי זיי אַלע געפונען צושלאָגענע און פאַרוואונדעט. זי האָט דאַן מודה געווען אַז מזווג זיין זיווגים קאָן נאָר גאָט און נישט קיין מענש. רבי ברכי׳ זאָגט: זינט השי״ת האָט באַשאַפען דער וועלט מאַכט ער לייטערס (סולמות) פאַר די מענשען, טייל פיהרט ער אַרויף אויף דעם לייטער און טייל נידערט ער אַראָב, ווי עס שטעהט: „ד׳ מוריש ומעשיר משפיל אף מרומם״.

(מדר״ר ותחומא)

פאַראייניגען מענשען ווי אויך פאַראייניגען פעלקער קאָן נאָר השי״ת אַליין. אויך דאָס שטייגען און דאָס פאַלען פון מענשען ווי אויך פון פעלקער איז דורך דער האַנד פון דער השגחה. דאָס ראָד פון דער היסטאָריע, זינט די באַשאַפונג פון דער וועלט, ווערט געפיהרט פון השי״ת אַליין . . .

ה

ויהי ארון ד׳ בשדה פלשתים שבעה חדשים (ו׳ א׳)

ווען אברהם אבינו האָט געגעבען זיעבען שעפסען צו אבימלך, מלך פלשתים, כדי צו מאַכען מיט איהם שלום, האָט דאַן השי״ת געזאָגט צו אברהם: „דו האָסט איהם געגעבען זיעבען שעפסען, דערפאַר וועט די שמחה פון דיינע קינדער אויפגעהאַלטען ווערען פאַר זיעבען דורות. און די פלשתים וועלען הרג׳ענען זיעבען צדיקים פון דיינע קינדער: שמשון, חפני, פנחס, שאול און זיינע דריי זיהן״. דו האָסט איהם געגעבען זיעבען שעפסען און זיינע קינדער וועלען חרוב מאַכען זיעבען משכנות פון דיינע קינדער: אהל־מועד, גלגל, נוב גבעון, שילה, און בית עולמים, און מיין ארון וועט ווערען געהאַלטען ביי זיי זיעבען חדשים״, ווי עס שטעהט: ויהי ארון ד׳ בשדה פלשתים שבעה חדשים.

(מדרש רבה)

די אידען האָבען פיעל אָוועקגעגעבען צו די אומות אום צו מאַכען שלום מיט זיי. די אומות האָבען זיי אָבער שטענדיג אָבגעצאָהלט מיט הריגות און חורבנות...

ו

ויאמר אליהם נחש העמוני בזאת אכרות לכם בנקור לכם כל עין ימין (י״א ב׳)

רבי לוי זאָגט: מיט דער פאָדערונג פון נחש העמוני „בנקור לכם כל עין ימין", אויסשטעכען יעדע רעכטע אויג, האָט ער געמיינט, די פאַרניכטונג פון די אידישע חילות, די אידישע אַרמיי, ווייל זי, די אַרמיי, איז דאָס רעכטע אויג פון פאָלק. רבי סימון זאָגט: ער האָט געמיינט צו פאַרניכטען די סנהדרין, די גייסטיגע פיהרער פון די אידען, וועלכע זענען די אויגען פון פאָלק, ווי עס שטעהט: „אם מעיני העדה" (במדבר ט״ו). די רבנן זאָגען: ער האָט דערמיט געמיינט די ספר תורה: ער האָט געהייסען זיך ברענגען אַ ספר תורה און פון דאָרט אויסשניידען דעם פסוק „לא יבא עמוני" און דאַן וועט ער מאַכען מיט זיי שלום.

(ילקוט שמעוני)

לויט רבי סימון און די רבנן איז די תורה און די גייסטיגע פיהרער דאָס רעכטע אויג פון אידישען פאָלק און נישט די מיליטעריזשע מאַכט. דער אידישער אידעאַל איז נישט פיזישע מאַכט נאָר גייסט, דער גייסט פון דער תורה . . .

ז

ויבא שאול עד עיר עמלק וירב בנחל (ט״ו ה׳)

ווען גאָט האָט געזאָגט צו שאול „לך והכית את עמלק", ער זאָל געהן און פאַרניכטען עמלק, האָט שאול געזאָגט: „אויב אַז מען הרג׳ט איין נפש האָט די תורה געהייסען ברענגען אַן „עגלה ערופה", מכל שכן אַז מען הרג׳ט אַזוי פיעל נפשות? און ווען די מענשען זענען ווערטה דעם טויט ווייל זיי האָבען געזינדיגט וואָס זענען שולדיג די בהמות? און אויב די גרויסע האָבען געזינדיגט וואָס זענען שולדיג די קליינע קינדער"? דאַן איז אַרויס אַ בת־קול פון הימעל און געזאָגט צו שאול: „אל תהי צדיק הרבה" — „זיי נישט צופיעל צדיק". שפּעטער ווען שאול האָט געהייסען אויס׳הרג׳נען די שטאָט נוב, עיר הכהנים, איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט צו איהם: „אל תרשע הרבה" — „זיי נישט צופיעל רשע". און רבי יהושע בן לוי זאָגט דערויף: דער וואָס דערבאַרעמט זיך אויף אכזרים דער ווערט צום סוף אַן אכזר איבער די וואָס מען דאַרף האָבען רחמנות. שאול האָט געהאַט רחמנות אויף דעם אכזר אגג, ווי עס שטעהט:

„ויחמול שאול והעם על אגג" און די שטאָט נוב עיר הכהנים האָט ער אויס־געהרג׳ט, ווי עס שטעהט: ואת נוב עיר הכהנים הכה לפי חרב".

(יומא כ״ב)

דער אידישער וועג איז דער מיטעל־וועג, דער וועג פון „צדק ומשפט"...

ח

ואת אחיך תפקד לשלום ואת ערובתן תקח (י״ז י״ח)

ערובתן איז דאָס זעלבע לשון ווי „ערב", ישי האָט געזאָגט צו דוד: „איצט איז געקומען די צייט אַז דו דוד וועלכער קומסט פון שבט יהודה זאָלסט ווערען דער „ערב" (גאַראַנטאַר) פאַר שאול וועלכער קומט פון שבט בנימין. אַזוי ווי דיין זיידע יהודה האָט ערב געווען פאַר בנימין. ער האָט געזאָגט „אנכי אערבנו" (בראשים י״ג) און האָט דאָס ערבות מקיים געוועזן ווי עס שטעהט: ישב נא עבדך תחת הנער (בראשית מ״ד). און ווען דוד האָט גע׳הרג׳ט גלית׳ן, האָט השי״ת געזאָגט צו דוד: „דו, פון שבט יהודה, האָסט זיך מוסר נפש געווען פאַר שאול פון שבט בנימין דערפאַר וועט דער בית־המקדש געבויט ווערען אין דעם חלק פון יהודה ובנימין", און ווען די שבטים זענען פאַרטריבען געוואָרען אין גלות זענען יהודה ובנימין נישט פאַרטריבען געוואָרען מיט זיי.

(מדרש תנחומא)

אחדות און מסירת נפש פון איין איד פאַר׳ן צווייטען, פון איין שבט פאַר׳ן צווייטען, קאָן ברענגען די גרעסטע נצחונות איבער׳ן שטאַרקסטען שונא. עס פיהרט אויך צו דער גאולה, צום בנין בית־המקדש . . .

ט

ויאמר דוד אל הפלשתי אתה בא אלי בחרב וגו׳ ואנכי בא אליך בשם ד׳ צבאות וגו׳ אשר חרפת (י״ז מ״ו)

ווען דוד האָט דערזעהן גלית, ווי שטאַרק ער איז, און איז באַוואָפענט מיט כל מיני כלי זיין האָט ער געזאָגט: „ווי אַזוי וועל איך איהם קאָנען בייקומען?" ווען, אָבער, ער האָט געהערט אַז גלית לעסטערט גאָט׳ס נאָמען, האָט דוד געזאָגט: „איצט ווייס איך אַז איך וועל איהם בייקומען ווייל ער האָט נישט קיין מורא פאַר גאָט".

(מדרש שוחר טוב)

דער גרעסטער גבור, באַוואַפענט מיט דעם שטאַרקסטען כלי־זיין, ווען ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיין פיזישע קראַפט מוז ענדליך פאַלען פאַר דעם וואָס איז, אפילו פיזיש שוואַך, אָבער שטאַרק אין מאָראַל און אין גלויבען...

י

כי גרשוני מהסתפח בנחלת ד׳ לאמר לך עבד אלהים אחרים

(כ״ו י״ט)

דער תלמוד פרעגט: האָט דען ווער געהייסען דוד׳ן ער זאָל דיענען די עבודה זרה? נאָר, זאָגט דער תלמוד, ווייל מען האָט דוד׳ן געצוואונגען צו פאַרלאָזען ארץ ישראל, און דער וועלכער פאַרלאָזט ארץ ישראל איז גלייך ווי ער וואָלט געדיענט דער עבודה־זרה.

(כתובות ק״י)

דאָס לעבען אין גלות, חוץ לארץ, ברענגט דעם איד, נישט ווילענדיג, צו דיענען פאַרשיעדענע עבודות זרות . . . ער גיט זיך איבער, נישט ווילענדיג, צו פרעמדע אידעען און אידעאַלען . . .

שמואל (ב׳)

א

עמד נא עלי ומותתני כי אחזני השבץ (א׳ ט׳)

די זינד, וועלכע איך בין באַגאַנגען מיט דעם אויס׳הרג׳נען נוב, די שטאָדט פון די כהנים, אָט די דאָזיגע זינד האָט מיר איצט אַרומגענומען, און צוליעב די זינד געה איך שטאַרבען. דאָ שטעהט: „כי אחזני השבץ" און ביי די בגדי כהונה, די קליידער פון כהן גדול, שטעהט: „משובצים זהב יהי׳ במלואותם" (שמות כ״ח).

(תנחומא)

דער שטאַרקסטער מענש מוז פאַלען אונטער די משא פון זיינע זינד. די זינד אַליין באַשטראָפט דעם זינדיגען, זיי באַאונרוהיגען זיין געוויסען, פאַר־פאָלגען איהם און פאַרניכטען איהם, ווי עס שטעהט: „תיסרך רעתך" . . .

ב

ויברך ד׳ את עבד אדום ואת כל אשר לו בעבור ארון האלהים

(ו׳ י״א)

רבי אליעזר בן רבי יוסי הגלילי האָט גע׳דרשה׳נט דעם דאָזיגען פסוק צום כבוד פון די וועלכע זענען גאַסט־פריינדליך צו תלמידי חכמים: ווען מיר זעהן ווי עבד אדום, דערפאַר וואָס ער האָט אָבגעגעבען זיין הויז פאַר׳ן ארון ד׳, וואָס האָט נישט געגעסען און נישט געטרונקען, האָט גאָט איהם געזאָגט: „ויברך ד׳ את עבד אדום", מכל שכן, דער וואָס נעהמט אויף אין זיין הויז תלמידי חכמים, איז זיי מהנה, גיט זיי עסען און טרינקען, ווערט געוויס געבענשט ווערען פון גאָט. אין דעם אָרט אין וועלכען צדיקים קומען קומט אַ ברכה צוליעב זיי: ווען יצחק איז געקומען קיין „גרר" שטעהט: „ויזרע יצחק בארץ ההיא" (בראשית כ״ו). ביי יעקב שטעהט: „נחשתי ויברכני ד׳ בגללך (שם ל׳). און ביי יוסף: „ויברך ד׳ את בית המצרי בגלל יוסף" (שם ל״ט).

(ברכות ס״ו)

מכבד זיין תלמידי חכמים איז אזוי וויכטיג ווי מכבד זיין דעם ארון ד׳, די ספר תורה. די תורה באַקומט איהר חשיבות דורך איהרע לערנער און ער־קלעהרער. ליידער זענען פאַראַנען פיעל, וועלכע גיבען אָב כבוד דער תורה און נישט די לערנער פון דער תורה . . .

ג

האתה תבנה לי בית (ב׳ ה׳)

דוד האָט געפרעגט ביי גאָט: פאַרוואָס עס איז איהם נישט ערלויבט צו בויען דעם בית המקדש, און גאָט האָט איהם געענטפערט: „אויב דו, דוד, זאָלסט בויען דעם בים המקדש וועט ער קיינמאָל נישט קאָנען חרב ווערען. איך זעה, אָבער, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען אידען וועלען זיין זינדיג און אנשטאט זיי צו פאַרניכטען וועל איך אויסלאָזען מיין כעס אויף דעם בית־המקדש און איהם חרוב מאַכען און די אידען וועלען אַזויערנאָך ניצול ווערען, ווי עס שטעהט: באהל בת ציון שפך כאש חמתו (איכה ב׳). „דערפאַר, אָבער, וואָס דו האָסט געטראַכט און געשטרעבט צו בויען דעם בית־המקדש, כאָטש ווירקליך וועט ער ווערען געבויט דורך דיין זוהן שלמה, וועט עס זיין פאַרשריבען אויף דיין נאָמען״, ווי עס שטעהט: מזמור שיר חנוכת הבית לדוד״ (תהלים ל׳).

(ילקוט שמעוני)

דער קיום האומה, דאָס לעבען און די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק, איז וויכטיגער ווי דער בית־המקדש. דער בית־המקדש באַקומט נאָר זיין חשיבות דורך דעם פאָלק . . . אַ גוטע אידעע, כאָטש זי ווערט פאַרווירקליכט דורך אַנדערע, ווערט עס דאָך פאַראייביגט אויף דעם נאָמען פון דעם באַשאַפער פון דער אידעע. דוד האָט געשאַפען די אידעע פון בנין בית המקדש, שלמה האָט זי פאַרווירקליכט אין טהאָט, דאָך טראָגט עס דעם נאָמען פון דוד . . .

ד

ויהי דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו (ח׳ ט״ו)

משפט וצדקה זענען צוויי פאַרשיעדענע באַגריפען. משפט איז — וואָס עס קומט לויט׳ן געזעץ, צדקה — וואָס מען גיט גוטוויליג כאָטש מען איז נישט מחויב לויט׳ן געזעץ, און דאָ שטעהט: „ויהי דוד עושה משפט וצדקה״ משפט איז דאָך נישט צדקה און צדקה איז נישט משפט? דער ענטפער איז דוד פלעגט זוכען צו מאַכען אַ פשרה, אַ קאָמפּראָמיס, און דערמיט האָט ער געטהון משפט און צדקה צוזאַמען. דער תלמוד זאָגט דערויף: עס איז אַ מצוה

אַז יעדער דיין זאָל מאַכען אַ פשרה צווישען בעלי דינים. פשרה ברענגט שלום, ווי עס שטעהט: „אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם" (זכרי' ה'). אויף אַן אַנדער אופן ערקלעהרט דער תלמוד די ווערטער „משפט וצדקה", אַז ווען דוד המלך האָט מחייב געווען איינעם אָבצוצאָהלען צום צווייטען און ער האָט נישט געהאַט צו צאָהלען האָט דוד פאַר איהם באַצאָהלט. אַזוי האָט דוד מקיים געווען משפט וצדקה. משפט צו איינעם און צדקה צום צווייטען.

(סנהדרין ו')

דער שלום צווישען מענשען, ווי אויך צווישען פעלקער, קאָן נאָר דערגרייכט ווערען דורך פשרה, קאָמפּראָמיס, דורך משפט און צדקה, דורך געגענזייטיגע פאַרשטענדיגונג און נאָכגעבונג . . .

ה

ויאמר לו המלך לך בשלום (ט"ו ט')

ווען מען געזעגענט זיך מיט אַ פריינד זאָל מען נישט זאָגען צו איהם „לך בשלום" נאָר „לך לשלום". יתרו האָט געזאָגט צו משה'ן „לך לשלום" (שמות ד') איז ער געגאַנגען און האָט מצליח געווען. דוד האָט געזאָגט צו אבשלום „לך בשלום" איז ער געגאַנגען און אויפגעהאָנגען געוואָרען. ווען אָבער מען נעהמט אבשייד פון אַ נפטר, פון אַ מת, זאָל מען זאָגען „לך בשלום", ווי עס שטעהט: „ואתה תבא אל אבותיך בשלום". (בראשית ט"ו).

(ברכות ס"ד)

דער מענש ביים לעבען שטרעבט אַלץ מעהר און מעהר צו העכערע מדרגות, דעריבער זאָגט מען צו איהם „לך לשלום". מען ווינשט איהם ער זאָל דערגרייכען צו דעם ציעל צו וועלכען ער שטרעבט. אַ נפטר, אָבער, קאָן שוין נישט מעהר דערגרייכען אויסער דאָס וואָס ער האָט ערגרייכט ביים לעבען. זאָגט מען צו איהם „לך בשלום", געה מיט דעם שלום, מיט דעם שלימות וואָס דו האָסט דערגרייכט . . .

ו

אתה וציבא תחלקו את השדה (י"ט ל')

ווען דוד האָט אָנגענומען די לשון הרע פון ציבא אויף מפיבושת און געזאָגט: „אתה וציבא תחלקו את השדה", איז אַרויס אַ בת־קול פון הימעל:

רחבעם און ירבעם זאָלען צוטיילען די אידישע מלוכה. רב יהודה זאָגט: ווען דוד וואָלט נישט מקבל געווען לשון הרע פון ציבא וואָלט דאָס מלכות בית דוד נישט צוטיילט געוואָרען, אידען וואָלטען נישט געדיענט דער עבודה זרה און זיי וואָלטען נישט פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד (שבת נ"ו).

ריידען און מקבל זיין לשון הרע איז איינע פון די גרעסטע זינד. דורך לשון הרע און רכילות, דורך אינטריגעס, זענען חרוב געוואָרען פיעל מלוכות. נאָך גרעסער איז די זינד ווען זי ווערט באַגאַנגען דורך אַ מנהיג, אַ פיהרער, ווייל פאַר די זינד פון מנהיג ווערט דאָס גאַנצע פאָלק געשטראָפט . . .

ז

מגדול ישועות מלכו

דאָ שטעהט „מגדול" מלא, מיט אַ „ואו", און אין תהלים שטעהט „מגדיל" (תהלים י"ח), ווייל די ישועה פון אידישען פאָלק וועט נישט קומען מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, און זי וועט ווערען וואָס אַמאָל גרעסער און פולער. נאָך „מגדול ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו שטעהט באַלד „השמים מספרים כבוד אל" (תהלים י"ט) ווייל ווען גאָט וועט טהון חסד צו דוד וועלען זיך אויך הימעל און ערד פרעהען.

(מדרש שוחר טוב)

די ישועה פון די אידען וועט זיך אויסשפרייטען און זיך פאַרגרעסערען. עס וועט זיין אַ ישועה נישט בלויז פאַר אידען נאָר אויך פאַר דער גאַנצער מענשהייט און עס וועט דאַן הערשען פרייד איבער דער גאַנצער וועלט . . .

ח

ויבא גד אל דוד ביום ההוא ויאמר לו עלה הקם לד' מזבח

(כ"ד ט"ז)

דוד איז געווען ערשטוינט און האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס עס זענען געפאַלען אַזוי פיעל פון פאָלק האָט גאָט צו איהם געזאָגט: דאָס איז זיי געקומען ווייל זיי האָבען נישט געמאָהנט דאָס בויען פון בית־המקדש און דער מדרש זאָגט דערויף, ווען זיי, די אידען אין דוד'ס צייט, וועלכע האָבען נאָך נישט געזעהן דעם בית־המקדש, זענען זיי אַזוי שטרענג באַשטראָפט געוואָרען. מיר, וועלכע האָבען שוין געהאַט דעם בית־המקדש, ווי גרויס וועט

זיין די שטראַף אויב מיר וועלען נישט שטרעבען איהם אויפצובויען. און דעריבער האָבען די נביאים מתקן געווען אַז אידען זאָלען בעטען דריי מאָל אין טאָג „השב שכינתך לציון״.

(מדרש שמואל)

„כל מי שלא נבנה בית־המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו״ — ווער עס איז פאַסיוו, און שטרעבט נישט מיט אַלע כחות צו דער אויפבויאונג פון ציון וירושלים איז גלייך ווי ער וואָלט געהאָלפען צום חורבן . . .

ט

ושמתי מקום לעמי לישראל ונטעתיו (ז׳ י׳)

רבי שמואל בר נחמן זאָגט: ווען אידען וועלען זיצען אויף זייער אָרט אין ארץ ישראל דאַן וועט אויך די וועלט זיין פאַרפעסטיגט און געזיכערט. עס שטעהט נישט אין פסוק „ושמתי מקום לעמי ישראל ונטעתם״ נאָר עס שטעהט „ונטעתיו״. דאָס געהט אויף דער גאַנצער מענשהייט, די גאַנצע וועלט. ווען אידען וועלען געפינען רוה אין זייער לאַנד וועט די גאַנצע וועלט זיין זיכער פאַרפלאַנצט אין זייערע ערטער.

(ילקוט)

„ישראל לב האומות״ (כוזרי) — ישראל איז דאָס האַרץ פון דער וועלט. ווען דאָס האַרץ וועט געפינען רוה, ווען אידען וועלען געפינען זייער מקום מנוחה אין ארץ ישראל, דאַן וועט אויך הערשען רוה און זיכערהייט אין דער וועלט . . .

מלכים (א׳)

א

והמלך דוד זקן בא בימים (א׳ א׳)

דער מדרש ברענגט דערויף דעם פסוק „עטרת תפארת שיבה בדרך צדקה תמצא״ (משלי ט״ז) אַ שעהנע און געקרוינטע עלטער באַקומט מען דורך צדקה. אברהם, אויף וועמען די תורה שרייבט „ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט״ (בראשית י״ח) האָט זוכה געווען צו זקנה: „ואברהם זקן בא בימים״ (שם כ״ד). אויך דוד, ווייל ער האָט געטהון צדקה: „ודוד עושה משפט וצדקה״ (שמואל ב׳ ה׳) האָט אויך זוכה געווען צו זקנה — „והמלך דוד זקן בא בימים״.

(מדרש תנחומא)

זקנה האָט נאָר דאַן אַ חשיבות ווען זי איז געקרוינט מיט יאָהרען פון צדקה און מעשים טובים...

ב

ויקרבו ימי דוד למות (ב׳ א׳)

דער מדרש פרעגט: פאַרוואָס שטעהט „ויקרבו ימי דוד למות״, עס האָבען זיך דערנעהנטערט די טעג פון דוד צו שטאַרבען. שטאַרבען דען די טעג, עס שטאַרבט דאָך דער מענש? און דער מדרש ענטפערט: ביי צדיקים שטאַרבען נאָר אָב די טעג, די טעג פון זייער לעבען הערען אויף צו עקזיסטירען, זיי אַליין אָבער שטאַרבען נישט, זיי עקזיסטירען אויך נאָכ׳ן טויט, ווי עס שטעהט: „יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם רוממות אל בגרונם״ (תהלים קמ״ט). צדיקים אפילו נאָך זייער טויט דערהויבען זיי גאָט׳ס נאָמען.

(מדרש רבה)

צדיקים, דורך זייערע גוטע מעשים, זענען אַ ביישפיעל, אַן עקזאַמפּל פאַר די צוקונפטיגע דורות. אַזוי־ערנאָך ווערט אפילו נאָך זייער טויט דערהויבען גאָט׳ס נאָמען און דאַדורך עקזיסטירען זיי אויך אין דער צוקונפט...

אם ישמרו בניך את דרכם (ב׳ ד׳)

דריי זאַכען זענען געגעבען געוואָרען מיט אַ תנאי, אַ באַדינגג: ארץ ישראל, בית־המקדש און מלכות בית־דוד. ארץ ישראל — שטעהט: „השמרו לכם פן יפתה לבבכם" וגו׳ (דברים י"א). בית־המקדש — „הבית הזה אשר אתה בונה אם תלך בחקתי" (מלכים א׳ ט׳). מלכות בית־דוד — „אם ישמרו בניך את דרכם" (תהלים פ"ט). צוויי זאַכען זענען געגעבען געוואָרען צו אידען אָהן אַ תנאי: די תורה און די כהונה. די תורה — שטעהט: „תורה צוה לנו משה מורשה" (דברים ל"ג). די כהונה — והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם. (במדבר כ"ו)

(מכילתא)

די אידען קאָנען עקזיסטירען פאַר אַ צייט אָהן ארץ ישראל, אָהן אַ בית־המקדש און אָהן מלכות בית־דוד. זיי קאָנען, אָבער, נישט עקזיסטירען אָהן תורה און אָהן עבודה, כהונה. און ווען אידען האָבען דורך זייערע זינד פאַרלוירן פאַר אַ צייט ארץ ישראל, בית־המקדש און מלכות בית־דוד, האָבען זיי אָבער קיינמאָל נישט אויפגעגעבען תורה און עבודה, די צוויי זענען אָהן אַ תנאי...

ד

ויתחתן שלמה את פרעה מלך מצרים ויקח את בת פרעה

(ג׳ א׳)

אין דער צייט ווען שלמה האָט גענומען די טאָכטער פון פרעה פאַר אַ ווייב איז אַראָבגעקומען דער מלאך גבריאל און האָט אַריינגעשטעלט אַ שטעקען אין ים (נעץ קנה בים) און אויף דעם דאָזיגען אָרט איז אַרויס אַ אינזעל אויף וועלכען עס איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרען די גרויסע כרך — רוים.

(סנהדרין כ"א)

די גרעסטע סכנה פאַר אידען איז — אַסימילאַציע. זי צוברעכט און פאַר־ניכטעט דעם כח פון דער אידישער אומה. אַסימילאַציע פיהרט צום חורבן פון אידישען פאָלק. דורך דעם שידוך פון שלמה מיט בת פרעה איז געקומען דער חורבן און גלות דורך רוים . . .

ה

וידבר שלשת אלפים משל (ה׳ י״ב)

רבי יונתן זאָגט: אין די יונגע יאָהרען האָט שלמה געשריבען שיר־השירים, שפּעטער—משלי, און צום לעצטענס, אויף דער עלטער, האָט ער געשריבען קהלת. דער שטייגער פון מענש איז, ווען ער איז יונג דאַן זינגט ער, ווען ער קומט אין די מיטעל־יאָהרען זאָגט ער משלים, חכמות, קלוגע רייד, ווען ער גרייכט די עלטער, זאָגט ער הבל־הבלים, ווי קהלת האָט געזאָגט.

(פסיקתא רבתי)

ו

ותשלם כל המלאכה וגו׳ ויבא שלמה את קדשי דוד אביו (ז׳ נ״א)

דוד המלך האָט צונויפגעזאַמעלט גרויסע אוצרות פון גאָלד און זילבער פאַר דעם בנין פון בית־המקדש. ווען עס איז געקומען די דריי יאָהר פון הונגער האָט דוד המלך בעסער געזאָלט אַרויסנעהמען די אוצרות און שפּייזען מיט זיי די הונגעריגע אום צו דערהאַלטען זיי ביים לעבען. דוד האָט דאָס נישט געטהון און השי״ת האָט דאַן געזאָגט צו איהם: „מיינע קינדער שטאַרבען פון הונגער און דו זאַמעלסט אוצרות פאַר אַ בנין. איך שווער, אַז נישט דו, נאָר דיין זוהן שלמה וועט בויען דעם בית המקדש און ער וועט דיינע אוצרות נישט דאַרפען באַנוצען.

(מדרש וילקוט)

די אויפהאַלטונג פון דאָס לעבען פון פאָלק איז פיעל וויכטיגער ווי דער בית המקדש. דער בית המקדש האָט נאָר דאַן אַ חשיבות ווען עס איז דאָ אַ פאָלק וואָס זאָל דיענען ג—ט אין איהם; נאָר דאַן באַקומט ער דעם נאָמען בית־המקדש . . .

ז

הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך (ח׳ כ״ז)

דאָ שטעהט: „הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך״ און אין אַן אַנדער פּסוק שטעהט: וכבוד ד׳ מלא את המשכן״ (שמות ט׳). עס איז אַ משל צו אַ מערה, אַ גרוב, וואָס האָט זיך געפונען ביים ברעג פון ים, ווען דער ים האָט געשטורעמט און די וואַסערען האָבען זיך אויסגעגאָסען איז דער גרוב פול

געוואָרען מיט וואַסער, אין דער זעלבער צייט, אָבער, זענען די וואַסערען פון ים נישט ווייניגער געוואָרען. אַזוי אויך כאָטש „וכבוד ד׳ מלא את המשכן״ איז דאָך גאָט׳ס כבוד נישט געמינערט געוואָרען אין קיין אָרט, נישט ביי די עליונים און נישט ביי די תחתונים, ווי עס שטעהט: „הלא את השמים ואת הארץ אני מלא״ (ירמי׳ כ״ג).

(מדרש)

גאָט׳ס כבוד הערשט איבעראַל, אויך אויסער די ווענט פון בית המקדש. איבעראַל וואו דער מענש געפינט זיך דאַרף ער דענקען וועגען גאָט, נישט ווי די יעניגע, וועלכע דענקען וועגען גאָט נאָר אין בית־המקדש, אָדער אין שוהל . . .

ח

והיו עיני ולבי שם כל הימים (ט׳ ג׳)

רבי אליעזר בן פדת זאָגט: אפילו ווען דער בית־המקדש איז חרב איז די שכינה נישט אַוועק פון דאָרט, ווי עס שטעהט: „והיו עיני ולבי שם כל הימים״. עס שטעהט אויך „קולי אל ד׳ אקרא ויענני מהר קרשו סלה״ (תהלים ג׳) אפילו ווען עס איז געבליבען נאָר בלויז אַ באַרג רוהט אויך די קדושה אויף איהם. רבי אחא זאָגט: די שכינה איז קיינמאָל נישט אַוועק פון דער כותל־מערבי, ווי עס שטעהט: הנה זה עומד אחר כתלנו (שה״ש ד׳).

(ירושלמי ברכות פ״ד)

אידען האָבען קיינמאָל נישט אויפגעגעבען דאָס הייליגע לאַנד, זיי האָבען שטענדיג געשטרעבט צוריקצוקומען קיין ארץ ישראל, ווייל די שכינה האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו רוהען דאָרט, און דאָס גיט אונז די רעכט ווידער צו באַזיצען דאָס לאַנד . . .

ט

וישלח ירבעם את ידו וגו׳ ותיבש ידו (י״ג ד׳)

דער כבוד פון די צדיקים איז ביי השי״ת טייערער ווי זיין אייגענער כבוד. ווען ירבעם איז געשטאַנען און מקריב געווען קרבנות צו דער עבודה־זרה איז זיין האַנד נישט אָבגעדאַרט געוואָרען, ווען, אָבער, ער האָט אויסגעשטרעקט

זיין האַנד צום נביא איז ער באַלד באַשטראָפט געוואָרען און זיין האַנד איז אָבגעדאַרט געוואָרען.

(ילקוט שמעוני)

צדיקים פאַרשפרייטען דעם כבוד ד׳ איבער דער וועלט. ווער עס פאַר־שוועכט דעם כבוד פון צדיקים פאַרשוועכט ער און פאַרקלענערט דעם כבוד פון השי״ת . . .

י

והכה ד׳ את ישראל כאשר ינוד הקנה במים (י״ד ט״ו)

דער תלמוד ברענגט דערויף דעם פסוק „נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא״ (משלי כ״ו) : עס איז בעסער, זאָגט דער תלמוד, די קללה מיט וועלכער אחיה השילוני האָט געשאָלטען די אידען ווי די ברכה מיט וועלכער בלעם האָט די אידען געבענשט : אחיה השילוני האָט געשאָלטען די אידען זיי זאָלען זיין ווי דער „קנה״, דער קנה איז אַ דין און שוואַך בוימעל, ער שטעהט ביים וואַסער, ער בויגט זיך לייכט פאַר יעדען שטורמווינט, ווען, אָבער, דער שטורם געהט איבער, גלייכט ער זיך דאַן צוריק אויס און בלייבט ווייטער שטעהן אויף זיין אָרט. בלעם, אָבער, האָט די אידען געבענשט זיי זאָלען זיין ווי דער „ארז״, וועלכער איז אַ שטאַרקער און גרויסער בוים, און ווען עס קומט איבער איהם אַ שטורעם־ווינט ווערט ער אויסגעריסען פון זיין אָרט און פאַלט אום.

(תענית כ׳)

שטאַרקע פעלקער, ווי שטאַרקע בוימער, זענען אויסגעריסען געוואָרען דורך וועלט־שטורמען און זענען אונטערגעגאַנגען. דאָס אידי׳שע פאָלק, אָבער, איז ווי דער שוואַכער קנה, די שטורמען פון דער צייט בויגען איהם, אָבער זיי פאַרניכטען איהם נישט. ווען דער שטורם געהט אַריבער שטעהט ער צוריק אויף . . .

יא

כי עזבו את בריתך בני ישראל (י״ט י׳)

דער מדרש זאָגט : אידען זענען געגליכען צו אַ אגוז, אַ ניסענבוים, ווי עס שטעהט : „אל גינת אגוז ירדתי״ (שה״ש ו׳) דער ניסענבוים איז גלאַטיג און

גליטשיג. ווער עס געהט אַרויף אויף איהם דאַרף זיך גוט היטען ער זאָל נישט אַראָבפאַלען. אַזוי ווער עס הערשט איבער אידען דאַרף זיין זעהר געהיטען. ער קאָן גיך אַראָבפאַלען און זיך אויסגליטשען. משה רבינו, ווייל ער האָט געזאָגט צו די אידען „שמעו נא המורים" איז צו איהם געזאָגט געוואָרען: „לכן לא תביאו את הקהל הזה" (במדבר כ'). ישעי' האָט געזאָגט: „ובתוך עם טמא שפתים אני יושב" (ישעי' ו') איז ער דערפאַר באַשטראָפט געוואָרען, ווי עס שטעהט „ובידו רצפה" (שם) — רצפה — „רצץ פה" — עס זאָל צושטערט ווערען דאָס מויל וועלכעס רעדט שלעכטס אויף אידען. אויך אליהו, ווען ער האָט געזאָגט אויף די אידען „כי עזבו את בריתך בני ישראל", איז צו איהם באַלד געזאָגט געוואָרען: „ואת אלישע בן שפט תמשח לנביא תחתיך".

(מדרש)

השי"ת וויל נישט מען זאָל ריידען שלעכטס אויף אידען ווי אַ פאָטער וויל נישט מען זאָל ריידען שלעכטס אויף זיינע קינדער. די גרעסטע מענשען זענען געשטראָפט געוואָרען ווען זיי האָבען מקטרג געווען אויף אידען . . .

יב

ויזעק יהושפט וד' עזרו (כ"ב ל"ב)

השי"ת איז נישט ווי אַ בשר ודם. ווען מען דאַרף אָנקומען צו אַ פריינד, אַ בשר ודם, נאָך הילף קאָן מען צו איהם נישט אַריינגעהן פלוצלינג. מען דאַרף פריהער רופען איינעם פון די בני בית צו זאָגען דעם פריינד אַז ער שטעהט ביי דער טיר און וויל אַריינקומען. ביי השי"ת, אָבער, איז נישט אַזוי. ווען אַ מענש איז אין אַ עת צרה דאַרף ער נישט רופען דעם מלאך מיכאל אָדער דעם מלאך גבריאל, נאָר ער ווענדעט זיך גלייך צו השי"ת און ער ענטפערט איהם, ווי עס שטעהט: „כל אשר יקרא בשם ד' ימלט" (יואל ג'). אויך דאָ ביי יהושפט שטעהט: „ויזעק יהושפט וד' עזרו".

(מדרש שוחר טוב)

השי"ת איז נאָהענט צו יעדען וואָס ווענדעט זיך צו איהם אין ערענסט און אויפריכטיג. דער מענש דאַרף נישט קיין פאַרמיטלער צווישען זיך און השי"ת. דאָס איז אַ וויכטיגער פרינציפּ פון אידישקייט . . .

מלכים (ב׳)

א

איש בעל שער ואזור עור אזור במתניו (א׳ ח׳)

רבי חנינא בן דוסא זאָגט: דער גאַרטעל וועלכען אליהו הנביא האָט געטראָגען האָט געשטאַמט פון דער פעל פון איל, וועלכען אברהם האָט מקריב געווען, אנשטאט יצחק׳ן, ביי די עקדה. דער דאָזיגער איל וועלכער איז באַשאַפען געוואָרען „בין השמשות" האָט יעדער טייל פון איהם געבראַנגט אַ באַזונדער נוצען: דאָס אַש פון איל איז געוואָרען דער יסוד, דער פונדאַמענט פון מזבח הפנימי. פון זיינע גידים, אָדערען, זענען געמאַכט געוואָרען די סטרונעס פאַר דעם „כנור דוד", דוד המלך׳ס האַרפע. פון דער פעל פון איל — דער גאַרטעל פון אליהו הנביא. דער לינקער האָרן פון דעם איל איז געווען דער שופר מיט וועלכען גאָט האָט געבלאָזען אויפן באַרג סיני, און דער רעכטער האָרן, וועלכער איז גרעסער ווי דער לינקער, וועט זיין דער שופר גדול, מיט וועלכען השי״ת וועט בלאָזען לעתיד לבוא, ווי עס שטעהט: „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול" (ישעי׳ כ״ז).

(ילקוט בשם פרקי דר׳ אליעזר)

די באַרייטקייט פון אידען זיך מקריב זיין פאַר גאָט וועגען — יסוד מזבח הפנימי — דער שטאַרקער גייסט פון אמונה און בטחון אויסגעדריקט דורך דוד המלך אין זיין תהלים, דער — כנור־דוד, — די קנאות און מסירת נפש פון אליהו, דאָס אַלעס שטאַמט פון דעם כח פון מסירת נפש פון אברהם ביי די עקדה, פון וועלכען דער איל איז געווען דער סימבאָל. דורך דעם זעלבען כח טראָגען אידען, מיט מסירת נפש, די תורה פון באַרג סיני ביז היינטיגען טאָג, און דורך דעם זעלבען כח פון אמונה און אויסהאַלטונג וועלען אידען זוכה זיין צום שופר של משיח, צו דער גאולה . . .

ב

ואלישע רואה והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו (ב׳ י״ב)

דער תרגום ר׳ יוסף זאָגט דערויף: אלישע האָט גערופען זיין רבי, אליהו מיט דעם נאָמען „רכב ישראל ופרשיו" ווייל אליהו מיט זיינע תפלות האָט מעהר גוטס געטהון פאַר אידען ווי קריגס־רייטוועגענער און רייטער.

(ילקוט שמעוני)

דאָס אידישע פאָלק איז שטאַרק דורך דעם גייסט און די תפלות פון זיינע נביאים און מיט דעם דאָזיגען כח טהוט ער איבערלעבען פיעל שטאַרקע פעלקער, וועלכעס זייער איינציגער כח איז אין פיזישע מאַכט, אין „רכב ופרשים" . . .

ג

ויהי הוא משתחוה בית נסרוך אלהיו ואדרמלך ושראצר בניו הכהו בחרב (י"ט ל"ז)

דער תלמוד דערצעהלט: ווען סנחרב, נאָך דער מפלה פון זיינע חיילות, איז אַנטלאָפען מיט זיינע צוויי זיהן, האָט ער אויפ'ן וועג געפונען ליגען אַ ברעט פון נח'ס תבה. סנחרב האָט דאַן אויסגערופען: „אָט דאָס איז דער גאָט וואָס האָט מציל געווען נח פון מבול. אויב איך וועל מצליח זיין וועל איך מיינע צוויי זיהן ברענגען צו איהם פאַר אַ קרבן". ווען די זיהן האָבען דאָס געהערט האָבען זיי גע'הרג'ט זייער פאָטער סנחרב, ווי עס שטעהט: „ואדרמלך ושראצר בניו הכהו בחרב".

(סנהדרין צ"ד)

ווען אַ פאָטער איז מקריב זיינע קינדער צו די פאַלשע עבודה־זרות איז דער סוף אַז די זעלבע קינדער זענען מורד אין פאָטער און זענען זיך ביטער נוקם אין איהם . . . אויך די נאָכפאָלגער פון פאַלשע פיהרער, ווען זיי געפינען אויס אַז זיי זענען שלעכט געפיהרט געוואָרען, שטעהן זיי אויף געגען זייער פיהרער און נעהמען נקמה פון איהם. די היסטאָריע האָט דאָס פיעל מאָל באַוויזען . . .

ד

בימים ההם חלה חזקיהו למות ויבא אליו ישעיהו בן אמוץ הנביא (כ' א')

ווען ישעי' איז געקומען מבקר חולה זיין חזקי' המלך האָט ישעי' געזאָגט צו חזקי': „כה אמר ד'", אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „צו לביתך", מאַך דיין צוואה, „כי מת אתה", דו געהסט שטאַרבען פון דער וועלט, „ולא תחיה", דו וועסט אויך נישט לעבען אויף יענער וועלט. אויף דער פראַגע פון חזקי': „פאַרוואָס קומט עס מיר"? האָט ישעי' איהם געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר וואָס דו האָסט נישט חתונה געהאַט, האָסט נישט מקיים געווען די מצוה פון

פריה ורביה״. חזקי׳ האָט דאַן געזאָגט צו ישעי׳: „איך האָב נישט חתונה געהאַט ווייל איך האָב געזעהן ברוח הקודש אַז איך וועל האָבען שלעכטע קינדער״. ישעי׳ האָט איהם דערויף געענטפערט: „בהדי כבשי דרחמנא למה לך״ — וואָס דאַרפסטו אַריינקלעהרען אין גאָט׳ס באַהאַלטענע וועגען — דו דאַרפסט טהון וואָס גאָט האָט געבאָטען. חזקי׳ האָט דאַן פאָרגעשלאָגען צו ישעי׳, אַז ער זאָל איהם געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, אפשר — האָט ער געזאָגט — אונזערעביידענס זכותים וועלען גורם זיין איך זאָל האָבען גוטע קינדער. ישעי׳ האָט איהם געענטפערט: „עס איז שוין צו שפעט. די גזרה איז שוין אַרויס״. דאַן האָט חזקי׳ אויסגערופען: „בן אמוץ, כלה נבואתך וצא״ — פאַרענדיג דיין נבואה און געה אַרויס. איך האָב אַ קבלה פון מיין זיידע, דוד, אַז, אפילו, ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט אויף דעם האַלז פון מענש זאָל ער זיך נישט מייאש זיין און נישט פאַרמיידען פון צו בעטען רחמים״.

(ברכות י׳)

דער מענש דאַרף נישט אַריינקלעהרען אין גאָט׳ס באַהאַלטענע וועגען. ער דאַרף היטען די תורה אָהן שום חקירות. אויך אין גרעסטען קריזיס טאָר דער מענש נישט פאַרלירען זיין האָפנונג און זיך נישט מייאש זיין, נאָר בעטען רחמים ביי דעם בעל הרחמים . . .

ה

וגחזי עבר לפניהם וישם את המשענת על פני הנער ואין קול ואין קשב (ד׳ ל״א)

ווען אלישע האָט געגעבען זיין שטעקען צו גחזי, האָט ער איהם באַפוילען אַז ער זאָל אויפ׳ן וועג צו קיינעם נישט ריידען, נאָר ער זאָל געהן און לייגען דעם שטעקען אויף דעם אינגעל. גחזי האָט פון דעם געלאַכט. מיט יעדען וועמען ער האָט געטראָפען אויפ׳ן וועג האָט ער גערעדט, און געזאָגט מיט שפאָט: „גלויבסטו אַז דער דאָזיגער שטעקען קאָן מחיה־מתים זיין״? און ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אמונה אין די ווערטער פון זיין רבי, אלישע, ווען ער האָט געלייגט דעם שטעקען אויף דעם אינגעל האָט דאָס נישט געווירקט „ואין קול ואין קשב״. נאָר ווען אלישע זעלבסט האָט מיט זיין מויל באַריהרט דאָס מויל פון קינד און מתפלל געווען דאַן האָט דער אינגעל געעפענט די אויגען.

(פרקי דר׳ אליעזר)

אהן אמונה קאָן מען קיין זאַך נישט אַדורכפיהרען, מיט אמונה קאָן מען וואונדער באַשאַפען, אויך אַ פּאַלק, ווען עס האָט אמונה, קאָן עס אויפשטעהן תחית־המתים . . .

ו

ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ד׳ ויך במחנה אשור (י״ט ל״ה)

דער תלמוד פרעגט: מיט וואָס האָט דער מלאך ד׳ געה׳רג׳ט די מחנה אשור? רבי אליעזר זאָגט: מיט זיין האַנד האָט ער איהר גע׳הרג׳ט, ווי עס שטעהט: „וירא ישראל את היד הגדולה״ (שמות י״ד). רבי יהושע זאָגט: מיט דעם פינגער פון גאָט, ווי עס שטעהט: „ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלהים היא״ (שם ח׳). אַנדערע זאָגען ער האָט אויף זיי געבלאָזען מיט דער נאָז און זיי זענען דערפון געשטאָרבען, ווי עס שטעהט: וגם נשף בהם ויבשו (ישעי׳ מ׳). רבי יצחק זאָגט: דער מלאך ד׳ האָט געעפענט זייערע אויערען און זיי האָבען געהערט דאָס שירה־געזאַנג פון די חיות זענען זיי געשטאָרבען, ווי עס שטעהט: „מקול המון נדדו עמים מרוממתיך נפצו גוים״ (————).

(סנהדרין צ״ה)

לויט רבי אליעזר און רבי יהושע זענען די אידישע שונאים באַזיעגט געוואָרען דורך מאַכט, דורך „יד ד׳״ — „אצבע אלקים״. לויט די אַנדערע אָבער, זענען זיי באַזיעגט געוואָרען נישט דורך מאַכט נאָר דורך גייסט. עס האָט אויף זיי אַ בלאָז געטהון דער גייסט פון גאָט, זיי האָבען דערהערט די שירה פון די חיות און זיי זענען אַזויערנאָך באַזיעגט געוואָרען . . . און דאָס איז אויך אַ צייכען אויף לעתיד . . .

ז

והערבים מביאים לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב (י״ז ו׳)

דער מדרש ברענגט דערויף דעם פסוק „וישלח את הערב ויצא יצוא ושוב עד יבשת המים מעל הארץ״ (בראשית ח׳ ז׳). ווען נח האָט אַרויסגעשיקט דעם עורב פון דער תבה האָט דער עורב געפרעגט: „פאַרוואָס, פון די אַלע בהמות, חיות און עופות וועלכע דו האָסט אין דער תבה, שיקסטו נאָר מיר״? נח האָט גענטפערט דעם עורב: „ווייל פון דיר האָט די וועלט קיין נוצען נישט, נישט פאַר עסען און נישט פאַר אַ קרבן״. דאַן האָט השי״ת געזאָגט צו נח: „נעהם דעם עורב צוריק אין דער תבה. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער עורב וועט

ברענגען גרויסע נוצען, „עד יבושת המים מעל הארץ", עס וועט קומען א צדיק, אליהו, וועלכער וועט מיט זיין ווארט ברענגען א טריקעניש אויף דער וועלט, וועל איך דאן דארפען האבען די עורבים זיי זאלען ברענגען שפייז פאר אליהו", ווי עס שטעהט: „והערבים מביאים לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב".

(מדר"ר)

עס איז נישט פאראן קיין איבעריגע זאך אויף דער וועלט וועלכעס גאט האט באשאפען. יעדע לעבעדיגע באשעפעניש ברענגט א נוצען. מען דארף זיך דעריבער באציהען מיט רחמנות צו יעדען בעל־חי, צו יעדע לעבעדיגע זאך, ווי עס שטעהט: „ורחמיו על כל מעשיו" . . .

ישעי׳

א

חזון ישעיהו בן אמוץ אשר חזה על יהודה וירושלים (א׳ א׳)

דאָס נביאות פון ישעי׳ איז געגליכען צו אַ פּאָטער, ווען זיין זוהן האָט איהם דערצאָרענט, האָט ער גערופען אַ סופר און איהם געהייסען אויפשרייבען און חתמ׳נען עדות אַז ער, דער פּאָטער, פאַרלייקענט זיין זוהן, ער זאָגט זיך אָב פון איהם. שפּעטער ווען דער זוהן איז געפאַלען צו די פיס פון פּאָטער און איהם איבערגעבעטען האָט דער פּאָטער איהם מוחל געווען, פאַרגעבען. ווען דער סופר האָט נאָכהער דערמאָהנט דעם פּאָטער וועגען דעם וואָס ער האָט איהם געהייסען אויפשרייבען אַז ער פאַרלייקענט זיין זוהן, האָט דער פּאָטער געזאָגט צום סופר: „חס ושלום״, דאָס קאָן נישט זיין. ווי קאָן איך מיר אָבזאָגען פון מיין איינציגען זוהן. עס דאַכט זיך דיר אויס אַז איך האָב דאָס געזאָגט. דאָס זעלבע איז מיט ישעי׳ הנביא! ווען די אידען האָבען דער־צאָרענט השי״ת האָט ער גערופען ישעי׳, איהם געהייסען שרייבען און עדות חתמ׳נען, „שמעו שמים והאזיני ארץ״ וגו׳ „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי״. ווען אידען האָבען נאָכהער תשובה געטהון האָט השי״ת אנשטאט „והם פשעו בי״ געזאָגט: „מחיתי כעב פשעיך״ (ישעי׳ מ״ד) „שובה אלי כי גאלתיך״ (שם) און ווען ישעי׳ האָט געפרעגט השי״ת, דו האָסט דאָך מיר געהייסען שרייבען אַז דו פאַרלייקענסט זיי? האָט השי״ת געענטפערט: עס קאָן נישט זיין, עס האָט זיך דיר געמוזט אויסדאַכטען, ווי עס שטעהט: וביד הנביאים אדמה (הושע י״ב).

(ילקוט שמעוני)

השי״ת קאָן נישט זיך אָבזאָגען פון אידען, ווי אַ פּאָטער קאָן זיך נישט אָבזאָגען פון זיין בן יחיד, און ווען אפילו, כביכול, ער צאָרענט אויף זיי איז עס נאָר צייטווייליג, אַ דמיון, עס דאַכט זיך אויס אַז ער צאָרענט . . .

ב

ישראל לא ידע עמי לא התבונן (א׳ ג׳)

„ישראל לא ידע״ — ישראל האָט נישט געוואוסט וואָס עס איז מיט איהם פריהער געשעהן — „עמי לא התבונן״ — מיין פאָלק פאַרשטעהט נישט וואָס

עס וועט זיין מיט איהם אין דער צוקונפט, ווי עס שטעהט: „עם נבל ולא חכם" (דברים ל"ג). „עם נבל" — דאָס פאָלק איז נאַריש, עס ווייסט נישט זיין פאַרגאַנגענהייט — „ולא חכם — און עס איז נישט קלוג, עס ווייסט נישט זיין צוקונפט.

(ספרי)

ווען אַ פאָלק לערענט נישט זיין היסטאָריע, איז נישט באַקאַנט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, קאָן ער נישט פאַרשטעהן און גלויבען אין זיין צוקונפט... די גרויסע פאַרגאַנגענהייט און וואונדערליכע געשעהענישען פון אידישען פאָלק זאָגען עדות אויף זיין גלאָררייכע צוקונפט . . .

ג

חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי (א׳ י"ד)

אַ גוי האָט געפרעגט רבי עקיבא: פאַרוואָס פייערט איהר נאָך אַלץ אייערע ימים־טובים ווען גאָט אַליין זאָגט אַז ער האָט זיי פיינד, ווי עס שטעהט: „חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי"? רבי עקיבא האָט איהם געענטפערט: עס שטעהט נישט: „חדשי ומועדי" שנאה נפשי — איך האָב פיינד מיינע ימים טובים — נאָר עס שטעהט „חדשיכם ומועדיכם" — אייערע ימים טובים האָב איך פיינד — און דאָס מיינט מען די ימים־טובים וועלכע ירבעם בן נבט האָט געשאַפען, ווי עס שטעהט: „ויעש ירבעם חג בחודש השמיני" (מלכים א׳ י"ב).

(מדרש תנחומא)

דער איד דאַרף היטען נאָר זיינע אייגענע נאַציאָנאַל־אידישע ימים טובים. אָבער נישט מיט־פייערען פרעמדע ימים טובים, פרעמדע שמחות — „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים"... (הושע ט׳)

ד

לכו נא ונוכחה יאמר ד׳ (א׳ י"ח)

לעתיד לבוא, זאָגט דער תלמוד, וועט השי"ת זאָגען צו די אידען „לכו נא ונוכחה", לאָמיר געהן און האָבען אַ וכוח. די אידען וועלען דאַן זאָגען צו השי"ת: פאַר וועמען זאָלען מיר האָבען דעם וכוח? ווער זאָל משפט'ן צווישען אונז? מיר קאָנען זיך נישט פאַרלאָזען אויף אברהם, ווען דו האָסט צו איהם געזאָגט: „ידוע תדע" (בראשית כ"ז) האָסט איהם געלאָזט וויסען אַז די אידען

וועלען זיין אין גלות האָט ער נישט געבעטען רחמים. זאָלען מיר האָבען דעם וכוח פאַר יצחק, וועלכער האָט געבענשט זיין זוהן עשו און געזאָגט: „והיה כאשר תריד" (שם מ"ז), אָדער פאַר יעקב, ווען דו האָסט איהם געזאָגט: „אנכי ארד עמך מצרים" און ער האָט נישט געבעטען רחמים? מיר פאַרלאָזען זיך, דעריבער נאָר אויף דיר אַליין. דאַן וועט השי"ת זאָגען: וויל איהר פאַרלאָזט זיך אויף מיר, זאָג איך אייך צו: „אם יהי׳ חטאיכם כשנים כשלג ילבינו".

(שבת פ"ט)

די שוידערליכע טראַגעדיע פון גלות ווייסט נאָר גאָט אַליין. דער גלות שטערט די התגלות פון מלכות שמים, די הערשאַפט פון צדק ויושר איבער דער וועלט, דעריבער, איז די איינציגע האָפנונג פאַר דער גאולה נאָר אויף השי"ת אַליין . . .

ה

וכתתו חרבותם לאתים (ב׳ ד׳)

אין דער משנה שטעהט: מען טאָר נישט אַרויסגעהן אין שבת און טראָגען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז, און ווער עס טראָגט אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין שבת איז חייב אַ חטאת. רבי אליעזר זאָגט: ער איז נישט חייב, וויל טראָגען געוועהר איז נישט קיין משא נאָר עס איז אַ ציהרונג, אַ תכשיט, ווי עס שטעהט: „חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך" (תהלים מ"ה). די חכמים זאָגען: דאָס טראָגען געוועהר איז נישט קיין ציהרונג, נאָר עס איז אַ שאַנדע, ווי עס שטעהט: „וכתתו חרבותם לאתים". און רבי אליעזר האָט זיי געענט־פערט אַז דער דאָזיגער פסוק געהט אויף משיח׳ס צייטען ווען עס וועלען אויפהערען מלחמות.

(שבת ס"ג)

נאָר ווען מלחמות וועלען אויפהערען אויף דער וועלט און קריגס-געוועהר וועלען ווערען אומנוצליך, דאַן וועט זיין אַ סמן אַז עס איז ימות־המשיח, אָבער נישט פריהער . . .

ו

ונשגב ד׳ לבדו ביום ההוא (ב׳ י"ז)

רב קטינא זאָגט: זעקס טויזענד יאָהר וועט די וועלט עקזיסטירען, די זיבענטע טויזענד וועט די וועלט זיין חרוב, ווי עס שטעהט: „ונשגב ד׳ לבדו ביום

ההוא״. די זיבענטע טויזענד וועט זיין אַ טאָג פון שבת, ווי עס שטעהט: „מזמור שיר ליום השבת״ (תהלים צ״ב). עס וועט דאַן זיין אַ טאָג „שכלו שבת״, ווייל ביי גאָט איז טויזענד יאָהר גערעכענט ווי איין טאָג, ווי עס שטעהט: „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול״ (שם צ׳). דער תנא דבי אליהו זאָגט: די זעקס טויזענד יאָהר טיילען זיך אין דריי חלקים: די ערשטע צוויי טויזענד זענען געווען יאָהרען פון „תהו״, וויסט, לעהר. די צווייטע צוויי טויזענד זענען די יאָהרען פון תורה, ווייל אין זיי איז געגעבען געוואָרען די תורה. די דריטע צוויי טויזענד יאָהר הייסען ימות המשיח, די יאָהרען פון משיח. און צוליעב אונזער זינד זענען שוין אַזוי פיעל יאָהרען אַוועקגעגאַנגען פון די ימות המשיח און משיח איז נאָך נישט געקומען.

(סנהדרין צ״ו ע״ז ט׳)

אָהן תורה איז די וועלט „תהו ובהו״, וויסט און לעהר. די תורה טהוט פאַרברייטען דעם וועג פאַר דעם קומען פון משיח. נאָך די ימות התורה קומען די ימות המשיח . . .

ז

ושפח אדני קדקד בת ציון (ד׳ י״ז)

ווען ירמיהו הנביא האָט געוואָרענט די אידישע טעכטער אַז זיי זאָלען תשובה טהון איידער דער שונא קומט, האָבען זיי, די אידישע טעכטער, געזאָגט צו ירמי׳: „אדרבה, זאָל ער קומען וואָס פריהער, ווען זייערע מושלים און שרים וועלען אונז זעהן וועלען זיי אונז ליעב קריגען און אונז נעהמען פאַר זייערע פרויען״. ווען די שונאים זענען אַריין קיין ירושלים האָבען די אידישע פרויען זיך שעהן אויסגעציערט און זענען זיי אַנטקעגען געגאַנגען. ווען אַ דוכוס (שר) האָט דערזעהן אַ אידישע פרוי האָט ער איהר אַריינגענומען אין זיין וואָגען דאַן האָט השי״ת געמאַכט אַז זיי זאָלען באַלד פאַרמאוסט ווערען ביי די דוכסים, זיי האָבען געקוקט אויף זיי ווי מצורעים און האָבען זיי אַרויס־געוואָרפען פון זייערע וועגענער.

(ילקוט בשם פסיקתא)

אַמאָל פלעגען די אידישע שונאים פיינט האָבען די אידען אָבער נישט די אידישע טעכטער . . . לעצטענס זענען אויך זיי די אידישע טעכטער פאַרהאַסט ביי די שונאים . . . עס איז גוט פאַר׳ן אידישען קיום . . .

ח

הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה (ה׳ י״ח)

רבי יוסי זאָגט: אין אָנהויב איז דער יצר הרע גלייך צו אַ דינער פאָדעם, געמאַכט פון שפינוועבס, אין דער ענדע, אָבער, איז ער גלייך צו גראָבע שטריק — כעבות העגלה״.

(סוכה נ״ב)

וואָס לענגער דער מענש געהט נאָך דעם יצר הרע, וואָס לענגער ער לעבט אין זינד, אַלץ שווערער איז איהם זיך פון די זינד אָבצורייסען . . .

ט

ביום ההוא יגלח ד׳ בתער השכירה (ז׳ כ׳)

דער תלמוד דערצעהלט: נאָך דער מפלה פון סנחרב האָט גאָט, אין געשטאַלט פון אַן אַלטען מאַן, געפרעגט סנחרב׳ן: וואָס וועסטו איצט זאָגען צו די מלכי מזרח און מערב, וועמענס לענדער דו האָסט איינגענומען און זייערע קינדער אויסגע׳הרג׳ט? סנחרב האָט געענטפערט: „איך געה שטענדיג אַרום מיט דער זעלבער מורא און איך ווייס נישט וואָס צו טהון״. דער אַלטער מאַן האָט איהם דאַן געגעבען אַן עצה, ער זאָל זיך פאַרשטעלען, זיך איבער־אַנדערשען אַזוי אַז מען זאָל איהם נישט מעהר דערקענען, און האָט איהם געהייסען ברענגען אַ שעהר, ער זאָל איהם אָבשעהרען די באָרד. ווען סנחרב איז געגאַנגען זוכען אַ שעהר איז ער אַריינגעקומען אין אַ שטוב וואו עס זענען געווען מלאכים און עס איז דאָרט געווען אַ מיהל. די מלאכים האָבען געמאַכט סנחרב׳ן אַרבייטען אין דער מיהל, מאָהלען קערנער. ווען עס איז פינסטער געוואָרען האָבען זיי געהייסען סנחרב׳ן ער זאָל געהן און ברענגען פייער. ווען ער האָט געטראָגען דאָס פייער האָט זיך זיין באָרד אָנגעצונדען, ווי עס שטעהט: „וגם את הזקן תספה״.

(סנהדרין צ״ו)

יעדער טיראַן, וועלכער זוכט דורך מאַכט און מלחמות צו באַצווינגען אַנדערע פעלקער, ווען ער באַקומט אַ מפלה, שטראָפט איהם דאַן זיין געוויסען, ער איז פול מיט פחד פאַר דער נקמה וואָס ערוואַרטעט איהם . . . דער טיראַן, און אויך דאָס פאָלק וואָס האָט איהם געשטיצט, זוכען דאַן זיך אויסצובעסערען און איבעראַנדערשען זיך . . . דאָס פאָלק קאָן נאָר אויסבעסערען זיך דורך

שווערע אַרבייט און אויך דורך ליכט און גייסטיג לעבען . . . עס מוז אויך אָוועקוואַרפען זיין גאוה און זיין גלויבען אין מאַכט, אין דער שווערד . . . סנחרב איז דער עקזאַמפל פאַר יעדען אַנפאַלער, טיראַן . . .

י

והיה ביום ההוא יוסיף ד׳ שנית ידו לבנות את שאר עמו

(י״א י״א)

רבי יהושע דסכנין זאָגט אין נאָמען פון ר׳ לוי: השי״ת האָט גענומען די ווערטער פון די אבות און האָט פון זיי געמאַכט אַ מפתח, אַ שליסעל צו דער גאולה פון זייערע קינדער. השי״ת האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „דו האָסט געזאָגט: „והיה ד׳ לי לאלהים" (בראשית כ״ח). איך שווער, אַז אויך אַלע ברכות און טובות וואָס איך וועל געבען צו דיינע קינדער וועלען זיי אויך געגעבען ווערען מיט דעם וואָרט „והיה", ווי עס שטעהט: „והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים" (זכרי׳ י״ד). „והיה ביום ההוא יוסיף ד׳ שנית ידו" וגו׳. „והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסיס" (יואל ד׳). „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול" (ישעי׳ כ״ז).

(מדרש רבה)

אמונה איז דער מפתח, דער שליסעל צו דער גאולה. ווען אידען וועלען זיך האַלטען ביי דער אמונה פון זייערע אבות, זיי וועלען שטענדיג זאָגען, ווי יעקב, „והיה ד׳ לי לאלהים", וועלען זיי זוכה זיין צו דער צוגעזאָגטער גאולה...

יא

והיה כי ירעב והתקצף וקלל במלכו ובאלהיו (ח׳ כ״א)

השי״ת האָט געזאָגט צו די אידען: „לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב" (שמות כ׳). „איהר זאָלט זיך נישט פיהרען מיט מיר ווי די עובדי־אלילים זענען זיך נוהג מיט זייערע געטער". זיי, די עובדי־אלילים, ווען עס געהט זיי גוט זענען זיי מכבד זייערע געטער, ווען אָבער עס געהט זיי שלעכט שעלטען זיי זייערע געטער, ווי עס שטעהט: „והיה כי ירעב והתקצף". איהר אידען, אָבער, ווען עס געהט אייך גוט דאַנקט איהר און לויבט גאָט און אויך ווען עס איז אייך שלעכט לויבט איהר אויך גאָט, ווי עס שטעהט: „כוס ישועות ובשם ד׳ אקרא, צרה ויגון אמצא ובשם ד׳ אקרא" (תהלים קט״ז). אויך איוב האָט געזאָגט: „ד׳ נתן וד׳ לקח יהי שם ד׳ מבורך" (איוב א׳).

(מדרש)

דער איד פאַרצווייפעלט קיינמאָל נישט, אפילו, אין די שלעכטסטע צייטען. ער איז מקבל באהבה, דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע, און דאָס איז דער יסוד פון זיין קיום, פון זיין אייביגקייט . . .

יב

עוד היום בנוב לעמד ינפף ידו הר בת ציון גבעת ירושלים

(י׳ ל״ב)

ווען סנחרב איז צוגעקומען צו ירושלים און געזעהן די שטאָדט און דאָס לאַנד האָט ער אויפגעהויבען זיין האַנד און געזאָגט: „אָט דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איך האָב מיר אַזוי געאיילט איינצונעמען? עס איז דאָך אַזוי קליין, און צוליעב דאָס דאָזיגע קליינע לאַנד האָב איך פריהער געמוזט איינגעמען גרויסע און מעכטיגע לענדער?" און סנחרב האָט געזאָגט: „נאָך וואָס דאַרף איך מיר איילען, זאָלען זיך מיינע חיילות אויסרוהען איבער נאַכט, מאָרגען וועט יעדער פון זיי, מיט אַ שטיקעל ליים אין האַנד, באַוואַרפען דאָס קליינע לאַנד און עס חרוב מאַכען." אין יענער נאַכט, ווען סנחרב׳ס חיילות האָבען גערוהט, איז געשעהן דער גרויסער נס: „ויהי בלילה ההיא ויצא מלאך ד׳ ויך במחנה אשור וגו׳ והנה כלם פגרים מתים" (מלכים ב׳ ל״ה).

פיעל שונאי ישראל מיינען אַז עס איז זיי זעהר לייכט דאָס קליינע פאָלק ישראל צו פאַרניכטען, שטענדיג, אָבער, געשעהט אַ נס און דאָס אידישע פאָלק ווערט ניצול פון די הענד פון זיינע פיינד און עקזיסטירט ווייטער . . .

יג

וגר זאב עם כבש (י״א ו׳)

וועגען די דאָזיגע צייט זאָגט דער פסוק: „מזמור שיר ליום השבת" (תהלים צ״ב). „שבת" איז דאָס זעלבע ווי „משבית", צושטערען. גאָט וועט צושטערען די חיות רעות, די מזיקים פון דער וועלט, ווי עס שטעהט: „והשבתי חיה רעה מן הארץ" (ויקרא כ״ו), איך וועל צושטערען די חיה־רעה פון דער וועלט. רבי יוחנן זאָגט: די חיות רעות וועלען נישט פאַרניכטעט ווערען, זיי וועלען פאַרבלייבען, נאָר עס וועט אַוועקגענומען ווערען פון זיי זייער כח, זיי וועלען נישט קענען מעהר מזיק זיין, און דאָס וועט זיין מעהר וואונדער און שבח פאַר השי״ת.

(תורת כהנים)

דער אידישער גייסט זוכט נישט די פאַרניכטונג פון קיינעם, אפילו פון שלעכטען, נאָר די פאַרניכטונג פון דאָס שלעכטס, עס זאָל אויפהערען דאָס שלעכטס אין דער וועלט. דאָס איז די אידישע האָפנונג פאַר אחרית־הימים . . .

יד

איך נפלת משמים הילל בן שחר (י״ד י״ב)

גאָט וועט פריהער באַשטראָפען דעם שר אין הימעל פון דעם מלכות־הרשעה און דערנאָך דעם מלכות זעלבסט, ווי עס שטעהט: „והיה ביום ההוא יפקוד ד׳ על צבא המרום במרום״ און דערנאָך „על מלכי האדמה באדמה״ (ישעי׳ כ״ד). אויך דאָ שטעהט פריהער: „איך נפלת משמים הילל בן שחר״ און דערנאָך שטעהט: „נגדעת לארץ חולש על גוים״. עס שטעהט אויך פריהער: „כי רותה בשמים חרבי״ און דערנאָך שטעהט: „על אדום תרד״ (שם ל״ד).

(מכילתא)

ווען אַ פאָלק ווערט גייסטלאָז, עס פאַרלירט דעם הימלישען גייסט און יאָגט זיך נאָר נאָך מאַטעריעלע מאַכט, דאַן צופאַלט עס פון זיך זעלבסט און עס דערנעהנטערט זיך זיין אונטערגאַנג . . .

טו

הוי המון עמים רבים כהמות ימים יהמיון (י״ז י״ב)

די אידען, זאָגט דער מדרש, זענען געגליכען צו חול הים, דאָס זאַמד פון ים, ווי עס שטעהט „והיה מספר בבני ישראל כחול הים״ (הושע א׳). און די אומות זענען געגליכען צום ים, „כהמות ימים יהמיון״. זיי, די אומות, שטורמען שטענדיג געגען די אידען און טראַכטען שלעכטס געגען זיי, נאָר גאָט שוואַכט אָב זייער גבורה, ווי עס שטעהט: „והרשעים כים נגרש״ (ישעי׳ נ״ז). יעדער גל, יעדע כוואַליע פון ים זאָגט „איך וועל געהן און פאַרפלייצען די וועלט״, אָבער ווען די כוואַליע דערגרייכט דאָס זאַמד פון ברעג ים ווערט זיין כח אונטער־בראָכען. דאַך קומט באַלד נאָך איהם אַ צווייטע כוואַליע און לערענט גאָרנישט פון דער ערשטער. דאָס זעלבע איז מיט די אידישע שונאים: פרעה האָט געוואָלט פאַרניכטען די אידען און געהאַט אַ מפלה. נאָך איהם זענען, מיט דעם זעלבען געדאַנק, געקומען עמלק, סיחון ועוג, בלעם און בלק און איינער האָט נישט געלערנט קיין מוסר פון אַנדערען.

(ילקוט בשם ילמדנו)

אַזוי ווי די כוואַליעס פון ים ווערען צובראָכען ווען זיי קומען צו די ברעגעס אַזוי ווערען אויך די אידישע פאַרפאָלגער צובראָכען. ווי די כוואַליעס קומען זיי איינער נאָך דער אַנדערער, די רדיפות אויף אידען פון זייערע שונאים ווידערהאָלען זיך. זייער ציעל, אָבער, ווילען זיי קיינמאָל נישט דערגרייכען...

טז

משא דומה אלי קרא משעיר (כ״א י״א)

רבי יוחנן זאָגט: דער מלאך וועלכער איז ממונה איבער די ,רוחות״ הייסט מיט׳ן נאָמען ,,דומה״. די ,,רוחות״ האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אַרום ,,דומה״ און איהם געפרעגט ,,שומר מה מלילה, שומר מה מליל״, ווי לאַנג וועט זיך ציהען די נאַכט, דער גלות? און ער האָט זיי געענטפערט: ,,אתא בקר וגם לילה״, דער מאָרגען, די גאולה, וועט קומען, כאָטש עס איז אַזוי לאַנג די נאַכט.

(סנהדרין צ״ד)

דער גלות, די נאַכט, ציהט זיך זעהר לאַנג און די בייזע ווינטען, די ,,רוחות״, שטורמען דורך דער נאַכט. דאָך וועט אָנקומען דער מאָרגען, די גאולה. ,,אם תבעיון בעיו שובו אתיו״. מען קאָן צואיילען די גאולה דורך שטרעבען צו איהר, און אויך דורך דאָס מאַכען זיך ווערטה פאַר דער גאולה — דורך תשובה און מעשים טובים . . .

יז

על כן אמרתי שעו מני אמרר בבכי (כ״ב ד׳)

רבי שמעון בן אלעזר זאָגט: אין דריי צייטען האָבען די מלאכי־השרת געוואָלט זאָגען שירה און גאָט האָט זיי נישט געלאָזען: אין דער צייט פון דור המבול, ווי עס שטעהט: ,,לא ידון רוחי באדם״ (בראשית ו׳), אויך ביי דעם ים האָט השי״ת נישט ערלויבט די מלאכים שירה זאָגען, ווי עס שטעהט: ,,ולא קרב זה אל זה כל הלילה״ (שמות י״ד) און אין דער צייט פון חורבן בית־המקדש, ווי עס שטעהט: ,,שעו מני אמרר בבכי״. ווען ביים חורבן האָבען די מלאכים געוואָלט זאָגען שירה האָט השי״ת צו זיי געזאָגט: ,,אל תאיצו לנחמני״. ,,אייער שירה, איצט, איז נישט קיין טרייסט פאַר מיר נאָר זיי דערצאָרענען מיר (יאיצו־נאצה). זיי זיינען דברי נאצה״. ,,כי יום מהומה ומבוסה ומבוכה״. עס איז אַ טאָג פון צומישעניש, פון רויב און געוויין.

(ילקוט שמעוני)

ווען די וועלט און מענשען זענען אין צער איז אויך „כביכול״, די שכינה אין צער, און ווען איינער איז אין צער קאָן ער נישט פאַרטראָגען קיין שירה.

יח

והנה ששון ושמחה הרוג בקר ושחוט צאן (כ״א י״ג)

ווען דער צבור איז אין צער, לערנען אונז אונזערע חכמים, זאָל דאַן אַ מענש נישט זאָגען: „איך וועל עסען און טרינקען און זיין צופריעדען״. אויף דעם דאָזיגען מענשען זאָגט דער פסוק „והנה ששון ושמחה הרוג בקר״ וגו׳ „ונגלה באזני ד׳ צבאות אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון״. דער, אָבער, וואָס לייד מיט מיט דעם צבור איז ער זוכה צו זעהן די נחמה פון צבור. מיר געפינען אויך ביי משה רבינו ווי ער האָט מיטגעליטען מיט׳ן צבור, ווי עס שטעהט: „ויקחו אבן וישימו תחתיו״ (שמות י״ז). האָט דען משה נישט געהאַט אַ קישען צו זיצען וואָס ער האָט באַדאַרפט זיצען אויף אַ שטיין? נאָר משה האָט געזאָגט: אידען זענען אין אַ מלחמה און אין צער וויל איך אויך אַנטייל נעהמען אין זייער צער.

(תענית י״ח)

דער וועלכער טיילט זיך אויס פון כלל ישראל, ליידט נישט מיט מיט׳ן כלל, דער איז ווי אַן אָבגעשניטענער אבר פון פאָלקס־קערפער, אַן אָבגעַ־שטאָרבענער גליעד. ער וועט אויך, דעריבער, נישט קאָנען אַנטייל נעהמען אין דער שמחה ווען עס וועט קומען די נחמה . . .

יט

לך עמי בא בחדריך (כ״ה כ׳)

ווען עס קומט אַ שלעכטע צייט, זאָל זיך דער מענש נישט שטעלען געגען די צייט, ער זאָל לאָזען די צייט אַריבערגעהן. השי״ת אַליין האָט זיך נישט געשטעלט געגען די צייט, ווי עס שטעהט: „השיב אחור ימינו״ (איכה ב׳). אברהם איז אַנטלאָפען פאַר נמרוד, יצחק איז אַנטלאָפען פאַר די פלשתים, יעקב — פאַר עשו, משה איז אַנטלאָפען פאַר פרעה און דוד — פאַר שאול און אבשלום. ווען עס קומט אַ שלעכטע צייט דאַרף דער מענש נישט מתרעם זיין געגען גאָט. „לך עמי בא בחדריך״; קוק אַריין אין די טיעפע חדרים פון דיין האַרץ וועסטו אויסגעפינען פאַרוואָס גאָט האָט דאָס געברענגט.

(מדרש תנחומא) ..

ווען עס קומען שלעכטע צייטען דאַרף מען נישט פאַרצווייפלען נאָר מיט געדולד איבערוואַרטען. דאָס שלעכטע איז נישט פאַר שטענדיג, עס איז איבער־געהענד, „חבי כמעט רגע עד יעבור זעם״ . . . דער מענש דאַרף נישט האָבען טענות צו השי״ת ווען עס איז איהם שלעכט. ווען ער וועט גוט זוכען וועט ער געפינען דערין זיין אייגענע שולד . . .

כ

לכן הנני יוסף להפליא את העם הזה הפלא ופלא (כ״ט י״ד)

ביי השי״ת איז דאָס שטאַרבען פון צדיקים פיעל שווערער, ווי די אַכט־און־ניינציג קללות פון דער תוכחה. עס איז אויך שווערער פון דעם חורבן בית המקדש. ביי די תוכחה שטעהט: „והפלא ד׳ את מכותך״ (דברים כ״ח), און ביים חורבן בית המקדש שטעהט: „ותרד פלאים״ (איכה א׳). אויף די הסתלקות פון צדיקים שטעהט: „הנני יוסף להפליא את העם הזה הפלא ופלא״, און דאָס איז דערפאַר ווייל מיט דעם אַוועקגעהן פון די חכמים ונבונים פון דער וועלט געהט אויך פאַרלוירען די חכמה און בינה, ווי עס שטעהט: „ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר״.

(מדרש איכה)

גרויסע מענשען, צדיקים, שטאַרקען דאָס פאָלק עס זאָל קאָנען אַדורכ־טראָגען די קללות און די חורבנות. דעריבער איז דאָס אויספעהלען פון גרויסע מענשען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר׳ן פאָלק . . .

כא

נשים שאננות קומנה (ל״ב ט׳)

עס איז גרעסער די הבטחה וואָס השי״ת האָט צוגעזאָגט צו די פרויען ווי צו די מענער, ווי עס שטעהט: „נשים שאננות קומנה וגו׳ בנות בוטחות האזנה אמרתי״. רב האָט געפרעגט ר׳ חייא: מיט וועלכען זכות זענען די פרויען זוכה צו עולם הבא? ר׳ חייא האָט געענטפערט: מיט דעם זכות וואָס זיי, די פרויען, פיהרען זייערע קינדער צום לערנען און ברענגען זיי צוריק פון לערנען. אויך וואָס זיי וואַרטען פאַר זייערע מענער ביז זיי קומען פון בית המדרש, פון לערנען.

(ברכות י״ח)

די ווירקונג פון די פרויען אויף דער גוטער ערציהונג פון זייערע קינדער איז זעהר גרויס און וויכטיג. זיי, די פרויען, קאָנען אויך פיעל ווירקען אויף זייערע מענער צום גוטען . . .

כב

והיה אמונת עתיך חסן ישועות חכמת ודעת (ל״ג ו׳)

דער תלמוד זאָגט: דער דאָזיגער פסוק איז מרמז אויף די ששה סדרי משנה, די זעקס חלקים פון משניות: „אמונת״ איז סדר זרעים, ווייל דער מענש וואָס זייהט האָט אמונה אין גאָט אַז ער וועט שיקען זיין ברכה און עס וועט וואַקסען. „עתיך״ איז סדר מועד, חוסן איז סדר נשים, ישועות — סדר נזיקין, „חכמת״ — סדר קדשים, „ודעת״ איז סדר טהרות, אָבער ווען מען לערענט, אפילו, דאָס אַלעס איז עס נאָר דאַן גוט ווען מען האָט דערצו אויך יראת שמים, ווי עס שטעהט: „יראת ד׳ הוא אוצרו״.

(שבת לא, זעה רש״י דאָרט)

תורה האָט נאָר אַ ווערטה ווען מען האָט דערצו אויך יראת שמים. תורה, אַלס בלויזע וויסענשאַפט, אָדער צוליעב גאוה און כבוד, האָט נישט קיין ווערטה...

כג

העם היושב בה נשוא עון (ל״ג כ״ד)

רבי מאיר זאָגט: דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל איז ארץ ישראל מכפר אויף זיינע זינד, ווי עס שטעהט: „העם היושב בה נשוא עון„ עס שטעהט אויך „וכפר אדמתו עמו״ (דברים ל״ב). רבי מאיר זאָגט אויך: דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל און לייענט קריאת־שמע יעדען טאָג אין דער פריה און אויף דער נאַכט און רעדט לשון הקודש איז פאַרזיכערט אַז ער איז א בן עולם־הבא.

(ספרי)

דאָס אידישע לאַנד, ארץ ישראל, די תורה און אמונה (קריאת־שמע) און אויך די שפּראַך, לשון הקודש, דאָס זענען די איינציגע זאַכען וועלכע פאַרזיכערען דעם אידישען פאָלק אַן אייביגען קיום . . .

כד

ונהפכו נחליה לזפת ועפרה לגפרית והיתה ארצה לזפת בערה

(ל״ד ט׳)

אויף סדום און אויף מלכות אדום איז נגזר געוואָרען אַז זיי זאָלען פאַר־ברענט ווערען אין פייער און השי״ת האָט געזאָגט: דאָס ברען־מאַטעריאַל פאַר סדום וועל איך געבען, ווי עס שטעהט: „וד׳ המטיר על סדום ועל עמורה גפרית ואש מאת ד׳ מן השמים״ (בראשית י״ט). מלכות אדום, אָבער, וועט אַליין ברענגען דאָס פייער אין וועלכען זי וועט פאַרברענט ווערען אויף אייביג, ווי עס שטעהט: „ונהפכו נחלי׳ לזפת וגו׳ לילה ויומם לא תכבה לעולם יעלה עשנה״.

(ילקוט בשם ילמדנו)

לויט דעם דאָזיגען מאמר, איז געזאָגט געוואָרען די נבואה, אַז דאָס מלכות הרשעה וועט אַליין אָנצינדען אַ פייער איבער דער וועלט דורך וועלכען זי וועט פאַרניכטעט ווערען אויף אייביג . . .

כה

נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם (מ׳ א׳)

דער מדרש ברענגט דערביי אַ משל צו אַ מלך וואָס האָט אָנגעשטעלט אַ גערטנער פאַר זיין וויינגאָרטען. ווען דער ווייז איז געווען גוט, האָט דער מלך געזאָגט: „ווי גוט איז דער וויין פון מיין גאָרטען״. ווען, אָבער, דער וויין איז געווען שלעכט האָט ער געזאָגט: „אָה, ווי שלעכט איז דער וויין פון מיין גערטנער׳ס גאָרטען״. דער גערטנער האָט דאַן געזאָגט צום מלך: „אדוני המלך! דער גאָרטען איז נישט מיינער נאָר דיינער און סיי ווען דער וויין איז גוט, סיי ווען ער איז שלעכט איז עס אַלץ דער וויין פון דיין גאָרטען״. דאָס זעלבע איז מיט די אידען: פריהער האָט השי״ת געזאָגט צו משה׳ן „והוצא את עמי בני ישראל ממצרים״ (שמות ג׳). ער האָט זיי אָנגערופען „עמי״ — מיין פאָלק. ווען, אָבער, זיי האָבען געמאַכט דאָס עגל, האָט השי״ת געזאָגט: „לך רד כי שחת עמך״ (שם ל״ד). „עמך״ — דיין פאָלק. משה האָט דאַן געזאָגט צו השי״ת: „די אידען, סיי ווען זיי זענען גוט, סיי ווען זיי זענען נישט גוט, זענען זיי אַלץ דיין פאָלק״ — „למה ד׳ יחרה אפך בעמך״ (שמות ל״ב) און משה האָט זיך נישט באַרוהיגט ביז ער האָט געהערט פון השי״ת: וינחם ד׳ על הרעה אשר דבר לעשות לעמו״ (שם). „לעמו״ — זיין פאָלק, גאָט׳ס פאָלק. דעריבער שטעהט דאָ „נחמו נחמו עמי״ — עמי — מיין פאָלק.

(ילקוט)

אידען זענען שטענדיג גאָט׳ס פאָלק. אפילו ווען זיי זענען ח״ו זינדיג, זענען זיי דאָך נישט אינגאַנצען אָבגעריסען פון גאָט. זיי האָבען שטענדיג גאָט אין האַרץ . . .

כו

מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו (מ״א ב׳)

דער פסוק געהט אויף אברהם אבינו. ווען השי״ת האָט געזאָגט צו אברהם: „כי אם אשר יצא ממעיך הוא יירשך" (בראשית ט״ו) האָט אברהם געזאָגט: רבש״ע! „איך האָב מיר איינגעקוקט אין די שטערן און געזעהן אַז איך וועל קיין קינדער נישט האָבען". און גאָט האָט דאַן געזאָגט צו אברהם: „קוק נישט אויף די שטערנס", געה אַוועק פון דיין שטערנזעהען. „אין מזל לישראל", אידען זענען נישט אונטער׳ן מזל. דו, אברהם, זעהסט דער מזל „צדק" איז אין מערב, איך וועל נעהמען דעם מזל „צדק" און אַוועקשטעלען אין מזרח, ווי עס שטעהט: „מי העיר ממזרח צדק".

(שבת קנ״ז)

דאָס אידישע פאָלק איז נישט אָבהענגיג פון מזל, עס איז איבער דעם מזל, עס איז אונטער גאָט׳ס השגחה אַליין און דעריבער איז עס אַ איביג פאָלק . . .

כז

מי העיר ממזרח צדק

די אומות העולם זענען געשלאָפען און האָבען נישט געוואוסט פון גאָט, איז געקומען אברהם און האָט זיי אויפגעוועקט פון שלאָף און זיי געברענגט אונטער די פליגעל פון דער שכינה, און דערויף זאָגט דער פסוק „מי העיר ממזרח צדק" — אברהם האָט אויפגעוועקס דעם מזרח פון שלאָף.

(מדרש רבה)

דאָס אידישע פאָלק, איז ווי אברהם, דער וועקער פון דער וועלט. זיי לאָזען נישט איינשלאָפען דעם וועלטס-געוויסען און וועקען שטענדיג דער מענשהייט צו העכערע אידעאַלען . . .

כח

נתן נשמה לעם עליה ורוח להולכים בה (מ״ב ה׳)

רבי אבוהו זאָגט: אפילו אַ שפחה אין ארץ ישראל איז זיכער אַז זי איז אַ בת-עולם הבא, ווי עס שטעהט: „נתן נשמה לעם עליה". „לעם" מיינט מען

עבד ושפחה, ווי עס שטעהט: „שבו לכם פה עם החמור" (בראשים כ"ה) — עם הדומה לחמור — „ורוח להולכים בה" — די וועלכע געהן נאָר פיער איילען אין ארץ ישראל זענען געזיכערט מיט עולם הבא.

(כתובות קי"א)

„חיי נשמות אויר ארצך", זאָגט ר' יהודה הלוי. ארץ ישראל איז אַ לאַנד פון גייסט, דאָס לעבען דאָרט איז אַ נשמה לעבען, אַ לעבען פון גייסט, און גייסט לעבט אייביג . . .

כט

מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים (מ"ב כ"ד)

דער תלמוד דערצעהלט: רבי יהושע בן חנניה איז געקומען קיין רוים און מען האָט איהם געזאָגט אַז אין אַ תפיסה דאָרט געפינט זיך אַ זעהר שעהן אידיש קינד מיט שעהנע האָר־לאָקען. רבי יהושע איז געגאַנגען צו דעם טויער פון דער תפיסה צו זעהן דאָס אידישע קינד. זעהענדיג איהם האָט ער אויס־גערופען „מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים", „ווער האָט געבערענגט ישראל צו אַזאַ נידערגעפאַלענע לאַגע"? דער אינגעל האָט דערויף געענטפערט: „הלוא ד' זו חטאנו ולא אבו בדרכיו הלוך", „דאָס האָט געטהון גאָט, ווייל מיר האָבען געזינדיגט און נישט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען". רבי יהושע, הערענדיג דעם ענטפער פון קינד, האָט דאַן אויסגערופען: „איך בין זיכער אַז דער אינגעל וועט אויסוואַקסען א מורה הוראה בישראל". און רבי יהושע איז פון דאָרט נישט אַוועק ביז מען האָט איהם אויסגעלייזט פון תפיסה פאַר אַ גרויסע סומע געלד. דער אינגעל איז שפּעטער געוואָרען דער גרויסער רבי — ישמעאל בן אלישע.

(גטין נ"ח)

ווען עס קומען צרות, דאַרף מען זיך פאַרטיעפען אויסצוגעפינען די סבות פון וואַנען די צרות זיינען געקומען. מען וועט דאַן אויסגעפינען אַז די איינציגע סבה פון אַלע צרות זענען די זינד פון די מענשען, דאָס נישט וועלען געהן אין גאָט'ס וועגען. ווען מען וועט דאָס אַנערקענען און פאַרריכטען וועט מען באַפרייט ווערען פון דער תפיסה, פון גלות . . .

ל

כל הגוים נקבצו יחדו ויאספו לאומים (מ״ג ט׳)

לעתיד לבוא, זאָגט דער תלמוד, וועלען די אומות העולם זאָגען צו השי״ת „רבש״ע, גיב אונז אויך די תורה וועלכע דו האָסט געגעבען צו די אידען און מיר וועלען איהר האַלטען״. השי״ת וועט זאָגען צו זיי: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת״, „נאָר דער וועלכער גרייט צו אין ערב שבת דער עסט אין שבת״. דאָך, וועט השי״ת זאָגען, „איך האָב אַ מצוה, אַ גרינגע, אַ לייכטע און דאָס איז די מצוה פון סוכה, געהט און זייט מקיים די דאָזיגע מצוה״. באַלד וועט יעדער פון זיי אויפבויען א סוכה אויפ׳ן דאַך פון זיין הויז. ווען, אָבער, די זון וועט אַרויס מיט איהר גאַנצע קראַפט, און עס וועט זיי ווערען הייס, וועט יעדער פון זיי מיט זיין פוס טהון אַ שטויס אין דער סוכה און וועט איהר מיט כעס פאַרלאָזען. השי״ת וועט דאַן לאַכען פון זיי, ווי עס שטעהט: „יושב בשמים ישחק ד׳ ילעג למו״ (תהלים ב׳).

(ע״ז ב׳)

ווען די אומות וועלען ענדליך איינזעהן אַז זייערע פעסטונגען און באַוואָפענטע מאַכט קאָנען זיי נישט באַשיצען וועלען זיי וועלען זיך אומקעהרען צו גאָט און זיין תורה, זיי וועלען נעהמען די מצות סוכה — דער סימבאָל פון באַשיצען זיך אונטער די פליגעל פון גאָט. אָבער עס וועט זיין צו שפעט. עס וועט זיי זיין זעהר שווער דאָס צו האַלטען . . .

לא

רנו שמים וגילי ארץ ופצחו הרים רינה (מ״ט י״ג)

ווען עס וועט קומען די צייט פון קיבוץ גליות, וועט גאָט זאָגען צו הימעל און ערד: „פריהער, ווען די כנסת ישראל איז געווען אין טרויער, האָט איהר מיטגעטרויערט מיט איהר, ווי עס שטעהט: „אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם״ (ישעי׳ נ׳). איצט, ווען עס איז געקומען פרייד צו די כנסת ישראל, דאַרפט איהר זיך מיטפרעהען מיט איהר, דעריבער שטעהט: „רנו שמים וגילי ארץ״.

(ילקוט שמעוני)

כל זמן דאָס אידישע פאָלק איז אין צער אין גלות ליידט אויך די גאַנצע וועלט צרות און אומרוהען. ווען עס וועט קומען די גאולה צום אידישען פאָלק וועט אויך הערשען פרייד איבער דער גאַנצער וועלט . . .

לב

אנכי אנכי הוא מנחמכם (נ״א י״ב)

השי״ת זאָגט: „מיט׳ן וואָרט ,אנכי״ האָב איך באַשאַפען הימעל און ערד״. ווי עס שטעהט: „אנכי עושה כל״ (ישעי׳ מ״ה). „מיט׳ן וואָרט „אנכי״ האָב איך גערעדט צו אברהם״: „אנכי מגן לך״ (בראשית ט״ו); צו יצחק: „אנכי אלהי אברהם אביך״ (שם כ״ו); און צו יעקב: „אנכי ארד עמך מצרים״ (שם מ״ז). מיט „אנכי״ האָב איך זיך ענטפּלעקט צו משה: „אנכי האל אלהי אביך״ (שמות ד׳). מיט „אנכי״ האָב איך געגעבען די עשרת הדברות: „אנכי ד׳ אלהיך״ (שם). מיט „אנכי״ האָב איך די אידען געפיהרט אין דער מדבר״ „הנה אנכי מפתיה והולכתיה במדבר״ (הושע ב׳). מיט׳ן וואָרט „אנכי״ וועל איך אויפבויען ציון און איך וועל ברענגען דעם גואל, ווי עס שטעהט: „הנה אנכי מרביץ מפוך אבניך״ (ישעי׳ נ״ד) „הנה אנכי שולח לכם את אליה׳ הנביא״ (מלאכי ג׳). און דעריבער טרייסט איך אייך מיט דעם וואָרט „אנכי״ — „אנכי אנכי הוא מנחמכם״.

(ילקוט שמעוני)

די אמונה אין גאָט, דער באַשאַפער פון הימעל און ערד, — דער זכות פון די אבות און די געטליכע הבטחה צו זיי, — און דאָס היטען די תורה, — דאָס אַלעס פאַרזיכערען אידען די גאולה און דאָס איז זייער טרייסט אַפילו אין די שווערסטע צייטען . . .

לג

רוגע הים ויהמו גליו ד׳ צבאות שמו (נ״א ט״ו)

„די רייזענדע פון ים האָבען מיר דערצעהלט״ — זאָגט רבה בר בר חנא — „ווען מיר זענען געפאָהרען איבער׳ן ים, האָבען מיר געזעהן ווי אַ כוואַליע (גל) האָט זיך אויפגעהויבען איבער׳ן ים און געוואָלט דערטרינקען די שיף. אויף דער כוואַליע האָט זיך באַוויזען פייערדיגע פונקען. מיר האָבען געהאַט ביי זיך שטעקענס אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט „יה, ד׳ צבאות״ און מיר האָבען מיט די דאָזיגע שטעקענס געשלאָגען איבער די כוואַליעס און דער ים האָט זיך דאַן באַרוהיגט״.

(ב״ב פ״ב)

יעדעס מאָל שטעהט אויף אַ פייער־שפּייענדע כוואַליע פון שנאת ישראל און וויל דערטרינקען די אידישע שיף. אונזער אמונה אין „ד׳ צבאות״ איז

אונזער כח מיט וועלכען מיר זענען גובר די כוואַליעס און לעבען איבער די שטורמען . . .

לד

והלך לפניך צדקך (נ״ח ח׳)

דריי סאָרטען גוטע פריינד פאַרמאָגט דער מענש: זיין ווייב און קינדער, זיין געלד און זיינע צדקה ומעשים טובים. ווען עס קומט די צייט און דער מענש האַלט ביים שטאַרבען און האָט מורא פאַר׳ן יום־הדין, ווענדעט ער זיך צו זיינע ערשטע גוטע פריינד, זיין ווייב און קינדער, אַז זיי זאָלען איהם העלפען, און זיי ענטפערען איהם: „מיר קאָנען דיר נישט העלפען״, ווי עס שטעהט: „אח לא פדה יפדה איש״ (תהלים מ״ט). ער קעהרט זיך דאַן צו זיין געלד נאָך הילף, אָבער אויך דאָס געלד קאָן איהם גאָרנישט העלפען, ווי עס שטעהט: „לא יועל הון ביום עברה״ (משלי י״ז). ווען ער ווענדט זיך, אָבער, צו זיינע מעשים טובים, אַז זיי זאָלען איהם מציל זיין פון יום־הדין, ענטפערען זיי: „יאָ, מיר וועלען דיר העלפען. מיר וועלען זיין דאָרט פריהער פאַר דיר כדי צו באַשיצען דיר״, ווי עס שטעהט: „והלך לפניך צדקך״.

(פרקי ר׳ אליעזר)

לה

וירא כי אין איש וישתומם כי אין מפגיע (נ״ט י״ז)

רבי יוחנן זאָגט: משיח בן דוד וועט נישט קומען נאָר צו אַ דור „כלו זכאי״, אַ דור וועלכער איז אין גאַנצען גוט, ווי עס שטעהט: „ועמך כולם צדיקים״ (ישעי׳ ס׳) אָדער ער וועט קומען צו אַ דור „כלו חייב״, אַ דור וואָס איז אין גאַנצען שלעכט, ווי עס שטעהט: „וירא כי אין איש וישתומם כי אין מפגיע״. עס שטעהט אויך: „למעני למעני אעשה״ (ישעי׳ מ״ח).

(סנהדרין צ״ח)

די אידישע גאולה איז געזיכערט אַלענפאַלס. וועלען אידען ווערטה זיין וועט די גאולה קומען פריהער, פאַר דער צייט, און ווען אויך, חלילה, אידען וועלען נישט ווערטה זיין וועט אויך די גאולה קומען, דאַן נאָר אין איהר צייט, ווי עס שטעהט: „אני ד׳ בעתה אחישנה״ (ישעי׳ ס׳ כ״ב) און ווי דער תלמוד זאָגט דערויף: „זכו אחישנה, לא זכו בעתה״ (סנהדרין ק״ז) . . .

לו

ואני זאת בריתי אותם אמר ד׳ (נ״ט כ״א)

רבי פרנך זאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: ווער עס איז אַליין אַ תלמיד חכם און זיין זוהן איז אַ תלמיד חכם, אויך זיין אייניקעל איז אַ תלמיד חכם, דאַן איז ער פאַרזיכערט אַז די תורה וועט קיינמאָל נישט זיך אָבטהון פון זיינע צוקונפטיגע דורות, ווי עס שטעהט: „ואני זאת בריתי אותם אמר ד׳ וגו׳ לא ימושו מפיך ומפי זרעך אמר ד׳ מעתה ועד עולם״. „אמר ד׳״, השי״ת זאָגט: איך בין אַ ערב „מעתה ועד עולם״, אַז די תורה וועט שטענדיג צוריקקעהרען צו איהר אכסניא.

(ב״מ פ״ה)

דער גוטער חינוך פון עלטערען צו קינדער פאַרזיכערט אויך די צוקונפטיגע דורות. דער מענש דאַרף טהון וואָס ער קאָן אַז זיין דור, זיין זוהן און אייניקעל זאָלען זיין ערצויגען אין דרך התורה, און די ווייטערדיגע דורות וועלען נאַטירליך אויך געהן אין דעם זעלבען וועג . . .

לז

קומי אורי כי בא אורך (ס׳ א׳)

רבי יצחק זאָגט: אין דער צייט פון משיח, וועלען אַלע מלכי אומות העולם האַלטען מלחמות צווישען זיך. אַלע אומות העולם וועלען זיין אויפגעשטורעמט אין שרעק און בהלה. זיי וועלען פאַלען אויף זייערע פנים׳ער פון גרויס יסורים, ווי די יסורים פון אַ געווינערין. די אידען וועלען אויך לעבען אין שטורעם און אין בהלה. זיי וועלען זאָגען: „וואוהין זאָלען מיר געהן און וואו זאָלען מיר קומען״? השי״ת וועט דאַן זאָגען צו זיי: „שרעקט אייך נישט, אַלעס וואָס איך האָב געטהון איז צוליעב אייך. עס איז געקומען די צייט פון אייער גאולה, די לעצטע גאולה, און זי וועט נישט זיין ווי די ערשטע גאולה. נאָך די ערשטע גאולה האָט איהר געהאַט צער און שיעבוד מלכיות. נאָך דער דאָזיגער לעצטער גאולה וועט מעהר נישט זיין קיין צער און שיעבוד מלכיות . . .

(ילקוט בשם פסיקתא רבתי)

די איצטיגע צייט אין וועלכע מיר לעבען איז די בעסטע באַשטעטיגונג און דער קלאָהרסטער פירוש אויף דעם מאמר . . .

ירמיה

א

דברי ירמיהו (א׳ א׳)

אין דעם דור פון ירמיהו זענען געווען דריי נביאים וועלכע האָבען נביאות געזאָגט אין דער זעלבער צייט. ירמיהו, צפניה און חולדה הנביאה. ירמיה האָט נביאות געזאָגט אין די גאַסען, צפניה האָט געזאָגט זיין נביאות אין די שוהלען און חולדה הנביאה האָט געזאָגט נביאות צווישען די פרויען.

(ילקוט שמעוני)

עס איז נישט גענוג אַז מען זאָל ריידען צו אידען וועגען אידישקייט בלויז אין די שוהלען, מען דאַרף אויך ריידען צו אידען אין גאַס, ביים האַנדעל, אויך דאַרף מען ריידען צו די פרויען . . .

ב

בטרם אצרך בבטן ידעתיך (א׳ ה׳)

דער תלמוד דערצעהלט: עס איז געווען אַ שוואַנגערע פרוי, וועלכע עס האָט פאַרשמעקט עסען אין יום־כפור. מען איז געקומען פרעגען אַ שאלה ביי רבי חנינא און ער האָט געהייסען מען זאָל איינרוימען דער פרוי אין אויער אַז עס איז היינט יום־כפור. מען האָט אַזוי געטהון, אָבער די פרוי האָט זיך נישט באַרוהיגט. רבי חנינא האָט אויף דער דאָזיגער פרוי געזאָגט דעם פסוק „זורו רשעים מרחם״ (תהלים נ״ח) און עס איז פון איהר אַרויס־געקומען אַ רשע, וועלכען מען האָט גערופען „שבתאי אוצר פרי״. עס איז געווען אַן אַנדערע פרוי וועלכע עס האָט אין צייט פון טראָגען פאַרשמעקט עסען אין יום־כפור. מען האָט געפרעגט אַ שאלה ביי רבי. רבי האָט אויך געהייסען אַז מען זאָל איינרוימען דער פרוי אין אויער אַז עס איז היינט יום־כפור. ווען מען האָט דאָס געטהון, האָט די פרוי באַלד זיך באַרוהיגט, און רבי האָט אויף איהר געזאָגט דעם פסוק „בטרם אצרך בבטן ידעתיך״ און דער זוהן וואָס זי האָט געבוירען איז געווען — רבי יוחנן.

(יומא ס״ב)

די עלטערען האָבען אַ זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער ערציהונג פון זייערע קינדער, ספּעציעל איז דאָס דער איינפלוס פון דער מוטער — דאָס זעלבע איז אויך פאַרקעהרט. שלעכטע אָדער גוטע קינדער ווירקען אויף זייערע עלטערען צום שלעכטען, אָדער, צום גוטן . . .

ג

הנה לא ידעתי דבר כי נער אנכי (א׳ ו׳)

ווען ירמי׳ האָט געזאָגט „כי נער אנכי" — איך בין נאָך יונג און איך קאָן דעריבער נישט געהן ריידען און שטראָפען דאָס פאָלק, האָט השי"ת געזאָגט צו איהם: „איך האָב ליעב אַ יונגען, ווייל ער איז ריין פון זינד, ער האָט נאָך נישט טועם געווען טעם חטא, און ווען איך האָב אויסגעלייזט די אידען פון מצרים האָב איך זיי גערופען מיט דעם וואָרט „נער", יונגער: „כי נער ישראל ואוהבהו" (הושע י"א) געה — האָט השי"ת געזאָגט — נעהם דעם כוס פון „חמה", דעם בעכער פון צאָרן, אין דיין האַנד און מאַך דערמיט אָנטרינקען די פעלקער". ווען, אָבער, השי"ת האָט איהם באַפוילען אַז ער זאָל צוערשט מיט דעם כוס פון חמה אָנטרינקען ירושלים און די הרי יהודה האָט דאַן ירמי׳ פאַרשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען. ער האָט געזאָגט „ארור היום אשר יולדתי בו" (ירמי׳ כ׳). איך בין גלייך — האָט ער געזאָגט — צו אַ כהן אויף וועמען עס איז געפאַלען דער גורל ער זאָל אָנטרינקען אַ סוטה מיט „מים המאררים" און דער כהן האָט דערזעהן אַז די פרוי וועלכע ער דאַרף אָנטרינקען איז זיין אייגענע מוטער. ער האָט דאַן אויסגעשריגען צו איהר: „אוי לי, וועה איז צו מיר, איך האָב שטענדיג געזוכט דיר מכבד צו זיין און איצט דאַרף איך דיר מבזה זיין". דאָס זעלבע — האָט געזאָגט ירמי׳ — „וועה איז מיר אויף דיר מאַמע ציון. איך האָב געמיינט אַז איך וועל ריידען טרייסט-ווערטער און גוטע נביאות צו דיר, צום סוף דאַרף איך גאָר זאָגען שלעכטע נביאות, דברי פרעניות".

(ילקוט בשם פסיקתא רבתי)

דער מוכיח, דער וואָס געהט שטראָפען אידען, דאַרף קודם זיין אַליין ריין פון זינד ווי אַ נער, אַ קינד. ער דאַרף זיין אַ מענש שלא טעם טעם חטא. אויך דאַרף ער פיהלען צער און שמערצען פון דעם וואָס ער דאַרף שטראָפען אידען . . .

ד

הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי (ב׳ ל״ה)

די מדה פון השי״ת איז נישט ווי די מדה פון אַ בשר ודם. ווען אַ מלך בשר ודם משפט אַ מענש און ער פרעגט איהם: „זאָג, האָסטו געהרג׳ט אָדער נישט״? אויב ער זאָגט אַז ער האָט געהרג׳ט דאַן הרג׳ט מען איהם באַלד. אויב ער זאָגט ער האָט נישט געהרג׳ט און עס איז נישטאָ קיין עדות ווערט ער באַפרייט. ביי הקב״ה איז נישט אַזוי. אויב דער מענש איז זיך מודה און זאָגט אַז ער האָט געזינדיגט איז השי״ת זיך מרחם אויף איהם, ווי עס שטעהט: „ומודה ועוזב ירוחם״ (משלי כ״ח). אַלע משפטים וואָס זענען געקומען אויף ירושלים איז געווען דערפאַר ווייל זיי האָבען נישט מודה געווען אויף זייערע זינד, זיי האָבען געזאָגט אַז זיי האָבען נישט געזינדיגט, ווי עס שטעהט: „הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי״.

(מדרש תנחומא)

די גרעסטע זינד איז ווען אַ מענש פיהלט שוין נישט אַז ער האָט געזינדיגט, אַזאַ מענש האָט נישט קיין האָפנונג תשובה צו טהון, ער איז ווי אַ קראַנקער וועלכער איז פּאַראַליזירט, ער פיהלט שוין נישט קיין וועהטאָג...

ה

שובו בנים שובבים נאם ד׳ (ג׳ י״ד)

אויף אַלע חטאים — זאָגט דער תלמוד — העלפט תשובה אויסער אויף די זינד פון חילול השם, ווי עס שטעהט: „ונגלה באזני ד׳ צבאות אם יכופר העון הזה לכם עד תמותן״ (ישעי׳ כ״ב). ווען איינער לערענט תורה, פיהרט זיך אויף שעהן און האַנדעל, איז איידעל אין זיינע רייד מיט מענשען, דאַן לויבען אַלע זיין פאָטער און זיין רבי׳ן, וועלכע האָבען איהם געלערנט. אַלע זאָגען דאַן: „זעהט, דער מענש וועלכער האָט געלערענט די תורה, ווי שעהן זיינען זיינע מעשים״, און אויף איהם זאָגט דער פסוק „ישראל אשר בך אתפאר״ (ישעי׳ מ״ט). דער אָבער וואָס לערענט די תורה און פיהרט זיך נישט שעהן אויף, איז נישט עהרליך אין זיין האַנדעל, דאַן זאָגען מענשען: זעהט, ווי נישט שעהן זענען זיינע מעשים, כאָטש ער האָט געלערענט תורה. וואויל איז דעם וועלכער האָט נישט געלערענט! דאָס איז „חילול השם״, אויף איהם זאָגט דער פסוק: „באמור להם עם ד׳ אלה ומארצם יצאו״ (יחזקאל ל״ו).

(יומא פ״ו)

· וואָס גרעסער דער מענש איז אַלץ גרעסער איז זיין אחריות, זיין פאַר־אַנטוואָרטליכקייט. ער דאַרף זעהר זיין געהיטען אַז זיינע מעשים זאָלען נישט אַרויסרופען קיין חילול השם. דאָס זעלבע געהט אויך אויפ'ן אידישען פאָלק: דער איד דאַרף, מעהר ווי אַנדערע, היטען זיך פאַר חילול השם, ווי עס שטעהט: „באמור להם עם ד' אלה ומארצם יצאו" . . .

ו

ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון

(ג' י"ד)

רבי שמעון בן לקיש זאָגט: דעם דאָזיגען פסוק דאַרף מען לערנען פשוט, ווי עס שטעהט. עס וועלען נאָר צוריקקומען קיין ציון איינער פון אַ שטאָדט און צוויי פון אַ משפחה. און רבי יוחנן זאָגט: עס איז נישט ניחא פאַר השי"ת מען זאָל לערנען דעם פסוק ווי עס שטעהט. נאָר — זאָגט ר' יוחנן — די מיינונג פון פסוק איז: „אחד מעיר — איין צדיק פון אַ שטאָדט וועט מזכה זיין דער גאַנצער שטאָדט, „ושנים ממשפחה" — צוויי צדיקים פון אַ משפחה וועלען מזכה זיין די גאַנצע משפחה און צוליעב זיי וועלען אַלע צוריקקומען קיין ציון.

(סנהדרין קי"א)

אַ מענש דאַרף נישט זאָגען: „איך בין דאָך נאָר איינער אין שטאָדט, וואָס קאָן איך אויפטהון"? איין גוטער מענש קאָן באַאיינפלוסען אַ גאַנצע שטאָדט צום גוטען, צוויי — קאָנען באַאיינפלוסען אַ גאַנצע משפחה . . .

ז

עונתיכם הטו אלה וחטאתיכם מנעו הטוב מכם (ה' כ"ה)

„מעולם לא ראיתי צבי קייץ" — זאָגט רבי שמעון בן אלעזר — „איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן אַז אַ הירש זאָל אַרבייטען אין פעלד, אַ לייב זאָל טראָגען שווערע משאות, אַ פוקס זאָל זיין אַ קרעמער. זיי, די חיות, וועלכע זענען באַשאַפען געוואָרען זיי זאָלען מיר, דעם מענש, באַדיענען, דאָך באַקומען זיי זייער שפייז גרינג, אָהן צער, און איך, דער מענש, וועלכער איז באַשאַפען געוואָרען צו דיענען גאָט, איך האָב דאָך געוויס באַדאַרפט באַקומען מיין שפייז, מיין פרנסה, גרינג, אָהן צער". „איך בין מיר, אָבער, אַליין שולדיג. ווייל מיינע

מעשים זענען שלעכט, דערפאַר, איז מיין פרנסה געשלאָגען״, ווי עס שטעהט: „עונותיכם הטו אלה וחטאתיכם מנעו הטוב מכם״.

(קדושין פ״ב)

גאָט האָט באַשאַפען פרנסה פאַר יעדען, עס איז דאָ אין דער וועלט גענוג שפייז פאַר יעדען. דער מענש דורך זיינע שלעכטע מעשים איז שולדיג אין דעם וואָס נאָר אַ קליינער טייל האָט פרנסה און פיעל האָבען נישט . . .

ח

על מה אבדה הארץ וגו׳ על עזבם את תורתי (ט׳ י״א י״ב)

רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: „אויב דו האָסט געזעהן ווי די שטעדט פון ארץ ישראל זענען אויסגעריסען געוואָרען פון זייערע ערטער, זאָלסטו וויסען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבען נישט אונטערשטיצט די לומדים און מלמדים, ווי עס שטעהט: „על מה אבדה הארץ וגו׳ על עזבם את תורתי״. דער מדרש דערצעהלט: רב אמי און רב אסי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ באַזוך אין די שטעדט פון ארץ ישראל. ווען זיי זענען געקומען אין אַ געוויסע שטאָדט, האָבען זיי געזאָגט צו די שטאָדט-לייט: „ברענגט אונז די היטער פון דער שטאָדט״ (נטורי קרתא). ווען מען האָט געברענגט די שומרים און די פאָליציי פון שטאָדט, האָבען זיי געזאָגט: „די דאָזיגע זענען נישט די היטער פון שטאָדט, זיי זענען די צושטערער פון דער שטאָדט״ (מחריבי קרתא). די היטער פון דער שטאָדט זענען די לומדים און מלמדים, וועלכע לערנען טאָג און נאַכט, זיי זענען די ריכטיגע שומרים, ווי עס שטעהט: „אם ד׳ לא ישמר עיר שוא שקד שומר״ (תהלים קכ״ו).

(מדרש איכה)

די תורה היט אָב דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג. אָהן דער תורה וואָלט דאָס פאָלק שוין לאַנג נישט עקזיסטירט. דעריבער זענען זיי, די לעהרער פון דער תורה, די איינציגע שומרים פון פאָלק . . .

ט

כי כאשר ידבק האזור אל מתני איש כן הדבקתי אלי את כל בית ישראל (י״ג י״א)

השי״ת איז נישט ווי אַ מלך בשר ודם. ביי אַ מלך בשר ודם טאָר אַ געווענ־ליכער מענש נישט רופען זיך מיט די טיטולען פון מלך. השי״ת, אָבער, טהוט

אָנרופען די אידען מיט די זעלבע טיטולען מיט וועלכע ער ווערט אָנגערופען. השי״ת טראָגט דעם נאָמען חכם: „חכם לבב ואמץ כח״ (איוב ט׳) און ישראל ווערט אויך אָנגערופען „רק עם חכם ונבון״ (דברים ד׳). השי״ת ווערט גערופען חסיד: „כי חסיד אני נאם ד׳ ״ (ירמי׳ ג׳) און ער רופט ישראל מיט דעם נאָמען חסיד: „אספי לי חסידי״ (תהלים כ׳). השי״ת הייסט קדוש און אויך אידען ווערען אָנגערופען קדושים: „קדושים תהיו כי קדוש אני״ (ויקרא). לעתיד לבוא וועט יעדער איד ווערען גערופען מיט דעם נאָמען קדוש, ווי עס שטעהט: „והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו״ (ישעי׳ ד׳).

(מדרש תנחומא)

„קב״ה וישראל חד״ — הקב״ה און ישראל זענען איינס. די אידען זענען צוגעבונדען צו הקב״ה ווי מיט אַ גאַרטעל. ״כי כאשר ידבק האזור״ — זיי קאָנען זיך קיינמאָל נישט אָבשיידען פון איהם. דעריבער, טראָגען די אידען אויך די געטליכע טיטולען. די אידען וועלכע וועלען אויסהאַלטען די אַלע צרות פון פאַר לעתיד לבוא און וועלען דאָך בלייבען גאַנץ ביי דער אמונה וועלען ווערען גערופען קדושים: „והיה הנשאר בציון וגו׳ קדוש יאמר לו״...

י

ואם לא תשמעוה במסתרים תבכה נפשי מפני גוה (י״ג י״ז)

רב שמואל בר אויא זאָגט: עס איז פאַראַן אַן אָרט ביי הקב״ה וואָס הייסט „מסתרים״ און דאָרט וויינט השי״ת איבער די גרויסקייט וואָס איז צוגענומען געוואָרען פון די אידען און געגעבען צו די אומות העולם, ווי עס שטעהט: „במסתרים תבכה נפשי מפני גוה״. כאָטש עס שטעהט „עוז וחדוה במקומו״, אין זיין אָרט איז שטענדיג פרייד, דאָס איז נאָר „בבתי בראי״, אין די אויסערליכע קאַמערען, אָבער „בבתי גואי״, אין די אינערליכע קאַמערען, דאָרט וויינט השי״ת אויף ישראל אין גלות.

(חגיגה ה׳)

אויך ווען דער איד פרעהט זיך אין גלות איז זיין פרייד נישט קיין אינערליכע פרייד וועלכע קומט פון טיעפען האַרץ, פון דער נשמה. די פרייד איז נאָר אַן אויסערליכע — בבתי בראי. אָבער „בבתי גואי״, אין די אינערליכקייט פון דער נשמה, וויינט דער איד שטענדיג אויף גלות השכינה און אויף דעם כבוד ישראל וואס איז אַוועק...

יא

ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה כי נשבה עדר ד׳ (י״ג י״ז)

דריי טרעהרען ווערען דערמאָנט אין דעם פסוק: „ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה״. דאָס זענען די דריי טרעהרען וואָס השי״ת פאַרגיסט אויפ׳ן חורבן. איין טרעהר איז אויף דעם חורבן פון ערשטען בית־המקדש, די צווייטע טרעהר איז אויף דעם חורבן פונ׳ם צווייטען בית־המקדש און די דריטע טרעהר פאַרגיסט השי״ת אויף די אידען וואָס זענען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד.

(חגיגה ה׳)

דער חורבן האומה אין גלות איז גרעסער ווי דער חורבן בית־המקדש. דעם בית־המקדש איז גרינגער אויפצובויען ווי די צוריקבויאונג פון דעם חרוב־געוואָרענעם פאָלק אין גלות, און אויף דעם חורבן האומה איז די דריטע און לעצטע טרעהר: „ותרד עיני דמעה כי נשבה עדר ד׳ ״...

יב

ואזרם במזרה בשערי הארץ (ט״ו ז׳)

אין דער תוכחה שטעהט: „ואתכם אזרה בגוים״ (ויקרא כ״ו) „איך וועל אייך פאַרשפּרייטען צווישען די פעלקער״, און דאָס איז די גרעסטע קללה פאַר אידען, ווען מענשען פון אַ מדינה ווערען פאַרטריבען אין איין אָרט און זיי זענען אַלע צוזאַמען, טרייסטען זיי איינער דעם אַנדערען און דער גלות איז נישט אַזוי שווער פאַר זיי. מען האָט, אָבער, געזאָגט צו די אידען „ואתכם אזרה בגוים״ — זיי וועלען ווערען פאַרשפּרייט צווישען די אומות העולם ווי איינער וואָס פאַרשפּרייט גערשטען דורך אַ זיפּ, ווען יעדע גערשטען איז אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, ווי עס שטעהט: „ואזרם במזרה בשערי הארץ״.

(תורת כהנים)

אפילו אין גלות, ווען אידען זענען צוזאַמען אין גרויסע מאַסען, אין גרויסע קיבוצים, האַלט זיך דאָס אידישקייט שטאַרקער און דאָס פאָלק האַלט זיך צוזאַמען. ווען זיי זענען, אָבער, פאַרשפּרייט אין קליינע קיבוצים, דאַן, ווערען זיי גיך אָבגעשוואַכט אין גייסט און זענען אויך שוואַך אַלס פאָלק...

יג

אשר לא צויתי ולא דברתי ולא עלתה על לבי (י״ט ה׳)

„אשר לא צויתי״ — השי״ת זאָגט — איך האָב קיינמאָל נישט געבאָטען אַז מען זאָל מיר ברענגען מענשליכע קרבנות. „אשר לא צויתי״ געהט אויף דעם זוהן פון מישע מלך מואב וועלכען זיין פאָטער האָט געברענגט פאַר אַ קרבן, ווי עס שטעהט: „ויקח את בנו הבכור ויעלהו עולה על החומה״ (מלכים ב׳ ג׳). „ולא דברתי״ געהט אויף דער טאָכטער פון יפתח הגלעדי, „ולא עלתה על לבי״ געהט אויף יצחק בן אברהם.

(תענית ד׳)

גאָט פאַרלאַנגט נישט קיין מענשליכע קרבנות. ביי גאָט איז טייער דאָס לעבען פון מענשען און ער ווייזט זיי דעם וועג פון לעבען דורך דער תורה, „ובחרת בחיים״ . . .

יד

אל תבכו למת ואל תנודו לו (כ״ב י׳)

„אל תבכו למת״: מען טאָר נישט צופיעל וויינען אויף אַ מת. עס איז פאַראַן אַ שיעור, אַ גרעניץ, ווי לאַנג צו טרויערען. די ערשטע דריי טעג — זאָגט דער תלמוד — זענען „לבכי״, די טעג פון וויינען. די ערשטע זיבען טעג פון אבלות זענען טעג פון הספד (ריידען די מעלות פון נפטר). די שלשים זענען „לגיהוץ ולתספורת״. עס איז פאַרבאָטען אין זיי צו שעהרען זיך און טראָגען שעהנע קליידער. ווען אַ מענש טרויערט מעהר ווי דער דאָזיגער שיעור, זאָגט השי״ת צו איהם: „דו, מענש, דאַרפסט נישט זיין מעהר בעל רחמים ווי איך בין״.

(מועד קטן כ״ז)

דעם איד איז ערלויבט אַרויסברענגען זיין נאַטירליכען געפיהל פון צער, אָבער נאָר מיט אַ באַגרעניצונג. דער איד דאַרף גלויבען אין דער גערעכטיג־קייט פון גאָט׳ס משפט. ווען, אָבער, ער טרויערט צופיעל איז עס ווי ער וואָלט מתרעם זיין געגען דער השגחה . . .

טו

הוי כי גדול היום ההוא וגו׳ ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע

(ל׳ ז׳)

„ייתי ולא אחמינה״ — האָט רבי יוחנן געזאָגט — זאָל משיח קומען און איך וויל איהם נישט זעהן, ווייל, אין דער צייט פון די חבלי משיח, וועט מקוים ווערען, ווי עס שטעהט: „ונהפכו כל פנים לירקון״. „כל פנים״ מיינט מען די „פמליא של מעלה״ און „פמליא של מטה״, ווי עס שטעהט: „וארבעה פנים לאחד״ (יחזקאל א׳). הקב״ה וועט דאַן זאָגען: „די דאָזיגע זענען מיינע באַשעפעניש און אויך די זענען מיינע, ווי אַזוי קאָן איך פאַרניכטען איינע צוליעב די אַנדערע״. אויך עולא און רבה האָבען געזאָגט: „ייתי ולא אחמיניה״. רבי יוסף, אָבער, האָט געזאָגט: ייתי ואחמינה, זאָל משיח קומען און איך וויל איהם יאָ זעהן. איך וויל האָבען די זכיה צו זיצען אין דעם שאָטען פון דעם מיסט פון זיין אייזעל („בטולא דכופיתא דחמריה״).

(סנהדרין צ״ח)

די פאַרצווייפלונג דורך די „חבלי משיח״ וועלען זיין זעהר גרויס. אמת און גערעכטיגקייט וועלען זיין נידערגעשלאָגען, פינסטערניש און הסתרת־פנים וועלען הערשען איבער דער וועלט, „ונהפכו כל פנים לירקון״, אַזוי אַז זיי די חכמי התלמוד האָבען דאָס נישט געקאָנט און געוואָלט צוזעהן . . .

טז

הבן יקיר לי אפרים (ל״א י״ט)

השי״ת זאָגט „הבן יקיר לי״: אידען קאָסטען מיר זעהר טייער, ווייל ווען טויזענד תלמידים געהן אַריין אין חדר, קומען אַרויס נאָר הונדערט וועלכע קאָנען מקרא, און פון הונדערט קומען אַרויס צעהן וועלכע זענען בעלי משנה און נאָר איינער קומט אַרויס וועלכער קאָן לערנען גמרא, ווי עס שטעהט: „אדם אחד מאלף מצאתי״ (קהלת ז׳).

(מדרש רבה)

דאָס חשיבות פון אידען איז דורך די תורה. וואָס גרעסער איינער איז אין תורה אַלץ חשוב׳ער איז ער, און צוליעב איהם זענען אַלע חשוב און טייער ביי השי״ת . . .

יז

על כן המו מעי לו (ל"א י"ט)

מיט'ן זעלבען לשון מיט וועלכען אידען דריקען אויס זייער בענקשאַפט צו גאָט, מיט דעם זעלבען לשון, דריקט אויס השי"ת זיין בענקשאַפט צו די אידען. ווען אידען דערמאָנען זיך אין השי"ת זאָגען זיי: „אזכרה אלהים ואהמיה" (תהלים ע"ז), „דודי שלח ידו מן החור ומעי המו עליו" (שה"ש ג') אַזוי אויך ווען השי"ת דערמאָנט אידען, שטעהט: „כי מדי דברי בו זכר אזכרנו עוד על כן המו מעי לו".

(מדרש שוחר טוב)

די הנהגה פון השי"ת געגען איבער אידען איז לויט די הנהגה, די אויפ־פיהרונג, פון אידען געגען השי"ת . . .

יח

הדבר אשר היה אל ירמי' וגו' והוא אסור בזקים (מ' א')

„והוא אסור בזקים" — „והוא" מיינט מען כביכול, אויך ער איז געבונדען, אויך ער איז אין גלות מיט אידען. ווען ירמי' איז צוריקגעגאַנגען פון בבל האָבען די אידען אין בבל אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, זיי האָבען געזאָגט: „רבינו ירמי', וואו לאָזטו אונז איבער"? ווי עס שטעהט: „על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו" (תהלים קל"ז) און ירמי' האָט צו זיי געזאָגט: „הימעל און ערד זענען מיינע עדות, ווען איהר וואָלט נאָר איינמאָל אַזוי געוויינט אין דער צייט ווען איהר זענט געווען אין ציון, וואָלט איהר נישט פאַרטריבען געוואָרען אין גלות.

(ילקוט שמעוני)

תשובה און חרטה ווען זיי קומען אין דער צייט קאָן אויסמיידען פיעל אומזיסטען און אומגוצליכען געוויין ווען עס איז שוין צו שפעט . . .

יט

רפאנו את בבל ולא נרפתה (נ"א ט')

דער מדרש ברענגט: נעמן איז געווען אַ גר תושב און נבוזראדן איז געוואָרען אַ גר צדק. די אייניקלעך פון סיסרא האָבען געלערענט תורה אין

ירושלים, די אייניקלעך פון סנחרב, שמעי׳ ואבטליון, האָבען געלערענט תורה ברבים, די אייניקלעך פון המן האָבען געלערענט תורה מיט אידישע קינדער אין בני ברק. ווען אויך דעם רשע נבוכדנצר האָט השי״ת געוואָלט אַריינברענגען תחת כנפי השכינה, האָבען די מלאכי השרת געזאָגט „רבש״ע! דער וועלכער האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש דעם זאָלסטו אַריינברענגען תחת כנפי השכינה״? ווי עס שטעהט: „רפאנו את בבל ולא נרפתה״.

(מדרש רבה)

מען קאָן מוחל זיין דעם וועלכער האָט געפייניגט דעם אידישען גוף. אָבער קיינמאָל איז מען נישט מוחל דעם וועלכער האָט געוואָלט פאַרניכטען די אידישע נשמה, ווי נבוכדנצר וועלכער האָט צושטערט דעם בית־המקדש, דעם אידישען גייסטיגען צענטער.

יחזקאל

א

וידי אדם מתחת כנפיהם (א׳ ח׳)

רבי כהנא זאָגט אין נאָמען פון רבי ישמעאל בר׳ יוסי: „וידי אדם מתחת כנפיהם״ — דאָס זענען די הענד פון הקב״ה, וועלכע שטרעקען אַרויס פון אונטער די פליגעל פון די חיות, כדי אויפצונעהמען די בעלי תשובה אַזוי אַז דער מדת הדין זאָל ניט קאָנען שטערען.

(פסחים ק״ח)

די מלאכים און חיות הקודש ווערען באַשאַפען פון די מצוות ומעשים טובים וואָס דער מענש טהוט. דער בעל תשובה, אָבער, וואָס האָט נישט קיין מצוות, מוז זיך דאַן ווענדען דירעקט צו גאָט און גאָט מיט זיין גרויס רחמנות נעהמט איהם צו, ווי עס שטעהט: „וימינך פשוטה לקבל שבים״ . . .

ב

בעמדם תרפינה כנפיהן (א׳ כ״ה)

„בעמדם״ — איז נוטרוקין „בא־עם־דם״. דאָס מיינט: ווען די אידען זאָגען „שמע ישראל״ ווערען די מלאכים אַנטשוויגען, ווי עס שטעהט: „ואשמע אחרי קול רעש גדול״ (שם ג׳ י״ב). „אחרי״ — נאָך מיר, נאָר נאָכדעם ווען איך און מיינע חברים האָבען געלויבט השי״ת, נאָר דאַן, לויבען איהם די מלאכים און זיי זאָגען „ברוך כבוד ד׳ ממקומו״, ווי עס שטעהט: „ברן יחד כוכבי בוקר״ — נאָר ווען די אידען, וועלכע זענען געגליכען צו די שטערען, לויבען השי״ת, דאַן „וירועו בני אלהים״ (איוב ל״ח), נאָר דאַן זאָגען די מלאכים זייער שירה.

(מדרש תנחומא)

דער איד שטעהט העכער פון אַלע, אפילו פון די מלאכים. די מלאכים שווייגען ווען דער איד זאָגט שירה . . . צווישען דעם איד און גאָט איז נישטאָ קיין מחיצה. ער דאַרף נישט אָנקומען אפילו צו קיין מלאך. ער קאָן אַליין זאָגען שירה . . .

ג

כספם בחוצות ישליכו וזהבם לנדה יהיה (ז׳ י״ט)

ווען נבוכדנצר האָט אויפגעבויט אַ צלם פון גאָלד, האָט דער צלם נישט געקאָנט זיך האַלטען. יעדער בנין וואָס האַלט נישט אין דער ברייט אַ דריטעל פון דער מאָס פון דער הויך קאָן נישט שטעהן און דער צלם פון נבוכדנצר האָט געהאַלטען זעכציג איילען אין דער הויך און אין דער ברייט נישט מעהר ווי זעקס איילען, ווי עס שטעהט "נבוכדנצר מלכא עבד צלם די דהב רומה אמין שתין, פתיה אמין שית" (דניאל ג׳). מען האָט דעריבער געמוזט בויען אַ שטאַרקערען פונדאַמענט, וועלכער איז געבויט געוואָרען פון דעם גאָלד און זילבער וואָס נבוכדנצר האָט געבערענגט פון ירושלים, און דערויף זאָגט דער פסוק "כספם בחוצות ישליכו וזהבם לנדה יהי׳".

(ילקוט בשם פסיקתא)

דאָס אידישע גאָלד און זילבער, דאָס אידישע פאַרמעגען אין גלות איז הפקר. אָפט ווערט פון דעם אידישען גאָלד און זילבער אויפגעבויט פאַר־שיעדענע עבודה־זרות . . .

ד

כשעלים בחרבות נביאיך ישראל היו (י״ג ד׳)

דער מדרש זאָגט דערויף: דער פוקס זיצט באַהאַלטען אין דער חורבה, און ווען ער זעהט אַ מענש האָט ער מורא און ער זוכט אַן אָרט וואו צו אַנטלויפען. אַזוי זענען די פאַלשע נביאים. זיי האָבען מורא פאַר אַ מענש און אויף זיי זאָגט דער פסוק "כשעלים בחרבות". משה רבינו, אָבער, איז נישט געווען ווי די פאַלשע נביאים. ער איז געגליכען צו אַ געטרייען פאַסטוך וואָס ווען ער זעהט אַז די צוים פון אַרום זיין סטאַדע איז אויפגעבראָכען, שטעלט ער זיך זעלבסט אַוועק אין דעם אָרט פון אויפברוך און מיט זיין קערפער באַשיצט ער די סטאַדע, און ווען אַ לייב אָדער אַ וואָלף וויל אָנפאַלען אויף זיין סטאַדע, שטעהט ער און קעמפט מיט זיי. און דער נביא זאָגט צו די פאַלשע נביאים: "איהר האָט אַזוי זיך נישט געפיהרט", "ולא עליתם בפרצות" (שם ה׳). ווען איהר וואָלט זיך געשטעלט אין די פרצות און באַשיצט דאָס פאָלק וואָלט איהר געקאָנט אָבטהון פון איהם גאָט׳ס צאָרן.

(מדרש רבה)

דער אמת'ער נביא זוכט מתקן צו זיין די פרצות, די אויפברוכען וואָס ער געפינט ביים פאָלק. דער פאַלשער נביא, אָבער, האָט מורא, ער אַנטלויפט ווי דער פוקס . . .

ה

בן אדם הודע את ירושלים את תועבתיה (ט"ז ב')

איינער האָט פאָרגעלייענט די דאָזיגע פסוקים „הודע את ירושלים את תועבתי" פאַר רבי אליעזר. רבי אליעזר האָט געזאָגט צו איהם: איידער דו זאָלסט בודק זיין אין די זינד פון ירושלים, געה, און זיי בעסער בודק אין די זינד פון דיין מוטער". און ווען מען האָט נאָכגעזוכט, האָט מען געפונען אַ שמץ־פסול אין זיין משפחה.

(מגלה כ"ה)

ירושלים איז די מוטער פון אידישען פאָלק, דעריבער דאַרף מען נאָר ריידען גוטס וועגען איהר . . . אַ געטריי קינד זעהט ביי זיין מוטער נאָר גוטעס און נישט קיין שלעכטס . . .

ו

ואומר לך בדמיך חיי ואומר לך בדמיך חיי (ט"ז ו')

רבי אליעזר זאָגט: עס שטעהט צוויי מאָל „בדמיך חיי" — דאָס זענען דם פסח און דם מילה. הקב"ה האָט געזאָגט צו די אידען: „אין דעם זכות פון די צוויי מצוות, זענט איהר אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים און אין דעם זכות פון די זעלבע צוויי מצוות וועט איהר אויך אויסגעלייזט ווערען פון לעצטען גלות — אין סוף פון מלכות רביעית.

(פרקי דר' אליעזר)

דאָס אָבגעזונדערטקייט פון די אידען אין גלות, דאָס נישט אַסימילירען זיך צווישען די פעלקער אויף וועלכעס „מילה" איז דער סימבאָל, אויך דער כח פון מסירת נפש, די קרבנות וואָס אידען ברענגען אין גלות פאַר זייער אידישקייט, דער סימבאָל פון קרבן פסח, איז דער כח פון די אידען אויסצו־האַלטען דעם גלות און דערלעבען די גאולה . . .

ז

הנפש החוטאת היא תמות (י״ח ה׳)

דער מדרש זאָגט: מען האָט געפרעגט ביי די חכמה: וואָס זאָל זיין די שטראָף פאַר דעם זינדיגען? און די חכמה האָט געענטפערט: „חטאים תרדף רעה״ — דאָס שלעכטס זאָל פאַרפאָלגען דעם זינדיגער. מען האָט דאָס זעלבע געפרעגט ביי די נבואה און די נבואה האָט געענטפערט: „הנפש החוטאת היא תמות״ — דער זינדיגער דאַרף שטאַרבען. ווען מען האָט געפרעגט ביי דער תורה: וואָס זאָל זיין די שטראָף פאַר דעם זינדיגען? האָט די תורה געזאָגט: זאָל דער זינדיגער ברענגען אַ קרבן און די זינד וועט איהם ווערען פאַרגעבען. ווען מען האָט דאָס זעלבע געפרעגט ביי הקב״ה, האָט הקב״ה געזאָגט: „יעשה תשובה ויתכפר״ — „זאָל דער חוטא טהון תשובה און די זינד וועלען איהם ווערען פאַרגעבען״, ווי עס שטעהט: טוב וישר ד׳ על כן יורה חטאים בדרך (תהלים כ״ה)

(מדרש רבה איכה)

נאָר דאַן ווען דער חוטא ווייסט אַז לויט די חכמה ברענגט די זינד נאָר שלעכטס און לויט די נבואה ברענגט די זינד זאָגאַר דעם טויט, דאַן פאַרשטעהט דער חוטא ווי געפעהרליך די זינד זענען און דאָס פיהרט איהם אויפ׳ן וועג צו תשובה. אויך דער קרבן וואָס דער חוטא דאַרף ברענגען, לויט די תורה, איז דער עיקר ציעל, די תשובה . . . חכמה, נבואה און תורה זענען די וועגען וועלכע ברענגען דעם מענש נאָהענט צו גאָט און ווען דער מענש קומט נאָהענט צו גאָט דאַן קומט ער אויך צו דער אמת׳ער תשובה . . .

ח

חי אני נאם ד׳ אלהים אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם (כ׳ ל״ג)

אין יחזקאל הנביא׳ס צייטען זענען די זקני ישראל געקומען צו יחזקאל און האָבען צו איהם געזאָגט: „ווען אַ כהן האָט אַ קנעכט און ער פאַרקויפט איהם צו אַ ישראל, דאַן געהט דער קנעכט אַרויס פון זיין רשות און ער עסט נישט מעהר קיין תרומה. דאָס זעלבע איז מיט אונז אידען. השי״ת האָט אונז פאַרקויפט צו די אומות העולם, זענען מיר אַרויס פון זיין רשות און מיר וועלען זיין ווי די אַנדערע אומות, מיר וועלען זיך פיהרען ווי זיי״. דערויף האָט זיי יחזקאל געענטפערט: „והעולה על רוחכם היו לא תהי״ וגו׳, „חי אני נאם

ד׳ אם לא ביד חזקה״ וגו׳ — „דאָס וואָס איהר טראַכט וועט קיינמאָל נישט געשעהן. מיט אַ שטאַרקע האַנד און מיט כח וועל איך קעניגען איבער אייך — זאָגט גאָט״.

(מדרש רבה)

דער איד קאָן נישט אַוועקגעהן פון גאָט, און לעבען און פיהרען זיך ווי אַנדערע פעלקער. און ווען, אפילו, ער וויל אַוועקגעהן פון גאָט קומט דאַן אַ יד חזקה, אַ שטאַרקע האַנד, און ברענגט איהם צוריק צו השי״ת . . . די אידישע היסטאָריע באַשטעטיגט עס . . .

ט

ויאמר אלי בן אדם התחיינה העצמות האלה (ל״ז ג׳)

דער תלמוד פרעגט: ווער זענען עס געווען די מתים, וועלכע יחזקאל האָט לעבעדיג געמאַכט? רב זאָגט: זיי זענען געווען די דאָזיגע, וועלכע האָבען זיך טועה געווען אין דעם חשבון פון קץ, און זענען אַרויסגעגאַנגען פאַר דער צייט, און די בני גת האָבען זיי אויסגע׳הרג׳ט. שמואל זאָגט: זיי זענען געווען די וועלכע האָבען געלייקענט אין תחית המתים, ווי עס שטעהט: „הנה אומרים יבשו עצמותנו ואבדה תקותנו״. רב ירמי׳ בר אבא זאָגט: זיי זענען געווען מענשען וועלכע האָבען נישט געהאָט אין זיך קיין לחלוחית מצוה, ווי עס שטעהט: „העצמות היבשות״. רבי יצחק זאָגט: זיי זענען געווען מענשען וועלכע האָבען באַדעקט דעם היכל מיט בילדער פון שקצים ורמשים, ווי עס שטעהט: „ואבא ואראה רמש ובהמה שקץ וכל גלולי בית ישראל״ (יחזקאל ח׳).

(סנהדרין צ״ב)

די אַסימילאַציע אין גלות נעהמט אַוועק פון אַ טייל אידען יעדע לחלוחות של מצוה, עס ווערט ביי זיי אויסגעטרוקענט דער אידישער לעבענסזאַפט, זיי פאַרלירען דעם גלויבען אין קץ משיח און אין תחית המתים פון אידישען פאָלק. די זעלבע מענשען באַפוצען און באַציהרען דעם אידישען היכל מיט פרעמדע מנהגים פון פרעמדע עבודה־זרות... אויף זיי איז געזאָגט געוואָרען „העצמות היבשות שמעו דבר ד׳ ״ . . .

י

וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ד׳ (מ״א כ״ד)

אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט דער מזבח מכפר געווען אויף די זינד פון די אידען. היינט ווען דער בית המקדש איז חרוב, איז דער שלחן, דער אידישער טיש, מכפר אויף אידען, ווי עס שטעהט: „זה השלחן אשר לפני ד׳״. דער תלמוד זאָגט אויך: ווער עס איז אַ „מאריך על שלחנו״, ער פאַרבראַכט לאַנג ביי זיין טיש כדי טאָמער וועט קומען אַן אָרימאַן ער זאָל מיט איהם מיט-עסען, דעם דאָזיגען ווערען זיינע יאָהרען פאַרלענגערט — „כל המאריך על שלחנו מאריכין לו ימיו ושנותיו״.

(ברכות נ״ה)

דער בית המקדש איז געווען דער גייסטיגער צענטער וועלכער האָט אויפגעהאַלטען דאָס אידישע פאָלק. ווען מיר האָבען נישט דעם בית המקדש, איז די אידישע שטוב, דער אידישער טיש, די כשרות אין אידישען הויז, דער גייסטיגער צענטער, דער בית המקדש פאַר׳ן קיום פון פאָלק. אויך אחדות ביי אידען, אידישע צדקה, דאָס נישט לעבען בלויז פאַר זיך נאָר אויך געדענקען אין דעם צווייטען, פאַרלענגערט דעם קיום פון אידישען פאָלק . . .

הושע

א

דבר ד׳ אשר היה אל הושע (א׳ א׳)

נאָכדעם ווי די ברידער האָבען פאַרקויפט יוסף׳ן און ראובן האָט זיך צוריקגעקעהרט צום גרוב און האָט דאָרט יוסף׳ן נישט געפונען, האָט דאַן השי״ת געזאָגט צו ראובן: „דו, ראובן, האָסט געוואָלט צוריקקעהרען אַ געליעבטען זוהן צוריק צו זיין פאָטער, דערפאַר וועט קומען דיינס אַ אייניקעל און ער וועט מאַכען צוריקקעהרען די אידען צו זייער פאָטער אין הימעל דורך תשובה״. און דאָס איז געווען דער נביא הושע. רבי ברכי׳ זאָגט: גאָט האָט געזאָגט צו ראובן: „דו, ביזט געווען דער ערשטער צו טהון תשובה, דערפאַר וועט קומען דיין אייניקעל הושע און וועט אויך רופען די אידען צו תשובה, ער וועט זאָגען: „שובה ישראל״.

(ילקוט בשם פסיקתא)

די גוטע מעשים פון עלטערען ווירקען אויף זייערע קינדער און אויך אויף שפּעטערע דורות. — ראובן, ווייל ער איז געווען דער בכור, האָט זיך געפיהלט, מעהר ווי זיינע יונגערע ברידער, פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים און האָט תשובה געטהון. אַזוי אויך אידען, וועלכע ווערען אויך אָנגערופען דער בכור, „בני בכורי ישראל״, זענען מעהר ווי אַנדערע פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע מעשים און ווען זיי טהון אַ חטא מוזען זיי דאָס פאַרריכטען דורך תשובה: „שובה ישראל״ . . .

ב

תחלת דבר ד׳ בהושע וגו׳ לך קח לך אשת זנונים (א׳ ב׳)

ווען גאָט האָט געזאָגט צו הושע אַז די אידען האָבען געזינדיגט, האָט הושע נישט געזאָגט: „רבש״ע! האָב אויף זיי רחמנות, זיי זענען דאָך די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב״, נאָר ער האָט געזאָגט: „החליפם באומה אחרת״ — „טויש זיי אויס אויף אַן אַנדערע אומה״. דאַן האָט השי״ת געזאָגט צו הושע: „קח לך אשת זנונים״. ווען עס זענען אַריבער דריי יאָהר און גאָט האָט געהייסען ער זאָל זיך שיידען מיט זיין פרוי, האָט הושע געזאָגט: „ווי

קאָן איך זיך שיידען מיט דער פרוי מיט וועלכע איך האָב געהאַט דריי קינדער״. דאַן האָט גאָט געזאָגט צו הושע: „הושע, דו קאָנסט זיך נישט שיידען מיט דיין פרוי און קינדער, ווי אַזוי הייסטו מיר זיך שיידען מיט די אידען און זיי אויסטוישען אויף אַן אַנדער פאָלק״? הושע האָט דאַן געוואוסט אַז ער האָט געזינדיגט, און האָט געבעטען רחמים אויף די אידען און זיי געבענשט „והיה מספר בני ישראל כחול הים״ (שם ב׳).

(ילקוט שמעוני)

השי״ת וויל נישט מען זאָל ריידען שלעכטס אויף אידען אפילו ווען זיי זענען זינדיג, ווייל אפילו ווען זיי זענען זינדיג זענען זיי זיין פאָלק, גאָט׳ס פאָלק. ער וועט זיי קיינמאָל נישט אויסטוישען אויף אַן אַנדערע אומה. השי״ת וויל אַז אנשטאָט צו ריידען שלעכטס אויף אידען, זאָל מען בעטען רחמים אויף זיי און זיי בענשען . . .

ג

וארשתיך לי באמונה (ב׳ כ״א)

אין דעם זכות פון אמונה זענען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, ווי עס שטעהט: „ויאמן העם״ (שמות ז׳). אין זכות פון אמונה האָט גערוהט דער רוח הקודש אויף די אידען און זיי האָבען געזאָגט שירה, ווי עס שטעהט: „ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו, אז ישיר משה ובני ישראל״. אין זכות פון אמונה וועלען זיך די אידען צונויפזאַמלען פון גלות, ווי עס שטעהט: „אתי מלבנון תשירו מראש אמנה״ (שה״ש ד׳), און אין דעם זכות וואָס אידען האָבען געהאַט אמונה אין די שלעכטסטע צייטען, אין די פינסטערע נעכט, פון גלות, וועלען זיי זוכה זיין צו שמחה, ווי עס שטעהט: „להגיד בבוקר חסדיך ואמונתך בלילות״ (תהלים צ״ב).

(מכילתא)

מיט דעם כח פון אמונה האָבען אידען דורכגעהאַלטען דעם גלות מצרים און אויך אַנדערע גלות׳ן. אמונה דערהויבט דעם מענש איבער אַלע צרות . . . דאָס פאָלק וואָס האָט נישט פאַרלוירען די אמונה האָט נישט פאַרלוירען זיין נשמה און איז געזיכערט מיט אַ גליקליכע צוקונפט, צו גאולה און שמחה . . .

ד

וזרעתיה לי בארץ (ב׳ כ״ה)

רבי אליעזר זאָגט: די אידען זענען דריבער פאַרטריבען געוואָרען אין גלות כדי עס זאָלען צו זיי צוקומען וואָס מעהר גרים, ווי עס שטעהט: „וזרעתיה לי בארץ״, אַזוי ווי אַ מענש וועלכער פאַרזייעט אין זיין פעלד אַ סאה תבואה נעהמט ער דערפון אַרויס פיעל כורים.

(פסחים פ״ז)

כאָטש די אידען זענען פאַרפאָלגט געוואָרען אין גלות דאָך האָט דער אידישער גייסט זעהר פיעל באַאיינפלוסט די וועלט און פיעל פון זייערע אידעען זענען אַריינגעדרונגען אין דער מענשהייט. — אידען זענען נידעריג געפאַלען אין גלות ווי די זריעה פון תבואה פאַלט נידעריג אין דער ערד, און ווי די זריעה אין פעלד אַזוי האָט אויך שטענדיג דער אידישער גייסט געבליהט, געוואָקסען און געברענגט פיעל ברכה דער וועלט . . . (לויט׳ן כוזרי)

ה

אחר ישובו בני ישראל וגו׳ ואת דוד מלכם ופחדו אל ד׳ ואל טובו (ג׳ ה׳)

פריהער שטעהט „אחר ישובו בני ישראל״ און דערנאָך „ואת דוד מלכם״ — פריהער וועלען אידען קומען קיין ירושלים און דאַן וועט קומען משיח בן דוד. דעריבער זאָגען מיר פריהער אין דער שמונה עשרה „ולירושלים עירך״ און דערנאָך „את צמח דוד״. און ווען דוד וועט קומען דאַן וועט אויך קומען תפלה, ווי עס שטעהט: „והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי״ (ישעי׳ נ״ו).

(מגילה י״ז)

לויט דעם דאָזיגען מאמר פון תלמוד וועט פריהער זיין קיבוץ גליות און נאָכהער ביאת המשיח. — די ריכטיגע תפלה איז ווען זי קומט מתוך שמחה — „וגילו ברעדה״ — און אמת׳ע שמחה וועט נאָר זיין ווען אידען וועלען אויס־געלייזט ווערען פון גלות: „והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי״...

ו

חבור עצבים אפרים הנח לו (ד׳ י״ז)

רבי זאָגט: גרויס איז דער שלום, ווען אפילו, מענשען דיענען דער עבודה־זרה און אַז עס איז שלום צווישען זיי קאָן איבער זיי קיין שלעכטס נישט שולט זיין, ווי עס שטעהט: „חבור עצבים אפרים הנח לו״. ווען אָבער עס איז דאָ מחלוקת צווישען זיי, זאָגט אויף זיי דער פסוק: „חלק לבם עתה יאשמו״ (שם י׳). אין דער צייט פון דור המבול, ווען מענשען האָבען גערויבט און גע׳גזל׳ט איינער ביים אַנדערען, זענען זיי אָבגעמעקט געוואָרען פון דער וועלט און דער דור הפלגה, כאָטש זיי האָבען געזינדיגט געגען גאָט, ווייל עס איז געווען אחדות צווישען זיי, ווי עס שטעהט: „ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים״ (בראשית י״א) זענען זיי ניצול געוואָרען.

(מדרש רבה)

השי״ת האָט ליעב דעם מענש, וועלכער איז די קרוין פון זיין באַשאַפונג, און ווען מענשען האָבען זיך ליעב, עס הערשט אחדות צווישען זיי, דיענען זיי דערמיט ג—ט. זיי זענען באַהעפט מיט די אייביגקייט און זיי קאָנען דעריבער נישט אונטערגעהן . . .

ז

כי חסד חפצתי ולא זבח (ו׳ ו׳)

השי״ת זאָגט: „כי חסד חפצתי ולא זבח״ — עס איז מיר ליעבער דער חסד וואָס איהר טהוט איינער מיט׳ן אַנדערען, איידער די אַלע קרבנות וועלכע שלמה האָט מקריב געווען, ווי עס שטעהט: „זאת התורה לעולה למנחה״ (ויקרא ז׳). דאָס מיינט: „זאת התורה, לא עולה ולא מנחה״ — די תורה באַשטעהט נישט בלויז אויף עולה און מנחה. דער מדרש דערצעהלט, רבי יוחנן בן זכאי צוזאַמען מיט רבי יהושע זענען געגאַנגען אין ירושלים. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דעם אָרט פון בית־המקדש האָט רבי יהושע אויסגערופען: „וועה איז אונז! דער אָרט אין וועלכען עס איז פאַרגעבען געוואָרען אונזערע זינד איז חרוב״ און רבי יוחנן האָט געזאָגט צו רבי יהושע: „מיין קינד, מיר האָבען אַן אַנדער מיטעל וועלכעס איז מכפר אונזערע זינד אַזוי גוט ווי דער בית־המקדש, און דאָס איז, גמלת־חסדים, ווי עס שטעהט: „כי חסד חפצתי ולא זבח״. עס שטעהט אויך: „אמרתי עולם חסד יבנה״ (תהלים פ״ט).

(ילקוט בשם ילמדנו)

דער בית־המקדש איז געווען דער גייסטיגער צענטער פון אידישען פאָלק. ער איז אויך געווען דער צענטער פון דער פאָלקס-פאַראייניגונג. ווען דער בית־המקדש איז חרוב דאַרף אַנשטאָט איהם חסד, צדקה און אהבה פאַראייניגען און שטאַרקען דאָס פאָלק . . .

ח

וישכח ישראל את עושיהו ויבן היכלות (ז׳ י״ד)

רבי הושעיא רבה און רבי חמא האָבען צוזאַמען באַזוכט די שוהלען פון לוד. רבי חמא האָט געזאָגט צו ר׳ הושעיא: זעהר פיעל געלד האָבען מיינע עלטערען אַריינגעלעגט אויף אויפצובויען די דאָזיגע שוהלען. רבי הושעיא האָט איהם דערויף באַמערקט: „וויפיעל נפשות, אָבער, זענען פאַרלוירען געגאַנגען אין די דאָזיגע בנינים. וויפיעל מענשען וואָלטען אנשטאט דעם בעסער געלערענט די תורה״. — צו דעם בית המדרש פון ר׳ אבין, האָט מען געמאַכט אַ זעהר שעהנעם טויער. ווען רבי מני האָט באַזוכט ר׳ אבין און ער האָט איהם געוויזען דעם שעהנעם בנין, האָט ר׳ מני געזאָגט דערויף דעם פסוק: וישכח ישראל את עושיהו ויבן היכלות״.

(ירושלמי, שקלים פ״ה)

די וויכטיגקייט פון די שוהלען און בתי מדרשים באַשטעהט נישט אין די שעהנקייט פון זייערע בנינים, נאָר אין דער תורה וואָס מען לערענט אין זיי. אנשטאט צו שפּענדען געלד אויף טייערע בנינים איז וויכטיגער צו שטיצען די מענשען זאָלען לערנען די תורה. די וועלכע טהון ניט אַזוי, פאַרגעסען אין עיקר — אין גאָט: „וישכח ישראל את עושיהו ויבן היכלות . . .

ט

שובה ישראל עד ד׳ אלהיך (י״ד ב׳)

רבי לוי זאָגט: תשובה איז זעהר גרויס, תשובה דערגרייכט ביז צו דעם כסא־הכבוד, ווי עס שטעהט: „שובה ישראל עד ד׳ אלהיך״.

(יומא פ״ו)

תשובה קומט פון דעם מענשליכען געוויסען. דער געוויסען לאָזט נישט רוהען דעם זינדיגען ביז ער פאַרריכט די זינד, און דאָס געוויסען פון מענש איז געטליך, דער חלק אלהי, וואָס איז אין מענש. דעריבער גרייכט תשובה ביז צום כסא־הכבוד: „עד ד׳ אלהיך״ . . .

י

שובה ישראל

עס איז אַ משל צו אַ פריינד פון בן מלך וואָס האָט געזאָגט צום בן מלך: „זיי וויסען אַז דיין פאָטער איז אין כעס אויף דיר פאַר דיין שלעכטער אויפ־פיהרונג. ער וועט דיר שטרענג באַשטראָפען. ער וועט דיר איבערגעבען אין בית־האסורים, וואו דו וועסט ליידען הונגער און טויט־שרעק. אָם ענדע וועסטו מוזען דיין פאָטער איבערבעטען און ער וועט דיר מוחל זיין. פאָלג מיין עצה, זאָגט דער פריינד צום בן מלך, און בעט איבער דיין פאָטער פריהער, איידער די שטראָף קומט". דאָס זעלבע האָט הושע געזאָגט צו די אידען: „זייט וויסען אַז גאָט וועט אייך באַשטראָפען פאַר אייערע זינד. ער וועט אייך איבערגעבען צו די מלכיות", ווי עס שטעהט: „עליכם אשפוך כמים עברתי" (הושע ט׳) דעריבער, איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט תשובה טהון פריהער, איידער די שטראָף קומט: שובה ישראל.

(ילקוט שמעוני)

„שובה ישראל עד ד׳ אלהיך". ׳אלהיך׳ איז מדת הדין. מ׳דאַרף תשובה טהון, פאַרריכטען די זינד פריהער איידער עס קומט דער מדת הדין, איידער עס קומט די שטראָף. עס איז אַ וואָרנונג פאַר׳ן יחיד ווי אויך פאַר׳ן גאַנצען פאָלק...

יא

כי כשלת בעונך (שם)

עס איז אַ משל צו אַ גרויסען שטיין וועלכער איז געלעגען אין דער מי־ט פון וועג און מענשען זענען דורך דעם געשטרויכעלט געוואָרען. דער מלך האָט דאַן געזאָגט צום פאָלק: מאַכט איהר דעם שטיין קלענער, דורך אָבהאַקען פון איהם שטיקלעכווייז און אין דער צייט וועל איך איהם אינגאַנצען אַוועק־נעהמען. דאָס זעלבע זאָגט השי"ת צו ישראל: „דער יצר הרע איז אַ גרויסער מכשול פאַר די מענשען, איהר מענשען דאַרפט איהם אָבשוואַכען, קלענער מאַכען, אָם ענדע וועל איך איהם אינגאַנצען מבער זיין פון דער וועלט", ווי עס שטעהט: „והסירותי את לב האבן מבשרכם" (יחזקאל ל"ו).

(ילקוט)

דער מענש קאָן נישט דאָס שלעכטס מיט איינמאָל פאַרניכטען, מען קאָן עס נאָר אָבשוואַכען ביסלעכווייז. אין דער ענדע וועט דאָס גאַנצע שלעכטס אָבגערוימט ווערען פון דער וועלט דורך גאָט...

יב

אהיה כטל לישראל יפרח כשושנה (י"ד ו')

די אידען האָבען געפרעגט: „רבש"ע! ווען וועסטו אונז אויסלייזען פון גלות"? השי"ת האָט זיי געענטפערט " „ווען איהר וועט זיין אראָבגעגנידערט ביז צו דער מדרגה התחתונה, דאַן וועל איך אייך אויסלייזען", ווי עס שטעהט: „ונקבצו בני יהודה ובני ישראל יחדו ושמו להם ראש אחד ועלו מן הארץ" (הושע ב'). עס שטעהט אויך: „כי שחה לעפר נפשנו וגו' קומה עזרתה לנו" (תהלים מ"ד). און השי"ת זאָגט צו די אידען: „אַלעס איז געווענדעט אין אייך אַליין. איהר זענט ווי די רויז, וואָס ווען זי בליהט איז איהר האַרץ געווענדעט צום הימעל. אַזוי אויך איהר ווען איהר וועט תשובה טהון און אייערע הערצער וועלען זיין געווענדעט צום הימעל, דאַן וועל איך אייך אויסלייזען", ווי עס שטעהט: „אהי' כטל לישראל יפרח כשושנה".

(מדרש שוחר טוב)

צוויי באַדינגונגען זענען נויטיג צו דעם קומען פון דער גאולה: ווענדען זיך צו גאָט דורך תשובה און די פאַראייניגונג און דיסציפּלין פון פאָלק: „ונקבצו בני יהודה ובני ישראל ושמו להם ראש אחד" . . .

יואל

א

וד׳ נתן קולו לפני חילו (ב׳ י״א)

דער פסוק געהט אויף די ימים נוראים: „וד׳ נתן קולו״ — אין ראש השנה. „כי רב מאד מחנהו״ — דאָס זענען די אידען. „כי עצום עושה דברו״ — מיינט מען די צדיקים, זיי זענען עושה דברו, זיי טהון גאָט׳ס באַפעהל און זייער כח איז דעריבער שטאַרק. „כי גדול יום ד׳ ״ — איז יום הכפורים. „ומי יכילנו״ — אין די דאָזיגע טעג ווערען געעפענט די דריי ספרים: פאַר צדיקים, רשעים און בינונים.

(פסיקתא)

„וד׳ נתן קולו״ — אין די ימים נוראים הערט זיך דאָס קול פון גאָט, דער אידישער געוויסען איז דאַן וואַך אין די אידישע הערצער צו תשובה און פאַרבעסערונג. „כי גדול יום ד׳ ״ — דער טאָג פון יום הכפורים איז אַ גרויסער טאָג, דער גרעסטער אין יאָהר, ער הייסט „יום ד׳ ״ ווייל אין דעם טאָג קעהרט זיך דער איד אָב פון אַלע וועלטליכע באַדערפנישען און גיט זיך אָב בלויז צו גאָט . . .

ב

וקרעו לבבכם ואל בגדיכם (ב׳ י״ג)

השי״ת זאָגט צו די אידען: „וקרעו לבבכם״ — אַז איהר וועט צורייסען אייערע הערצער, איהר וועט עפענען אייערע הערצער און איהר וועט טהון תשובה — „ואל בגדיכם״ — וועט איהר נישט דאַרפען רייסען אין אייערע קליידער קיין קריעה פון אבלות אויף אייערע קרובים. „כי חנון ורחום הוא״. השי״ת האָט אויף אייך רחמנות.

(פסיקתא)

„כי חנון ורחום הוא״ — השי״ת איז אַ חנון ורחום, ער וויל נישט באַשטראָפען די מענשען. ער וויל בעסער אַז זיי זאָלען פריהער תשובה טהון און זיי זאָלען אַזויערנאַך אויסמיידען די שטראָף . . .

ג

ונקיתי דמם לא נקיתי (ד׳ כ״א)

רבי יוחנן זאָגט: ווערה צו די אומות וועלכע האָבען פאַרפאָלגט די אידען. זיי וועלען נישט האָבען קיין תקנה, קיין פאַרגעבונג, ווייל ווען אפילו די מאַטעריעלע שאָדענס וועלכע זיי האָבען געברענגט צו די אידען קאָנען גוט געמאַכט ווערען, ווי עס שטעהט: „תחת הנחשת אביא זהב ותחת הברזל אביא כסף" (ישעי׳ ס׳), „פאַר דעם שאָדען פון קופער וועלען זיי אָבגעבען גאָלד און פאַר אייזען — זילבער", אָבער וואָס קאָנען זיי די אומות אָבגעבען פאַר רבי עקיבא און זיינע חברים וועלכע זיי האָבען גע׳הרג׳ט. אויף זיי זאָגט דער פסוק „ונקיתי דמם לא נקיתי", אַלעס קאָן זיי געשענקט ווערען אָבער נישט דאָס בלוט פון רבי עקיבא און זיינע חברים.

(ר״ה כ״ב)

דער פאַרלוסט פון מאַטעריעלע זאַכען איז נישט קיין אייביגער פאַרלוסט, מען קאָן באַקומען אַנדערע אויף זייער אָרט. דער פאַרלוסט אָבער פון גרויסע מענשען איז אַן אייביגער פאַרלוסט פאַר׳ן פאָלק. עס קאָנען נישט צוריקקומען קיין אַנדערע אויף זייער אָרט: „אין להם חלופין" . . .

עמוס

א

כה אמר ד׳ על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנה

(ב׳ ו׳)

רבי יוסי זאָגט: ווען אַ מענש זינדיגט איינמאָל און באַגעהט די זעלבע זינד אַ צווייט מאָל און אויך אַ דריט מאָל איז מען איהם נאָך אַלץ מוחל. ווען, אָבער, ער טהוט די זעלבע עבירה אַ פערטען מאָל איז מען איהם מעהר ניט מוחל, ווי עס שטעהט: „ועל ארבעה־לא אשיבנה״. עס שטעהט אויך: „הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר״ (איוב ל״ג).

(יומא פ״ו)

כל זמן די זינד ווערט נישט אַ געוואוינהייט ביי דעם מענש קאָן ער נאָך זיך אָברייסען פון איהר, טהון תשובה און מען איז איהם מוחל. ווען ער באַגעהט, אָבער, די זעלבע זינד פיעל מאָל ווערט די זינד ביי איהם אַ געוואוינהייט, אַ צווייטע נאַטור, און עס איז שוין שווער צו טהון תשובה . . .

ב

נשבע ד׳ בגאון יעקב (ח׳ ז׳)

דער תלמוד ברענגט: „אוצרי פירות״ — די וואָס זאַמלען און באַהאַלטען אוצרות פון עסענוואַרג כדי צו קאָנען נעהמען פאַר זיי הויכע פרייזען, „ומלוי ברבית״ — די וועלכע אַנטלייהען געלד אויף פראָצענט, ומקטיני איפה — די וועלכע גיבען פאַלשע מאָסען, אויף זיי זאָגט דער פסוק: „נשבע ד׳ בגאון יעקב אם אשכח לנצח כל מעשיהם״ — „גאָט האָט געשוואוירען ביי די גרויסקייט פון יעקב אַז ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסען זייערע שלעכטע מעשים״.

(ב״ב צ׳)

זעהר פיעל האָבען אידען געליטען דורך די שלעכטע מעשים פון די אויבענדערמאָהנטע מענשען. אויך דער אידישער כבוד, דער „גאון יעקב״, איז דורך זיי פיעל געמינערט געוואָרען . . .

ג

ואגודתו על ארץ יסדה (ט׳ ו׳)

„ואגודתו על ארץ יסדה״ — ווען אידען זענען פאַרבונדען אין איין בונד, אין איין אגודה, און זענען אַלע אין איין עצה, דאַן איז „הבונה בשמים מעליותיו״ — ווערט דער נאָמען פון השי״ת דערהויבען, ווי עס שטעהט: „ויהי בישורין מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל״. „ויהי בישורין מלך״ — די מלוכה פון השי״ת הערשט איבער אידען נאָר דאַן ווען „בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל״, ווען אַלע אידען האַלטען זיך צוזאַמען, פאַראייניגט.

(ספרי)

ווען אידען זענען צוטיילט אין פאַרשיעדענע פּאַרטייען און כתות, ליידען דערפון נישט בלויז די אידען אויף דער וועלט, נאָר עס ליידט אויך מלכות שמים . . .

ד

ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנפלת (ט׳ י״א)

רבי נחמי׳ זאָגט: אין דעם דור ווען בן־דוד וועט קומען וועט „עזות״ זיך פאַרמעהרען. „והיוקר יעוות״ — דער ייקרות, הויכע פרייזען וועלען זיין פאַרקרומט. דער וויינשטאָק וועט געבען זיינע פרוכט דאָך וועט ווייַן זיין טייער, און די גאַנצע וועלט וועט זיין איבערגעקעהרט צו מינות, צו אומגלויבען.

(סנהדרין צ״ו)

„והיוקר יעוות״ — עס וועט נישט דאַרפען זיין טייער, עס וועט זיין אַלעס פאַר אַלעמען. דער ייקרות וועט קומען דורך די פאַרקרומער, דורך די אומ־נאַטירליכע אויפשרויפער פון די פרייזען. (מהרש״א)

ה

אקום את סוכת דוד

רבי נהוראי זאָגט: אין דעם דור ווען בן־דוד וועט קומען וועלען אינגלאַך פאַרשעמען די זקנים. אַלטע לייט וועלען זיך אויפשטעלען פאַר די יונגע. אַ טאָכטער וועט זיך געגענשטעלען איהר מוטער און אַ שנור געגען איהר שוויגער

און דער זוהן וועט זיך נישט שעמען פאַר זיין פאָטער. רבי לוי זאָגט: ווען דו זעהסט אַ דור וועלכער איז מחרף ומגדף, לעסטערט גאָט׳ס נאָמען, דאַן זאָלסטו האָפען צו דעם קומען פון משיח, ווי עס שטעהט: „אשר חרפו אויביך ד׳, אשר חרפו עקבות משיחך״, דאַן וועט זיין „ברוך ד׳ לעולם אמן ואמן״ (תהלים פ״ט).

(סוטה מח, סנהדרין צ״ו)

דורך דער אָבשוואַכונג פון דער אמונה, פון דעם גלויבען, ווערט צושטערט דאָס פאַמיליע לעבען און עס ווערט אויך צושטערט די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. דער איינציגער תיקון איז — צוריקקעהרען זיך צו דער אמונה, צום גלויבען, דאַן וועט קומען די גאולה דורך בן־דוד צו אידען און אויך צו דער גאַנצער וועלט . . .

עבדיה

חזון עבדיה כה אמר ד׳ אלהים לאדום (א׳ א׳)

א

וועה איז צו דעם מלכות אדום. אין איהר וועט גאָט אַליין נעמען נקמה. מצרים האָט באַקומען די שטראָף דורך אַ מלאך, ווי עס שטעהט: „וישלח מלאך ויוציאני ממצרים״ (במדבר כ׳). די מפלה פון אשור איז אויך געקומען דורך אַ מלאך, ווי עס שטעהט: ויצא מלאך ד׳ ויך במחנה אשור (מלכים ב׳ י״ט). המן׳ס מפלה איז געקומען דורך מרדכי ואסתר. די מפלה פון די יונים — דורך מתתי׳ און זיינע זיהן. די מפלה פון אדום וועט קומען פון גאָט אַליין, ווי עס שטעהט: „כה אמר ד׳ אלהים לאדום״.

(תנחומא)

ווען עס וועט קומען די מפלה פון אדום, פון דער מלכות הרשעה, וועט די מפלה זיין אַזוי גרויס און אַזוי אומנאַטירליך אַז אַלע וועלען אַנערקענען און זעהן אין איהר די האַנד פון גאָט . . .

ב

ביום עמדך מנגד ביום שבות זרים חילו וגו׳ גם אתה כאחד מהם (א׳ י״א)

ווען נבוכדנצר הרשע איז געקומען חרוב מאַכען ירושלים איז דאַן געקומען עשו און האָט זיך אָבגעשטעלט פון דערווייטענס, אויפ׳ן שייד־וועג (על פרשת דרכים) קיין ירושלים. עשו האָט געזאָגט: „איך וועל זעהן, אויב די אידען וועלען זיעגען וועל איך זאָגען אַז איך בין געקומען זיי העלפען, און אויב בבל וועט מנצח זיין דאַן וועל איך זיי העלפען אויס׳הרג׳נען די אידען. און דער רוח־הקדש האָט דאַן אויסגעשריען „ואל תעמוד על הפרק״, און דערויף זאָגט דער נביא: „ביום עמדך מנגד וגו׳ גם אתה כאחד מהם״.

(ילקוט שמעוני)

די היסטאָריע איז אַן עדות אויף דעם. פיעל פון די אַזוי גערופענע נייטראַלע פון די אומות העולם שטעהן און קוקען שטיל־שווייגענד צו דער

גרויזאַמער פאַרפאַלגונג פון אידען און אויך אויף זיי געהן די ווערטער פון נביא: „ביום עמדך מנגד ביום שבות זרים חילו וגו׳ גם אתה כאחד מהם״ . .

ג

ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו (א׳ כ״א)

דער מדרש ברענגט: יעקב האָט געזאָגט צו עשו: „עד אשר אבוא אל אדוני שעירה״ (בראשית ל״ג). און מען געפינט אָבער נישט אין דער תורה ווען יעקב איז געגאַנגען קיין שעיר? נאָר דאָס געהט אויף לעתיד לבוא, אין דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט מקוים ווערען „ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו״. „והיתה לד׳ המלוכה. — כי יד על כס יה״ (תהלים מ״ז). די כסא, גאָט׳ס שטוהל, און אויך גאָט׳ס נאָמען איז נישט גאַנץ ביז עמלק, וועלכער קומט פון עשו, וועט נישט פאַרניכטעט ווערען, ווי עס שטעהט: „האויב תמו חרבות לנצח וגו׳ וד׳ לעולם ישב כונן למשפט כסאו״ (תהלים ט׳).

(מדרש רבה)

דער כח פון עשו איז די שווערד, דער „ועל חרבך תחיה״. כל זמן דער כח פון דער שווערד וועט נישט פאַרניכטעט ווערען קאָן נישט מלכות שמים הערשען איבער דער וועלט. נאָר ווען עס וועט זיך ענדיגען די הערשאַפט פון דער שווערד דאַן וועט מלכות שדי הערשען און דער כסא ד׳ וועט זיין גאַנץ . . .

יונה

א

ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני ד׳ (א׳ ג׳)

יונה האָט געוואָלט אַנטלויפען פון גאָט. אָבער קאָן דען אַ מענש אַנטלויפען פון גאָט? ווי עס שטעהט: „אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח״ (תהלים קל״ט). און קאָן מען דען זיך באַהאַלטען פון גאָט? ווי עס שטעהט: „עיני ד׳ משוטטים בכל הארץ״ (זכרי׳ ד׳). נאָר יונה האָט געזאָגט: איך וועל אַוועק קיין חוץ־לארץ, ווייל אין חוץ־לארץ אַנטפלעקט זיך נישט די שכינה צו מענשען און דאָרט וועל איך ממילא ווערען אויס נביא. איך וועל אַזויערנאָך ווערען באַפרייט פון צו זאָגען די שרעקליכע נבואה.

(מכילתא)

נבואה איז נאָר אין ארץ ישראל. די קדושה פון ארץ ישראל איז גורם אַז די שכינה און רוח־הקדש זאָל רוהען אויף די מענשען וועלכע זענען ראוי דערצו — חוץ לארץ איז נישט מסוגל צו נבואה . . .

ב

ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני ד׳ (שם)

פאַרוואָס האָט יונה נישט געוואָלט אויספיהרען גאָט׳ס שליחות? יונה האָט געזאָגט: איך ווייס אַז די גוים זענען נאָהענט צו טהון תשובה (קרובי תשובה הם) און ווען זיי וועלען טהון תשובה, וועט זיכער גאָט רחמנות האָבען אויף זיי און ער וועט נישט צושטערען די שטאָדט נינוה, און דאַן, האָט יונה געזאָגט, וועט דאָס זיין אַ גרויסער קטרוג אויף אידען. ווען די גוים פון נינוה האָבען זיך יאָ צוגעהערט צו די רייד פון נביא און געטהון תשובה און זיי, די אידען, האָבען נישט געוואָלט זיך צוהערען צו די רייד פון זייערע נביאים און האָבען נישט געטהון קיין תשובה.

(פרקי דר׳ אליעזר)

ג

שאוני והטילוני אל הים (א׳ י״ב)

יונה האָט דאָך נישט געוואוסט אַז עס וועט געשעהן מיט איהם אַ נס און ער וועט ניצל ווערען. ווי אַזוי האָט ער געהייסען מען זאָל איהם אַריינוואַרפען

אין ים און אַזויערנאָך זיין אַ מאבד עצמו לדעת? יונה האָט דאָס געטהון צוליעב די טובה פון די אידען. ער האָט נישט געוואָלט אַז דורך דעם וואָס די אנשי נגוה וועלען, הערענדיג די רייד פון נביא, טהון תשובה, און זיי די אידען האָבען נישט זיך צוגעהערט צו זייערע נביאים (זעה אות ב׳) און צוליעב די טובה פון אידען איז יונה, גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין. די זעלבע מסירת־הנפש געפינען מיר אויך ביי משה רבינו. ער האָט געזאָגט: „ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך" (שמות ל״ב). אויך ביי דוד המלך שטעהט: „ויאמר דוד אל ד׳ הנה אנכי חטאתי ואלה הצאן מה עשו" (ש״ב כ״ד).

(ילקוט שמעוני)

זעהר גרויס איז געווען די ליעבשאַפט פון די נביאים צו אידען. זיי זענען גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין פאַר אידען נישט נאָר מיט זייערע גופים (מסירת הגוף) נאָר אויך מיט זייערע נשמות (מסירת־הנפש), מיט זייער עולם־הבא. יונה הנביא איז געווען גרייט צו פאַרלירען זיין עולם הבא צוליעב אידען און האָט געזאָגט: „שאוני והטילני אל הים"...

ד

וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה (ג׳ י׳)

דער תלמוד זאָגט דערויף: עס שטעהט נישט „וירא אלהים את שקם ואת תעניתם" נאָר עס שטעהט: „וירא האלהים את מעשיהם" ווייל נישט דער שק און תענית איז דער עיקר, דער עיקר פון אמת׳ע תשובה איז מעשים טובים, גוטע טהאָטען, ווי עס שטעהט: „וישבו מדרכם הרע ומן החמס אשר בכפיהם". און שמואל זאָגט: די תשובה פון די אנשי נגוה איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז ווען איינער פון זיי האָט גע׳גזל׳ט אַ באַלקאָן און עס איינגעבויט אין זיין פאַלאַץ האָט ער פונאַנדערגענומען דעם פאַלאַץ און דעם גע׳גזל׳טען באלקאן צוריקגעגעבען צו זיין אייגענטימער.

(תענית ט״ז)

אַ שטאָדט, אין וועלכען די פאַלאַצען ווערען געבויט דורך גזלה, מוז ענדליך חרוב ווערען. דאָס זעלבע איז אויך אַ מדינה. ווען מענשען וועלען אויפהערען צו בויען זייערע פאַלאַצען דורך גזלה, דורך נישט־עהרליכע מיטלען, און יושר וצדק וועט הערשען, נאָר דאַן וועט די וועלט האָבען אַ קיום...

מיכה

א

כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו (ד׳ ה׳)

לעתיד לבוא וועלען די שרים פון די אומות העולם מקטרג זיין אויף די אידען. זיי וועלען זאָגען: רבש״ע! די אידען זינדיגען דאָך גלייך מיט די אַנדערע אומות, פאַרוואָס זאָלען די אַנדערע אומות אַראָבנידערען אין גיהנום און די אידען נישט? דאַן וועט השי״ת זאָגען: אויב אַזוי, זאָל יעדע אומה געהן אין גיהנם מיט איהר גאָט: „כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו״. „כי באש ד׳ נשפט״ (ישעי׳ ס״ו) און רבי ראובן זאָגט: ווען די דאָזיגע ווערטער וואָלטען נישט שטעהן אין פסוק וואָלט דאָס קיין מענש נישט געטאָרט אַרויס־ריידען. עס שטעהט נישט „כי באש ד׳ שופט״ נאָר „כי באש ד׳ נשפט״ — כביכול, אויך ער ווערט גע׳משפט צוזאַמען מיט די אידען. אויך דוד המלך האָט געזאָגט: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי״ (תהלים כ״ג). „כי אתה עמדי״ — „אויך דו, כביכול, ליידסט מיט מיר״. „שבטך ומשענתך המה ינחמוני״ (שם). „שבטך״ — דער שבט, די רוט, פון יסורים, „ומשענתך״ — איז די תורה וועלכעס איז דער אָנלעהן, דער אָנהאַלט אַדורכ־צוהאַלטען די יסורים, „המה ינחמוני״ — זיי זענען מיין טרייסט.

(מדרש שוחר טוב)

ווען אידען ליידען יסורי־גיהנם ליידט אויך כביכול מיט זיי און דאָס איז זייער טרייסט, ווייל כל זמן די אידען זענען באַהעפט אין גאָט דורך די תורה קאָנען זיי זיך טרייסטען און זיין זיכער אַז זיי וועלען ניצל ווערען פון גיהנם, פון פאַרניכטונג. „כי אתה עמדי״ . . . אַזוי ווי השי״ת איז אייביג אַזוי זענען אויך די אידען . . .

ב

לכן יתנם עד עת יולדה (ה׳ ב׳)

ר׳ יהודה זאָגט: פריהער, איידער משיח בן דוד וועט קומען, וועט דאָס מלכות הרשעה (הרביעית) פאַרשפרייטען איהר הערשאַפט איבער דער גאַנצער

וועלט ניין חדשים און דאַן וועט קומען משיח, ווי עס שטעהט: „לכן יתנם עד עת יולדה״ — פון די ימי עיבור ביז די צייט פון לידה דויערט ניין חדשים.
(יומא י׳)

ווען אידען זעהן ווי דאָס מלכות הרשעה פאַרשפּרייט איהר מאַכט איבער דער וועלט דאַרפען זיי נישט זיין געפאַלען ביי זיך, זיי דאַרפען גלויבען אַז דאָס זענען די „חבלי לידה״, די יסורים פון פאַר דאָס געבוירען פון דער גאולה און די בייזע הערשאַפט פון דאָס מלכות הרשעה איז נאָר אויף אַ קורצע צייט . . .

ג

והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים כטל מאת ד׳ (ה׳ ו׳)

ווענען די זעלבע שארית יעקב, די איבערגעבליבענע פון יעקב, האָט גאָט געזאָגט צו אליהו הנביא: „והשארתי בישראל שבעת אלפים אשר לא כרעו לבעל״ (מלכים א׳ י״ט). און אויך ווענען די זעלבע האָט גאָט געזאָגט צו גדעון: „בשלש מאות האיש המלקקים אושיע אתכם״ (שופטים ז׳). און אויף זיי זאָגט עס דער פסוק „והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים כטל מאת ד׳״. טל איז דער סימן פון תחית־המתים, ווי עס שטעהט: „יחיו מתיך״ (ישעי׳ כ״ו).

(תנחומא)

ווען עס בלייבט אין פאָלק אפילו נאָר אַ קליינע צאָהל עהרליכע מענשען, „אשר לא כרעו לבעל״, מענשען וועלכע בוקען זיך נישט צו קיין עבודה זרה, דאַרף מען נישט זיין פאַרצווייפעלט. די דאָזיגע קליינע צאָהל מענשען זענען בכח אויפצוהאַלטען דאָס פאָלק, די דאָזיגע קליינע צאָהל מענשען קאָנען ברענגען אַ אויפלעבונג, תחית־המתים, צום גאַנצען פאָלק . . .

ד

תרום ידך על צריך (ה׳ ח׳)

רבי ישמעאל זאָגט: די פינף פינגער פון דער רעכטער האַנד פון השי״ת זענען אַלע מרמז אויף דער גאולה. מיט דעם קליינעם פינגער האָט השי״ת געוויזען צו נח ווי אַזוי ער זאָל בויען די תבה, ווי עס שטעהט: „וזה תעשה

אותה" (בראשית ו'). מיט דעם צווייטען פינגער פון זיין האַנד האָט ער געשלאָגען די מצריים, ווי עס שטעהט: „אצבע אלהים היא" (שמות ח'). מיט'ן דריטען פינגער האָט גאָט געשריבען די לוחות, ווי עס שטעהט: „כתובים באצבע אלהים" (שם ל"ח). מיט דעם פיערטען פינגער האָט ער אָנגעוויזען משה'ן די מטבעה פון שקל וועלכע מען זאָל געבען צום משכן, ווי עס שטעהט: „זה יתנו כל העובר על הפקודים" (שם ל'). און מיט דעם גראָבען פינגער און אויך מיט דער גאַנצער האַנד וועט השי"ת, לעתיד לבוא, פאַרטיליגען די שונאים און פאַרפאָלגער פון די אידען, ווי עס שטעהט: „תרום ידך על צריך וכל אויביך יכרתו".

(פרקי דר' אליעזר)

אין יעדער גרויסער וועלט־היסטאָרישער געשעהעניש זעהט מען דעם אצבע אלקים, דעם פינגער פון גאָט, די געטליכע השגחה. דער מבול, יציאת מצרים, מתן תורה, ווי אויך די השראת השכינה אין משכן. דאָס זענען געווען גרויסע וועלט־היסטאָרישע געשעהענישען פאַר'ן אידישען פאָלק ווי אויך פאַר דער גאַנצער מענשהייט, אין וועלכע מען האָט אַרויסגעזעהן דעם אצבע אלקים. פיעל גרעסער וועט זיין די געטליכע התגלות לעתיד לבוא, ווען דאָס שלעכטע וועט פאַרניכטעט ווערען. מען וועט דאַן אַרויסזעהן נישט נאָר גאָט'ס פינגער, נאָר זיין גאַנצע האַנד. די גאַנצע געטליכע מאַכט: „תרום ידך על צריך" . . .

ה

הגיד לך אדם מה טוב ומה ד' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד וגו' (ו' ח')

מיט דריי זאַכען, זאָגען אונזערע חכמים, איז גמילות חסד גרעסער פון צדקה: צדקה קאָן מען טהון מיט געלד און גמילות חסדים קאָן מען טהון סיי מיט געלד, סיי מיט'ן גוף. צדקה איז נאָר צו אָרימע און גמילות חסד איז סיי צו אָרימע און סיי צו רייכע. צדקה איז נאָר צו לעבעדיגע און גמילות חסד איז סיי צו לעבעדיגע און סיי צו טויטע.

(סוכה מ"ט)

די עקזיסטענץ פון יעדען מענש איז אָבהענגיג פון צווייטען. ער מוז שטענדיג אָנקומען צו דער הילף פון צווייטען, און נישט נאָר ביים לעבען נאָר זאָגאַר נאָכ'ן טויט. די וועלט קאָן דעריבער קיין קיום נישט האָבען סיידען דורך דאָס פריינדליכע צוזאַמענלעבען פון די מענשען — דורך גמילות־חסדים...

נחום

א

וכן נגוזו ועבר וענתך לא אענך עוד (א׳ י״ב)

דער תלמוד זאָגט דערויף: ווען אַ מענש זעהט אַז זיין פרנסה איז מצומצם, ער איז פאַרענגט אין פרנסה, זאָל ער דאַן טהון צדקה און די ענגשאַפט וועט אַוועק, ווי עס שטעהט: „וכן נגוזו ועבר״. די דבי ר׳ ישמעאל זאָגען: „וכן נגוזו ועבר״ — ווען אַ מענש שערט אָב אַ טייל פון זיין פאַרמעגען אויף צדקה ווערט ער ניצל פון גיהנום (נגוזו איז דאָס לשון גזיזה, שערען). מר זוטרא זאָגט: אפילו אַן אָרימאַן וועלכער לעבט פון צדקה איז אויך מחויב צו טהון צדקה און דער זכות פון צדקה וועט פון איהם אַוועקנעמען דאָס עניות, ווי עס שטעהט: „וענתך לא אענך עוד״.

(גיטין ז׳)

געגענזייטיגע הילף פון איינעם צום צווייטען פאַרגרינגערט די מענשליכע יסורים, פאַרטרייבט די אָרימקייט און ענגשאַפט פון די מענשען און איז מציל די מענשהייט פון יסורי גיהנם . . .

ב

ופרח לבנון אמלל (א׳ ד׳)

ווען שלמה המלך האָט געבויט דעם בית־המקדש האָט ער דאָרט פאַר־פלאַנצט גאָלדענע בוימער וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען פאַרשידענע פרוכ־טען. ווען די גוים זענען אַריינגעקומען אין היכל זענען די בוימער אָבגעדאַרט געוואָרען, ווי עס שטעהט: „ופרח לבנון אמלל״ לעתיד לבוא וועלען זיי ווידער אויפבליהען, ווי עס שטעהט: „פרח תפרח ותגל כבוד הלבנון נתן לה״ (ישעי׳ ל״ה).

(יומא כ״א).

דורך דעם בית־המקדש האָט דער אידישער גייסט געבליהט און געוואַקסען און געבערענגט גוטע פרוכטען פאַר דער וועלט — לעתיד לבוא וועט דער אידי־שער גייסט ווידער אויפבליהען און ברענגען גוטע פרוכטען פאַר דער מענש־הייט . . .

חבקוק

א

איום ונורא הוא ממנו משפטו ושאתו יצא (א׳ ח׳)

„איום ונורא הוא״ געהט אויף פרעה מלך מצרים. ער איז געווען זעהר מעכטיג, ער האָט געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט, ווי עס שטעהט. „מושל עמים ויפתחהו״ (תהלים ק״ה). „ממנו משפטו ושאתו יצא״ געהט אויף משה רבינו, וועלכער איז אויפגעבראַכט געוואָרען אין פרעה׳ס הויז און ער האָט געשלאָגען פרעה׳ן מיט צעהן מכות. „איום ונורא הוא״ — זאָגט אויך דער מדרש — געהט אויף מלכות אדום, ווי עס שטעהט: „דחילא ואימתני״ (דניאל ז׳). „ממנו משפטו ושאתו יצא״ געהט אויף עובדיה הנביא, וועלכער איז געווען אַ גר־אדומי. ער איז אַרויסגעקומען פון אדום און ער האָט נביאות געזאָגט אויף די מפלה פון אדום: „כה אמר ד׳ לאדום״ (עובדי׳ א׳).

(תנחומא)

די אַלע גרויסע מעכטע פון דער וועלט קומט ענדליך אַ סוף צו זייער מאַכט, און ווען דער סוף קומט, קומט ער דורך זייער אייגען לאַנד און פון זייער אייגען הויז . . . זייער מאַכט צופאַלט אויך אונטער דער שווערער משא פון זייערע אייגענע זינד . . . ממנו משפטו ושאתו יצא . . .

ב

ותעשה אדם כדגי הים (א׳ י״ד)

די מענשען זענען געגליכען צו די פיש פון ים. אַזוי ווי די פיש פון ים שלינגט איין דער גרעסערער דעם קלענערען, אַזוי אויך די מענשען. ווען ניִשט די מורא פון מלכות וואָלט דער שטאַרקערער איינגעשלונגען דעם שוואַכען. רבי יהודה זאָגט: די מענשען זענען דעריבער געגליכען צו די פיש, ווייל אַזוי ווי ווען זיי פאַרלאָזען די וואַסער און קומען אויף דער טריקעניש־מוזען זיי שטאַרבען אַזוי זענען אויך די מענשען, ווען זיי געהן אַוועק פון דער תורה קאָנען זיי ניִשט מעהר עקזיסטירען.

(ע״ז ג׳)

די תורה לערענט דעם מענש צדק און יושר, שלום און גלייכהייט צווישען די מענשען: „חביב אדם שנברא בצלם" (אבות). ווען די מענשהייט געהט אַוועק פון דעם תורה־וועג, ווערט זי פאַרווילדעוועט, זי פאַרלירט דעם מאָראַ־לישען באַזיס און ווי די פיש פון ים, שלינגט איין דער שטאַרקער דעם שוואַכען, און עס קומט מלחמות און חורבן אויף דער וועלט . . .

ג

על משמרתי אעמודה ואתיצבה על מצור (ב׳ א׳)

דער מדרש זאָגט: חבקוק האָט געמאַכט אַ ריגג (עוגה) אַרום דעם אָרט וואו ער איז געשטאַנען, און ער האָט געזאָגט: „איך וועל פון דעם אָרט נישט אַוועקריהרען ביז גאָט וועט מיר נישט ענטפערען אויף מיין פראַגע": „עד אנה ד׳ שועתי ולא תשמע" (שם א׳). חבקוק, האָט געוואָלט אַז גאָט זאָל איהם לאָזען וויסען ווען עס וועט זיין דער קץ. און גאָט האָט געזאָגט צו חבקוק: „געה און שרייב אויף דעם אות „אלף" אויף אַ לוח און דאַן וועסטו פרעגען ווען עס וועט זיין דער קץ". אויך האָט גאָט געזאָגט צו איהם: „אין גלות בבל, כאָטש די אידען האָבען נישט געגלויבט, דאָך איז די גאולה געקומען אין איהר צייט", ווי עס שטעהט: „כה אמר כורש מלך פרס" (ד"ה ל"ו). „אַזוי אויך איצט, ווען די צייט וועט קומען, וועל איך זיי אויסלייזען", ווי עס שטעהט: „כי יום נקם בלבי ושנת גאולי בא" (ישעי׳ ס"ג). ווען חבקוק האָט דאָס געהערט, איז ער געפאַלען אויפ׳ן פנים און אויסגעשריען: „רבש"ע! משפט מיר נישט ווי אַ מזיד נאָר ווי אַ שוגג". דעריבער שטעהט: „תפלה לחבקוק הנביא על שגיונות".

(מדרש שוחר טוב)

דער גרעסטער מענש, אפילו אַ נביא, קאָן נישט וויסען גאָט׳ס וועגען, דעם סוד פון גלות וגאולה. ער איז אין דעם אַזוי אונוויסענד, ווי איינער וואָס ווייסט נישט אויפצושרייבען אַן „אלף" . . . אָבער דאָך מוז מען האָבען אמונה אַז די גאולה וועט קומען אין איהר צייט. די פאַרצווייפלונג קומט פון אונוויסענהייט, און די זינד דורך יאוש און פאַרצווייפלונג אין גלות קאָן נאָר דעריבער גערעכענט ווערען ווי אַ שוגג, אַ זינד געטהון אומגערען, און נישט ווי אַ מזיד . . .

ד

עמד וימודד ארץ (ג׳ ו׳)

רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: השי״ת האָט אָבגעמאָסטען אַלע אומות און אַלע דורות און ער האָט נישט געפונען קיינעם פון זיי, וועלכע זאָלען זיין ראוי מקבל צו זיין דער תורה, נאָר די אידען און דער דור המדבר. השי״ת האָט אָבגעמאָסטען אַלע לענדער פון דער וועלט און ער האָט נישט געפונען קיין לאַנד וועלכעס זאָל זיין ראוי פאַר אידען, נאָר ארץ ישראל. השי״ת האָט אָבגעמאָסטען יעדע שטאָדט און האָט נישט געפונען קיין שטאָדט וועלכע זאָל זיין ראוי אַז דער בית-המקדש זאָל אין איהר געבויט ווערען אויסער ירושלים.

(ילקוט שמעוני)

קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט צופעליג. אַלעס איז אויסגעמאָסטען דורך דער השגחה. ארץ ישראל און ירושלים איז דורך דער השגחה באַשטימט געוואָרען נאָר פאַר׳ן אידישען פאָלק און נישט פאַר קיין אַנדערע. נאָר ארץ ישראל איז באַשטימט פאַר אידען און נישט קיין אַנדער לאַנד . . .

צפניה

א

והיה בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות (א׳ י״ב)

אחפש את ירושלים בנרות. אַזוי ווי בדיקת חמץ מוז זיין „בנרות״, ביי אַ ליכט, און נישט ביי די ליכט פון די זון אָדער די ליכט פון די לבנה, אַזוי אויך, ווען השי״ת וועט מבער זיין די עבודה־זרה און דעם יצר־הרע פון דער וועלט, וועט דאָס אויך זיין „בנרות״, מיט ליכט. רב אחא זאָגט: „אחפש את ירושלים: „אחפש״ איז דאָס לשון „חפשי״, פריי. השי״ת זאָגט: „איך וועל באַפרייען ירושלים, ווייל עס שטעהט געשריבען „וכי יכה איש את עין עבדו וגו׳ לחפשי ישלחנו״ (שמות כ״א) און איך האָב געשלאָגען די אויגען פון מיינע קינדער אין גלות״, ווי עס שטעהט: „ויעצם את עיניהם״ (ישעי׳ כ״ט) קומט זיי זיי זאָלען אַרויס פריי.

(ילקוט בשם פסיקתא רבתי)

ווען דאָס שלעכטס פון דער וועלט וועט ווערען אויסגערוימט ווי מען רוימט אויס דעם חמץ, און ליכטיגקייט וועט זיין אויסגעשפרייט איבער דער וועלט, וועט קומען די ריכטיגע באַפרייאונג פון אידען און פון דער מענשהייט, די אמת׳ע גאולה . . . אין גלות ווערען אידען געשלאָגען אויף זייערע אויגען און קאָנען נישט ריכטיג זעהן . . . אויך ווען די אויגען פון פאָלק, די „עיני העדה״, זענען געשלאָגען און זייער ראיה איז אָבגעשוואַכט, דאַן מוז קומען די גאולה . . .

ב

הוי מוראה ונגאלה העיר היונה (ג׳ א׳)

„העיר היונה״: זיי האָבען זיך נישט אַראָבגעלערענט פון דער שטאָדט פון יונה הנביא, די שטאָדט נינוה. השי״ת זאָגט: אין דער שטאָדט נינוה האָב איך געשיקט נאָר איין נביא און זיי די איינוואוינער האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געטהון תשובה, און אין ירושלים האָב איך געשיקט פיעל

נביאים און די אידען האָבען זייערע רייד נישט געהערט און נישט געטהון תשובה, ווי עס שטעהט: השכם ושלוח ולא שמעו אלי (ירמי׳ ז׳).
(ילקוט שמעוני)

ווען זיי, די גוים, וויזען מעהר רעספּעקט פאַר די רייד פון נביא ווי די אידען, איז דאָס זיכער אַ גרויסער קטרוג אויף די אידען, און דאָס האָט אָבגעהאַלטען יונה הנביא פון צו געהן קיין נינוה . . . (זעה יונה אות ד׳)

חגי

א

זרעתם הרבה והבא מעט אכול ואין לשבעה שתו ואין לשכרה (א׳ ו׳)

„זרעתם הרבה והבא מעט״ — זינט אידען האָבען געזינדיגט און עס איז בטל געוואָרען דאָס ברענגען בכורים אין בית־המקדש, האָבען זיי געזייעט פיעל און עס האָט געברענגט ווייניג. „אכול ואין לשבעה״ — זינט עס איז בטל געוואָרען דער לחם הפנים, עסט מען און מען איז נישט זאַט. „שתו ואין לשכרה״ — זינט עס איז בטל געוואָרען „נסוך המים״, האָבען די געטראַנקען נישט קיין ווירקונג. זינט עס איז בטל געוואָרען די בגדי־כהונה, וואַרימען נישט די קליידער: „לבוש ואין לחום לו״. זינט עס האָט אויפגעהערט דאָס טהון צדקה האָט אויפגעהערט דאָס פאַרדיענען, די פרנסה. לעתיד־הבוא, אָבער, וועט הקב״ה דאָס אַלעס אומקעהרען, ווי עס שטעהט: „ועתה לא כימים הראשונים כי זרע השלום הגפן תתן פריה״ (זכריה ה׳).

(ילקוט שמעוני)

אין גלות איז נישטאָ קיין ריכטיגע ברכה, קיין ריכטיג פאַרגעניגען אין קיין זאַך. נאָר ווען אידען וועלען זיצען אויף זייער לאַנד און דאָס בית המקדש וועט זיין אויפגעבויט, דאַן וועט ברכה און פאַרגעניגען צוריקקעהרען...

ב

על כן עליכם כלאו שמים מטל והארץ כלאה יבולה (א׳ י׳)

השי״ת זאָגט צו די אידען: צוליעב אייערע זינד ליידעט נישט בלויז איהר, נאָר עס ליידען אויך די אומות־העולם. רבי יהושע בן לוי זאָגט: ווען די אומות־העולם וואָלטען וויסען אַז צוליעב די זינד פון די אידען ליידען אויך זיי, וואָלטען זיי אַוועקגעשטעלט צוויי זעלנער (אסטרדיוטין) צו יעדען איד, כדי צו אָבהיטען איהם ער זאָל נישט זינדיגען.

(תנחומא)

דאָס אידישע פאָלק איז באַשטימט פון השי"ת צו זיין דאָס פיהרענדע גייסטיגע פאָלק, „ממלכת־כהנים", און דעריבער ווען אידען שטעהן נישט אויף זייער געהעריגע הויך ליידעט דערפון אויך די גאַנצע וועלט. די מיינסטע זינד, אָבער, פון די אידען קומט פון דעם, ווייל זיי זענען אין גלות, און ווען די אומות וואָלטען דאָס וויסען וואָלטען זיי פאַר זייער אייגענע טובה צוריקגע־ברענגט די אידען צו זייער לאַנד...

זכריה

א

ואומר אנה אתה הולך ויאמר אלי למוד את ירושלים (ב׳ ו׳)

רבי חנינא האָט דערויף גע׳דרשנ׳ט: גאָט האָט געוואָלט ירושלים אויסמעס־טען מיט אַ מאָס, ווי עס שטעהט: „למוד את ירושלים״, האָבען די מלאכי השרת געזאָגט צו גאָט: „רבש״ע! פיעל גרויסע שטעדט האָסטו געגעבען צו די אומות העולם און דו האָסט די שטעדט נישט אָבגעמאָסטען. ירושלים, וואָס דיין נאָמען איז אין איהר, דיין בית המקדש איז אין איהר, צדיקים וואוינען אין איהר, אָט די שטאָדט, ווילסטו געבען אָבגעמאָסטען מיט אַ מאָס״? און באַלד שטעהט: „ויאמר אליו וגו׳ פרזות תשב ירושלים מרב אדם ובהמה בתוכה״.

(ב״ב ע״ה)

ירושלים וועט נישט זיין אָבגעמאָסטען און באַגרעניצט. איהרע גרעניצען וועלען זיך וויט אויסשפּרייטען. דער גייסט פון ירושלים וועט זיך פאַרשפּרייטען איבער דער גאַנצער וועלט: כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים . . .

ב

ואני אהיה לה נאם ד׳ חומת אש סביב (ב׳ ט׳)

השי״ת האָט געזאָגט: „איך האָב אָנגעצונדען אַ פייער אין ירושלים, ווי עס שטעהט: „ויצת אש בציון״ (איכה ד׳) און מיט פייער וועל איך ירושלים צוריק אויפבויען״, ווי עס שטעהט: „ואני אהיה לה נאם ד׳ חומת אש סביב״. אויך זאָגט השי״ת: „איך מוז צוריק באַצאָהלען פאַר דעם שאָדען וואָס איך האָב געטהון, פאַר דעם וואָס איך האָב פאַרברענט ירושלים, ווי עס שטעהט: „שלם ישלם המבעיר את הבערה״ (שמות כ״ב).

(ב״ק ס׳)

ווען די וועלט וועט געלייטערט ווערען דורך פייער און יסורים, דאַן וועט ירושלים צוריק אויפגעבויט ווערען. די באַשיצונג פון ירושלים וועט זיין דורך דאָס געטליכע פייער, דורך דער געטליכקייט וואָס וועט רוהען אין ירושלים,

דורך גאָט׳ס פייערדיג וואָרט וואָס וועט אַרויסגעהן פון דאָרט: „ואני אהיה לה נאם ד׳ חומת אש סביב״ . . .

ג

הס כל בשר מפני ד׳ כי נעור ממעון קדשו (ב׳ י״ז)

פינף מאָל האָט דוד געבעטען, אין תהלים, אַז השי״ת, כביכול, זאָל אויפשטעהן. ער האָט געזאָגט: „קומה ד׳ הושעני אלהי״ (תהלים י״ג) — קומה ד׳ באפך״ (שם ז׳) — קומה ד׳ אל נשא ידך״ (שם) — קומה ד׳ אל יעוז אנוש״ (שם ט׳) — קומה ד׳ קדמה פניו״ (שם י״ז) און השי״ת האָט געזאָגט צו דוד: „דוד, מיין זוהן, וועז דו זאָלסט מיר אפילו טויזענד מאָל בעטען וועל איך אַלץ נישט אויפשטעהן, נאָר דאַן ווען איך וועל זעהן די אָרימעלייט ווערען באַרויבט און די אביונים זיפצען, דאַן וועל איך אויפשטעהן, ווי עס שטעהט: „משוד עניים ומאנקת אביונים עתה אקום יאמר ד׳ ״ (תהלים י״ב). רבי שמעון ברבי יונה זאָגט: ווען עס וועט קומען דער טאָג אויף וועלכען עס שטעהט: „קומי שבי ירושלים״ (ישעי׳ נ״א) דאַן וועט מקוים ווערען: „הס כל בשר מפני ד׳ כי נעור ממעון קדשו״ — „כי נעור ממעון קדשו״ — כביכול וועט אויפשטעהן און זיך אָבשאָקלען אַזוי ווי די הון, וועלכע ליגט אין אַש, שטעלט זיך אויף און טהוט זיך אָבטרייסלען פון דעם אַש.

(מדרש רבה)

אין גלות איז די שכינה פאַרבאָרגען, די געטליכקייט זעהט זיך נישט אַרויס, און שלעכטס הערשט איבער דער וועלט, די אָרימע ווערען באַרויבט און זיפצען פון צער. ווען די געטליכקייט, אָבער, וועט נתגלה ווערען וועט דאָס שלעכטס אויפהערען, עס וועט זיך אָבשטעלען דאָס באַרויבען פון די אָרימע און זייערע ליידען וועלען זיך ענדיגען, די שכינה וועט אויפשטעהן פון איהר באַהעלטעניש, זי וועט זיך אָבטרייסלען פון דעם גלות־שטויב, ווי די הון טרייסעלט זיך אָב פון די אַש: „התנערי מעפר״ . . .

ד

וד׳ אלהים בשופר יתקע (ט׳ י״ד)

רבי חנינא בר׳ יצחק זאָגט: די אידען זענען דורך דעם גאַנצען יאָהר אַרומגענומען מיט עבירות און זענען פאַרוויקעלט אין צרות און ווען עס קומט ראש השנה נעמען די אידען דעם שופר און בלאָזען מיט איהם, דאַן טהוט גאָט

אין זיי געדענקען און איז זיי מוחל די עבירות. און צום סוף וועלען זיי אויך אויסגעלייזט ווערען פון גלות דורך דעם האָרן פון איל, דורך דעם שופר, ווי עס שטעהט: „וד׳ אלקים בשופר יתקע״.

(מדרש רבה)

דער שופר דערמאָהנט דעם איל פון דער עקדה, ער דערמאָהנט דעם כח פון מסירת נפש וועלכע אידען באַזיצען פאַר זייער אמונה און אָט דער כח פון זייער אמונה וועגט איבער אַלע זייערע עבירות. אויך מיט דעם דאָזיגען כח פון זייער אמונה וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען פון גלות. . .

ה

אשרקה להם ואקבצם (י׳ ח׳)

דער תלמוד ברענגט: דער פויגעל „רחם״ איז דער זעלבער פויגעל וועלכער הייסט „שרקרק״. פאַרוואָס רופט מען איהם רחם? ווייל — זאָגט ר׳ יוחנן — ווען דער רחם קומט ברענגט ער רחמים צו דער וועלט. אביי זאָגט: ווען דער רחם זיצט אויף עפּעס אַ זאַך און ער סווישטשעט און ער מאַכט „שרקרק״, דאַן קומט רחמים צו דער וועלט. עס איז אַ קבלה — זאָגט אויך אביי — ווען דער זעלבער פויגעל וואָלט זיצען אויף דער בלויזער ערד און מאַכען „שרקרק״ וואָלט דאַן געקומען משיח, ווי עס שטעהט „אשרקה להם ואקבצם פדיתים״.

(חולין ס״ג)

ווען אַ מענש באַזיצט די מדה פון רחמנות („רחם־רחמים״), טהוט גוטס צו מענשען און ער רופט אויך אַנדערע זאָלען טהון דאָס זעלבע, דער דאָזיגער מענש ברענגט רחמים צו דער וועלט. און ווען די מענשען וועלען טהון גוטס און אויך רופען אַנדערע צו טהון גוטס, און נישט נאָר אין אַ צייט ווען עס איז זיי גוט, ווען זיי האָבען „ויתיב אמידי״, נאָר זיי טהון גוטס איינער צום אַנדערען אפילו אין אַ שלעכטע צייט, ווען זיי פאַרמאָגען גאָרנישט, „ויתיב א ארעא״, דאַן וועט קומען משיח, ווי עס שטעהט: „שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבוא״ (ישעי׳ נ״ו א׳) . . .

ו

ויצא ד׳ ונלחם בגוים ההם (י״ד ג׳)

רבי לוי זאָגט: וועה איז צו די רשעים, וועלכע פאַרטיעפען זיך אין דאָס זוכען עצות ווי אַזוי די אידען צו פאַרניכטען. עשו האָט געזאָגט: קין איז

געווען אַ שוטה, ער האָט גע׳הרג׳ט זיין ברודער הבל אין אַ צייט ווען זיין פאָטער אדם הראשון האָט נאָך געלעבט און געהאַט אַנדערע קינדער אנשטאט הבל. איך, האָט עשו געזאָגט, וועל הרג׳נען מיין ברודער יעקב נאָך מיין פאָטער׳ס טויט און עס וועט שוין נישט געבוירען ווערען אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, ווי עס שטעהט: יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב (בראשית כ״ז). ווען פרעה איז געקומען האָט ער געזאָגט: עשו איז געווען אַ נאַר, ער האָט געוואַרט מיט דעם הרג׳נען יעקב׳ן און דערווייל האָט יעקב געקאָנט האָבען קינדער. איך וועל די אידען הרג׳נען ווען זיי ווערען געבוירען, ווי עס שטעהט: „כל הבן הילוד היאורה תשלכיהו״ (שמות א׳). ווען המן הרשע איז געקומען האָט ער געזאָגט: פרעה האָט נאָר גע׳הרג׳ט די זכרים און געלאָזט לעבען די נקבות. איך וועל פאַרניכטען אַלעמען, די זכרים און די נקבות: „להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים״ (אסתר ג׳), און גוג ומגוג וועט זאָגען: „זיי אַלע, די פריהערדיגע, זענען געווען שוטים. זיי האָבען נישט געוואוסט אַז די אידען האָבען אַ „פטרון״, אַ באַשיצער, גאָט אין הימעל היט זיי און באַשיצט זיי פון פאַרניכטונג. איך וועל, דעריבער, פריהער באַזיעגען זייער פטרון, זייער באַשיצער אין הימעל, דאַן וועל איך אויך קאָנען די אידען באַזיעגען, ווי עס שטעהט: „יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ד׳ ועל משיחו״ (תהלים ב׳). און השי״ת וועט דאַן זאָגען צו גוג ומגוג: „רשע, מיט מיר ווילסטו קעמפען? איך וועל מלחמה האַלטען מיט דיר״, ווי עס שטעהט: „ד׳ כגבור יצא״ (ישעי׳ מ״ב). אויך שטעהט: ויצא ד׳ ונלחם בגוים ההם.

(מדרש תנחומא)

מיט דער ענטוויקלונג פון דער וועלט וואַקסט אויך דאָס רשעות און עס ענטוויקעלט זיך אויך די מעטאָדען פון רשעות. וואָס ווייטער זענען די פלענער פון די רשעים געגען אידען אַלץ מעהר אכזריות׳דיג, אַלץ מעהר פאַרניכטענד. צום סוף, אָבער, וועט השי״ת אַליין פאַרפיהרען אַ קאַמף מיט די רשעים, דאַן וועט אויך דאָס רשעות פאַרניכטעט ווערען אויף אייביג: ויצא ד׳ ונלחם בגוים ההם . . .

מלאכי

א

כה אמר ד׳ צבאות המה יבנו ואני אהרוס (א׳ ד׳)

אַ פילאָזאָף האָט געפרעגט רבי אליעזר: דער נביא האָט געזאָגט „המה יבנו ואני אהרוס״ און דאָך שטעהן נאָך אַלע אונזערע בנינים זעהר פעסט? רבי אליעזר האָט איהם געענטפערט: דער פסוק מיינט נישט אַז גאָט וועט צושטערען אייערע בנינים, אייערע הייזער. דער פסוק מיינט, אַז גאָט וועט צושטערען אַלע אייערע עצות וועלכע איהר טראַכט געגען די אידען. וויפיעל איהר זאָלט נישט בויען פלענער און טראַכטען עצות ווי אונז צו פאַרלענדען ווערען אַלע אייערע עצות און פלענער צושטערט. דערהערענדיג דעם ענטפער, האָט דער פילאָזאָף אויסגערופען: איך שווער, אַז דאָס איז ריכטיג. אַ גאַנץ יאָהר זיצען זיי און קלעהרען אויס עצות ווי אַזוי אייך צו פאַרניכטען און דאַן קומט אַן אַלטער מאַן און איז זיי אַלע מבטל.

(מדרש שוחר טוב)

דער אַלטער מאַן איז דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז דאָס עלטסטע פאָלק אין דער וועלט. דער אייביגער ישראל סבא, וואָס האַלט זיך אין אייביגען גאָט, איז פיעל שטאַרקער פאַר זיינע שונאים. ער איז מבטל און צושטערט אַלע זייערע עצות און מחשבות געגען איהם: „המה יבנו ואני אהרוס״ . . .

ב

בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון (ב׳ ו׳)

רבי מאיר זאָגט: ווען אהרן הכהן האָט באַגעגענט אַ שלעכטען מענש, אַ רשע, האָט ער צו איהם אויסגעשטרעקט זיין האַנד און איהם געגעבען שלום. נאָכדעם ווען דער דאָזיגער זעלבער מענש האָט געוואָלט טהון אַ עבירה האָט ער ביי זיך געטראַכט: „אויב איך וועל טהון די עבירה, ווי אַזוי וועל איך קאָנען אָנקוקען אהרן אין די אויגען? איך וועל זיך שעהמען פאַר איהם״ — און דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם אָבגעהאַלטען פון זינד. דערויף זאָגט דער פסוק: „בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון״.

(אבות דר׳ נתן)

גישט דורך דאָס דערוויטערען און דורך אָבשטויסען די זינדיגע קאָן מען זיי אָבהאַלטען פון זינד, נאָר דורך התקרבות, דורך דערענהנטערען זיך צו זיי, דורך שלום — די מדה פון אהרן הכהן . . .

ג

ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ד׳ ולחושבי שמו (ג׳ י״ז)

רב כהנא זאָגט בשם ר׳ לוי: אַמאָל ווען עס זענען געווען נביאים ביי אידען, ווען אַ מענש האָט געטהון אַ מצוה האָבען עס די נביאים פאַרשריבען, ווי עס שטעהט: „וישמע ראובן ויצלהו מידם״ (בראשית ל״ט), „ויצבט לה קלי״ (רות ב׳). היינט ווען קיין נביאים זענען נישטאָ, ווען איינער טהוט אַ מצוה, טהון עס אליהו און מלך המשיח פאַרשרייבען און השי״ת חתמה׳ט, ווי עס שטעהט: „ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ד׳ ולחושבי שמו״.

(מדרש רבה)

ווען עס זענען געווען ביי אידען נביאים, מנהיגים, בעלי רוח הקודש, האָט זייער כח און השפעה געווירקט אויף אידען אַז זיי זאָלען טהון מצוות, אַזוי אַז די מצוות האָבען געקאָנט צוגעשריבען ווערען אויפ׳ן חשבון פון די נביאים. היינט ווען עס זענען נישטאָ מעהר קיין נביאים און דאָך זענען אידען מקיים די מצוות פון דער תורה, איז דאָס נאָר דורך דעם כח פון זייער אמונה אין גאָט און די שטאַרקע האָפנונג אויף דער גאולה, וועלכע וועט קומען דורך משיח און אליה׳ הנביא . . .

ד

וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה (ג׳ כ׳)

דער תלמוד ברענגט: „אבן טובה״, אַ טייערער שטיין האָט געהאָנגען אויף דעם האַלז פון אברהם אבינו און יעדער קראַנקער וועלכער האָט געקוקט אויף דעם שטיין איז באַלד געהיילט געוואָרען פון זיין קראַנקהייט. ווען אברהם אבינו איז נפטר געוואָרען האָט גאָט גענומען דעם שטיין און איהם אויפגע־האָנגען אויף דער זון, ווי עס שטעהט: „וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפי׳״.

(ב״ב ט״ז)

אברהם אבינו האָט געהיילט יעדען חולי הנפש. יעדער גייסטיגער קראַנקער איז דורך זיין דערנעהנטערען זיך צו אברהם אבינו און זיין לעהרע צוריק

געזונד געוואָרען. ווען אברהם, דער גרויסער גייסטיגער לעהרער, איז נפטר געוואָרען, איז די זון, און די גרויסע וואונדערליכע שאַפונגען פון גאָט קאָנען אויך געזונד מאַכען יעדען חולי הנפש וועלכער קוקט זיך איין אין זיי און דורך זיי קאָן ער דערזעהן די גרויסקייט פון זייער באַשעפער: „מה רבו מעשיך ד׳״...

ה

זכרי תורת משה עבדי (ג׳ כ״ב)

רבי יהושע בן לוי זאָגט: ווען משה האָט אַראָבגענידערט מיט דער תורה פון באַרג סיני, איז געקומען דער שטן און האָט געפרעגט השי״ת: „רבש״ע, וואו איז די תורה״? השי״ת האָט איהם געענטפערט: „איך האָב דער תורה אַראָבגעגעבען אויף דער ערד״. דער שטן האָט דאַן געפרעגט ביי די ערד: „וואו איז די תורה״? די ערד האָט געענטפערט: „אלהים הבין דרכה״ (איוב כ״ח). ער האָט אויך געפרעגט ביים ים און תהום און אַנדערע, און אַלע האָבען איהם געענטפערט: „אין בי״ — „מיר האָבען נישט די תורה״. ענדליך האָט גאָט געזאָגט צום שטן: „איך האָב געגעבען די תורה צו בן עמרם״. דער שטן איז געגאַנגען צו משה׳ן און האָט איהם געפרעגט: „די תורה וואָס השי״ת האָט דיר געגעבען, וואו איז זי״? און משה האָט איהם געענטפערט: „וואָס בין איך אַז מען זאָל מיר געבען די תורה״? השי״ת האָט דאַן געזאָגט צו משה׳ן: „משה, דו ביזט ביי זיך אַזוי קליין, דערפאַר וועט די תורה ווערען אָנגערופען אויף דיין נאָמען״, ווי עס שטעהט: „זכרי תורת משה עבדי״.

(שבת פ״ט)

דער וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין תורה, מיט זיין לערנען, און ער מיינט אַז ער אַליין באַזיצט דער תורה, ביי איהם דאַרף מען די תורה ניט זוכען, ביי איהם איז די תורה נישט פאַראַנען. נאָר דער וועלכער האַלט זיך קלייז, באַזיצט די מדה פון ענוות, וויפיעל ער זאָל נישט לערנען האַלט ער אַלץ אַז ער וויסט זי נישט, דער באַזיצט באמת די תורה...

כתובים

תהלים

א

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים (א׳ א׳)

דוד המלך האָט געבעטען: „יהיו לרצון אמרי פי" (שם י"ט). „עס איז מיין פאַרלאַנג, האָט דוד געזאָגט, אַז מיין ספר תהלים זאָל אָנגענומען ווערען לדורות. מען זאָל נישט איהם לייענען ווי מען לייענט די ספרי „מירס" (אַ גריכישער פּאָעט) נאָר מען זאָל איהם לייענען און אַריינטראַכטען אין איהם און מען וועט דאַן באַקומען שכר גלייך ווי מען וואָלט לערנען „נגעים ואהלות". אויך האָט דוד געזאָגט: „אגורה באהלך עולמים" (שם ס"א). „איך זאָל וואוינען אין דיין געצעלט איןביידע וועלטען". קאָן דען אַ מענש לעבען מיט אַמאָל אין ביידע וועלטען? נאָר דוד האָט געזאָגט: ווען מען וועט לייענען מיין תהלים אין די שוהלען און אין די בתי־מדרשים אפילו נאָך מיין טויט, וועט דאָס זיין גלייך ווי איך וואָלט נאָך געלעבט.

(ילקוט שמעוני)

די ספרי קודש דאַרף מען נישט לערנען ווי מען לערענט סתם ליטעראַטור, פּאָעזיע, קונסט. זיי די ספרי קודש זענען געטליכע ווערטער און אייביגע געדאַנקען. מען באַהעפט זיך דורך זיי מיט גאָט, מיט די אייביגקייט, און ווען מען לערענט זיי אַזוי, איז מען מקבל שכר . . .

ב

מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו (ג׳ א׳)

דער תלמוד פרעגט: פאַרוואָס שטעהט „מזמור לדוד", עס האָט דאָך באַדאַרפט שטעהן „קינה לדוד"? און דער תלמוד ענטפערט: ווען גאָט האָט געזאָגט צו דוד: „הנני מקים עליך רעה מתוך ביתך" (ש"ב י"ג), „איך וועל אויפשטעלען אויף דיר שלעכטס פון דיין אייגען הויז", איז דאַן דוד געוואָרען טרויעריג. ער האָט געמיינט אַז עס וועט אויפשטעהן אויף איהם אַ קנעכט זיינער, אַ פרעמדער, וועלכער וועט אויף איהם נישט האָבען קיין רחמנות. ווען, אָבער, ער האָט געזעהן אַז זיין אייגענער זוהן איז געגען איהם אויפגע־

שטאַנען האָט ער געזאָגט: „אַ זוהן וועט דאָך געוויס רחמנות האָבען אויף זיין פאָטער" און ער האָט געזונגען „מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו".
(ברכות ז׳)

אין יעדע אוננאַטירליכע ערשיינונג זעהט מען דעם יד ד׳. ווען דוד האָט געזעהן אַז זיין אייגענער זוהן שטעהט אויף געגען איהם מיט אַזאַ אכזריות, און דאָס איז דאָך אומנאַטירלעך, האָט ער דאַן געזעהן דערין די געטליכע האַנד, די השגחה, אַז דאָס איז אַ שטראָף דורך גאָט אַליין, און ווען גאָט שטראָפט איז די שטראָף שטענדיג צום גוטען, דעריבער האָט ער געזונגען מזמור לדוד... אויך ווען אידען זעהן אַז עס קומט אויף זיי אַ שטראָף אַן אונגעוועהנליכע, וועלכעס דער שכל קאָן עס נישט משיג זיין, איז עס אַ סימן אַז עס איז דורך די השגחה צוליעב אַ געוויסען צוועק און מען דאַרף עס מקבל זיין באהבה...

ג

אני שכבתי ואישנה הקיצותי כי ד׳ יסמכני (ג׳ ו׳)

די כנסת ישראל זאָגט: „אני שכבתי ואישנה", איך בין איינגעשלאָפען געוואָרען אין גלות, עס האָט זיך אָבגעטהון פון מיר די נבואה און רוח־הקודש. „הקיצותי", איך וועל מיר אויפכאַפּען פון שלאָף דורך אליה׳ הנביא, ווי עס שטעהט: „הנה אנכי שולח לכם את אליה׳ הנביא" (מלאכי ג׳). „כי ד׳ יסמכני", דורך דעם מלך המשיח. „לא אירא מרבבות עם", איך וועל נישט מורא האָבען אפילו ווען פיעל פעלקער וועלען מיט מיר מלחמה האַלטען.
(ילקוט)

ווען עס וועט קומען אַ צייט ווען פיעלע וועלען האַלטען מלחמה מיט די אידען און די נבואה און רוח־הקודש וועט זיין אָבגעטהון פון זיי, דאַן וועט קומען די גאולה דורך אליהו און מלך המשיח...

ד

מה אנוש כי תזכרנו (ח׳ ה׳)

ווען השי״ת האָט געוואָלט געבען די תורה צו די אידען האָבען די מלאכי־השרת געזאָגט צו השי״ת: „מה אנוש כי תזכרנו", איז דען נישט גלייכער אַז זאָלסט געבען די תורה צו אונז מלאכים אין הימעל? מיר מלאכים, האָבען זיי גע׳טענה׳ט, זענען הייליגע און די תורה איז הייליג זאָל, דעריבער, די תורה

זיין ביי אונז, „תנה הודך על השמים"! השי"ת האָט זיי געענטפערט: די תורה קאָן נישט זיין ביי אייך מלאכים, ווייל אין דער תורה שטעהט: „אדם כי ימות באהל" און דינים פון טומאה וטהרה, ביי אייך, אָבער, איז דאָך קיין מיתה נישטאָ. אין דער תורה שטעהט אויך: „את זה תאכלו ואת זה לא תאכלו" ביי אייך איז דאָך קיין אכילה נישטאָ, א.ז.וו. עס איז אַ משל צו איינעם אַ פאָטער וואָס האָט געהאַט אַ זוהן וועלכען עס האָט געפעהלט אַ פינגער פון זיין האַנד און דער פאָטער האָט דעם זוהן געוואָלט אָבגעבען צו לערנען אַזאַ מלאכה צו וועלכע מען דאַרף האָבען אַלע פינגער און דער זוהן האָט דעריבער די מלאכה נישט געקאָנט לערנען.

(ילקוט)

די תורה איז נישט געגעבען געוואָרען בלויז אַלס אַ טעאָריע, אַלס אַן אידעאַל. זי איז אַ תורת חיים, אַ פראַקטישע לעהרע. זי איז געגעבען געוואָרען איהר איינצופיהרען אין פראַקטישען לעבען דורך פראַקטישע מעשים, דעריבער איז די תורה נישט פאַר מלאכים נאָר פאַר מענשען...

ה

ויהי ד׳ משגב לדך (ט׳ י׳)

רבי יוחנן זאָגט: אומעטום ווען עס שטעהט אין פסוק די ווערטער: דל, מך, עני, אביון, געהט דאָס אַלץ אויף די אידען, ווייל זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען האָט זיך דאָס עניות נישט אָבגעטהון פון די אידען.

(ילקוט)

עס איז נישטאָ קיין גרעסערע אָרימקייט ווי די אָרימקייט פון אַ פאָלק ווען עס איז אין גלות. אין גלות האָט דאָס אידישע רייכטום און פאַרמעגען קיין ווערט און קיין קיום נישט...

ו

ובוצע ברך נאץ ד׳ (י׳ ד׳)

רבי אליעזר בן יעקב זאָגט: ווען איינער אַ מענש גזל׳ט אַ סאה חטים, אַ מעסטעל ווייץ, און ער טהוט עס צומאָלען און באַקען, נעמט דערפון אַראָב חלה, און ווען ער געהט עס עסען מאַכט ער דעריבער אַ ברכה, אַ מוציא, איז

דאָס נישט קיין ברכה נאָר עס איז אַ לעסטערונג, און אויף איהם זאָגט דער פסוק: „ובוצע ברך נאץ ד׳".

(ב"ק צ"ב)

ווען מען טהוט אַ מצוה דאַרף מען זי טהון דורך אַ עהרליכען וועג, דורך עהרליכע מיטלען. דער צוועק באַרעכטיגט נישט דאָס מיטעל. אַ מצוה וואָס קומט דורך אַן עבירה איז נישט קיין מצוה נאָר אַ לעסטערונג . . .

ז

שאו שערים ראשיכם (כ"ב ז׳)

דער תלמוד דערצעהלט: ווען שלמה המלך האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש און האָט געוואָלט אַריינברענגען דעם ארון אין קודש־הקדשים האָבען זיך די טויערען צוגעמאַכט און ער האָט דעם ארון נישט געקאָנט אַריינברענגען. שלמה האָט דאַן געזאָגט פיער־און־צוואַנציג געזאַנגען (רננות, תפלות) און עס האָט נישט געהאָלפען, און ווען ער האָט געזאָגט: „שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד" האָבען די טויערען געגען איהם געשטורעמט און איהם געוואָלט איינשלינגען. זיי האָבען געפרעגט: „מי זה מלך הכבוד", ווייל זיי האָבען געמיינט אַז דאָס מיינט שלמה אויף זיך אַז ער איז דער „מלך הכבוד". שלמה האָט דאַן געזאָגט: „שאו שערים וגו׳ ד׳ צבאות הוא מלך הכבוד". דאָך האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפען, די טויערען האָבען זיך נישט געעפענט. נאָר ווען שלמה האָט געזאָגט: „ד׳ אלהים זכרה לחסדי דוד עבדך" (ד"ה ב׳) דאַן האָבען זיך די טויערען באַלד געעפענט און ער האָט אַריינגעברענגט דעם ארון. דאַן האָבען אַלע געזעהן די גרויסקייט פון דוד המלך און אַז ער דוד איז ריין פון זינד.

(שבת ל׳)

וואָס גרעסער די מצוה אַלץ דאַרף זי זיין ריין פון יעדע גאוה און פניה, אָהן אייגעננוצען אָדער כבוד. ווען איינער טהוט די גרעסטע זאַכען דאַרף ער נישט באַקומען קיין גאוה. עס קאָן זיין אַז ער האָט דאָס דערגרייכט צוליעב דעם זכות פון אַנדערע . . . דער ארון האָט נישט געקאָנט אַריינגענומען ווערען אין בית־המקדש סיידען, שלמה, איז געווען איבערצייגט אַז דאָס וואָס ער האָט געשאַפען איז נישט צוליעב זיין אייגענעם זכות, נאָר צוליעב דעם זכות פון זיין פאָטער דוד . . .

ח

הודו לד׳ בכנור בנבל עשור זמרו לו (ל״ג ב׳)

רבי יהודה זאָגט: דער כנור (פידעל) וואָס איז געווען אין בית־המקדש האָט געהאַט זיעבען סטרונעס, דער כנור פון די ימות המשיח וועט האָבען אַכט סטרונעס, ווי עס שטעהט: „למנצח על השמינית״ (תהלים ט״ו) און דער כנור פון עולם הבא וועט האָבען צעהן סטרונעס, ווי עס שטעהט: „בנבל עשור זמרו לו״.

(ערכין י״ג)

מיט דעם קומען פון משיח וועט מלכות־שמים נתפשט ווערען איבער דער וועלט אַלץ מעהר און מעהר. און וואָס מעהר מלכות־שמים, צדק און יושר וועט זיך אויסשפרייטען איבער דער וועלט אַלץ מעהר און גרעסער וועט הערשען שמחה, פרייד און געזאַנג אין דער וועלט. דער כנור, דער אינסטרו־מענט פון שמחה, וועט ווערען וואָס אַמאָל גרעסער . . .

ט

צדקתך כהררי אל ומשפטיך תהום רבה (ל״ו ז׳)

דער מדרש דערצעהלט: ווען רבי יהושע בן לוי איז געקומען קיין רוים האָט ער דאָרט געזעהן ווי די זיילען וועלכע געפינען זיך אין די גאַסען זענען אָרומגענומען מיט זיידענע ליילעכער כדי עס זאָל זיי נישט שאַדען די קעלט אין ווינטער און זיי זאָלען נישט פּלאַצען פון דער היץ אין זומער. אין דער זעלבער צייט האָט ער געזעהן ווי אָרימע מענשען געהן אַרום אין גאַס איינ־געהילט אין ראַגעזשעס פון שטרוי. אויף די זיילען האָט רבי יהושע בן לוי געזאָגט דעם פסוק „צדקתך כהררי אל״, זיי, די מענשען פון רוים, זענען אַזוי רייך אַז אפילו די זיילען זענען אָנגעטהון אין זיידענס. אויף די אָרימע מענשען וועלכע זענען געווען איינגעהילט אין שטרוי האָט ער געזאָגט דעם פסוק „משפטיך תהום רבה״.

(מדרש רבה)

ליידער זענען פאַראַנען פיעל רייכע מענשען וועלכע שפּענדען זייער רייכטהום אויף אויסצופּוצען זייערע שטיינערנע זיילען און אין דער זעלבער צייט לאָזען זיי די אָרימע מענשען ליידען הונגער און קעלט... געוויס איז עס נישט לויט דעם אידישען גייסט. דאָס שטאַמט פון רוים — אדום...

י

אדם ובהמה תושיע ד׳ (ל״ו ז׳)

אלכסנדר מוקדון איז געקומען אין אַ לאַנד אין אַפריקע. ער האָט דאָרט באַזוכט אַ בית המשפט (אַ קורט) און ער האָט געזעהן ווי צוויי מענשען זענען געקומען פאַר׳ן שופט. איינער האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט ביים צווייטען געקויפט אַ חורבה, אַ אַלטע געביידע, און האָט אין דער חורבה געפונען אַ אוצר, וויל ער דעם אוצר צוריקגעבען צום צווייטען, דעם פריהערדיגען אייגענטימער. דער צווייטער, אָבער, האָט דעם אוצר נישט געוואָלט נעמען. ער האָט גע׳טענה׳ט אַז ווען ער האָט פאַרקויפט די חורבה האָט ער זי פאַרקויפט צוזאַמען מיט אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין איהר. דער שופט האָט דאַן אַרויסגעגעבען זיין פסק: אַזוי ווי איינער האָט אַ זוהן און דער צווייטער אַ טאָכטער זאָלען זיי זיך משדך זיין און דער אוצר זאָל געגעבען ווערען צו די קינדער אַלס נדן. ווען דער שופט האָט געזעהן ווי אלכסנדר מוקדון איז ערשטוינט פון דעם פסק האָט ער איהם געפרעגט: ווי וואָלט מען ביי אייך אין אַזאַ פאַל גע׳משפט? אלכסנדר האָט געענטפערט. „ביי אונז וואָלט מען ביידע גע׳הרג׳ט און דעם אוצר וואָלט צוגענומען די מלוכה״. דער שופט האָט דאַן געזאָגט צו אלכסנדר: אויב ביי אייך אין אייער מדינה איז פאַראַן אַזאַ משפט און דאָך שיינט דאָרט די זון און עס געהט רעגען פון הימעל איז דאָס נאָר אין דעם זכות פון די בהמות און נישט אין זכות פון די מענשען, ווייל זיי די מענשען זענען נישט ווערטה אַז עס זאָל אויף זיי שיינען די זון און עס זאָל געהן רעגען, ווי עס שטעהט: „אדם ובהמה תושיע ד׳״. אַמאָל לעבט דער מענש אין זכות פון דער בהמה.

(מדרש רבה)

דער מענש איז נאָר דאַן דער חשוב׳סטער פון אַלע ברואים ווען ער לעבט לויט די געזעצען פון צדק און יושר, — גערעכטיקייט. ווען אָבער עס הערט אויף צו הערשען צווישען די מענשען דער משפט צדק, דאַן פאַלט דער מענש נידעריגער פון דער בהמה . . .

יא

לדוד אל תתחר במרעים אל תקנא בעושי עולה (ל״ז א׳)

נישט שטענדיג איז קנאה פאַרבאָטען. מען טאָר נאָר נישט מקנא זיין יענעמס שלעכטע מעשים אָבער מען מעג מקנא זיין זיינע גוטע מעשים, ווי עס שטעהט: „בני אל יקנא לבך בחטאים כי אם ביראת ד׳ כל היום״ (משלי

כ״ג). דער מדרש דערצעהלט, ווען אברהם אבינו האָט זיך באַגעגענט מיט שם בן נח (מלכי צדק) האָט ער איהם געפּרעגט: דורך וואָס פאַר אַ זכות זענט איהר אַרויס גאַנץ פון דער תבה אין דער צייט פון מבול? און שם האָט איהם געענטפערט: מיר זענען ניצל געוואָרען אין דעם זכות פון צדקה וואָס מיר האָבען געטהון. מיר זענען נישט געגאַנגען שלאָפען ביז מען האָט נישט אויסגעטיילט עסען צו יעדע בהמה, חיה און עוף אין דער תבה. אברהם האָט דאַן געזאָגט: אויב אין דעם זכות פון צדקה צו בהמות, חיות און עופות זענען זיי ניצל געוואָרען פון דעם מבול, ווי גרויס איז שוין די מצוה פון טהון צדקה צו מענשען וועלכע זענען באַשאַפען בצלם אלהים, און ער האָט זיך מקנא געווען אין זיי און האָט באַלד געגרינדעט אַ „אשל״, אַ גאַסט־הויז, פאַר אורחים, ווי עס שטעהט: ויטע אשל בבאר שבע״ (בראשית כ״א). די ראשי תיבות פון אשל איז „אכילה״, „שתיה״, לויה״.

(ילקוט שמעוני)

יעדע מדה וואָס עס איז פאַראַן אין דעם מענשען׳ס נאַטור קאָן דער מענש אויסנוצען צום גוטען. אפילו די מדה פון קנאה, וועלכע איז איינע פון די ערגסטע מדות, קאָן אויך דער מענש זי באַנוצען צום גוטען, ווען ער שטרעבט צו איבערשטייגען אַנדערע אין זייערע גוטע מעשים . . .

יב

אהבת צדק ותשנא רשע על כן משחך אלהים לעולם (מ״ה ח׳)

דער דאָזיגער פסוק געהט אויף אהרן הכהן. ווען די אידען האָבען געוואָלט מאַכען דאָס עגל האָבען זיי זיך געווענדעט צו חור ער זאָל זיי דערין העלפען. ווען חור האָט זיך אָבגעזאָגט זיך צו באַטייליגען אין עגל זענען זיי אויפגע־שטאַנען און איהם גע׳הרג׳ט. זיי האָבען זיך דאַן געווענדעט צו אהרן אַז ער זאָל זיי העלפען מאַכען דאָס עגל און אהרן האָט געזאָגט: זיי האָבען גע׳הרג׳ט חור וועלכער איז געווען אַ נביא, אויב איך וועל זיי אָבזאָגען וועלען זיי אויך מיר הרג׳נען און עס וועט דאַן מקוים ווערען „אם יהרג במקדש ד׳ כהן ונביא״ (איכה ב׳) און זיי וועלען דערפאַר צוריק פאַרטריבען ווערען אין גלות. איך מוז דעריבער זיי העלפען און זאָל בעסער די זינד פאַלען אויף מיר און נישט אויף זיי. דאַן האָט השי״ת געזאָגט צו אהרן: „אהבת צדק״ — דו האָסט ליעב גערעכט צו מאַכען די אידען, „ותשנא רשע״ — און דו האָסט פיינד זיי צו באַשולדיגען, „על כן משחך אלהים לעולם״ — דעריבער וועט די כהונה־גדולה באַלאַנגען צו דיר און צו דיינע קינדער.

(מדרש רבה)

מסירת נפש מיינט נישט נאָר מיט׳ן גוף נאָר אויך מיט׳ן נפש. דער אמת׳ער מנהיג ישראל דאַרף זיין גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר זיין פאָלק נישט נאָר מיט זיין גוף נאָר אויך מיט זיין נשמה, ווי אהרן איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך זייערע זינד און אויך די שטראָף . . .

יג

מי האיש החפץ חיים וגו׳ נצור לשונך מרע (ל״ד י״ג)

אַ סוחר איז אַמאָל אַרומגעפאָרען איבער די שטעדט און ער האָט אויסגערופען: ווער וויל קויפען אַ סם־חיים, אַ מעדיצין פאַר לעבען? ווען רבי ינאי האָט דאָס געהערט האָט ער צוגערופען דעם סוחר און איהם געפרעגט ער זאָל איהם ווייזען דעם סם־חיים. דער סוחר האָט דאַן אַרויסגענומען פון זיינע געפעק אַ ספר תהלים און איהם געוויזען דעם פסוק: „מי האיש החפץ חיים וגו׳ נצור לשונך מרע״. רבי ינאי איז געווען דערפון זעהר צופריעדען. ווען די תלמידים האָבען איהם געפרעגט: האָט דען דער רבי נישט געוואוסט פריהער דעם דאָזיגען פסוק? האָט ער זיי געענטפערט: „געוויס האָב איך אויך פריהער געוואוסט דעם פסוק, נאָר דער סוחר האָט מיר דעם פסוק מעהר קלאָהרער געמאַכט״.

(מדרש רבה)

מען דאַרף דעם פסוק פאַרשטעהן חוץ פון זיינע טיעפערע רמזים אויך דעם קלאָהרען און איינפאַכען פשט און באַנוצען עס אין פראַקטישען לעבען. דאָס איז געווען די לעהרע פון דעם סוחר. ליידער זעהט מען טיילמאָל אין פסוק נאָר די הויכע רמזים און מען פאַרזעהט דערביי דאָס פשוט׳ע . . .

יד

נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה (ל״ד י״ד)

דער כח פון וואָרט איז זעהר גרויס און עס איז דעריבער אויך טיילמאָל זעהר שעדליך. ווען משה האָט געזאָגט: „זכור לאברהם ליצחק ולישראל״ (שמות ל״ב) און אויך ווען אסתר המלכה האָט געזאָגט צום מלך אחשורוש אין נאָמען פון מרדכי וועגען בגתן ותרש, האָבען זיי מיט זייערע ווערטער געראַטעוועט דאָס אידישע פאָלק פון פאַרניכטונג. ווען, אָבער, דואג האדומי האָט געזאָגט אַ וואָרט איז דורך דעם דאָזיגען וואָרט פאַרניכטעט געוואָרען

נוב עיר הכהנים. אויך דער נחש האָט דורך זיין וואָרט צו חוה'ן געברענגט מיתה אויף דער וועלט, ווי עס שטעהט: „מות וחיים ביד הלשון" (משלי י"ח).

(מדרש ילמדנו)

לשון הרע איז אַ זעהר געפעהרליכער כלי זיין. לשון הרע ברענגט אין סכנה נישט נאָר דעם יחיד, דעם איינצעלנעם מענש, לשון הרע, פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע, קאָן אויך ברענגען אין סכנה גאַנצע פעלקער . . .

טו

מי יתן לי אבר כיונה אעופה ואשכנה (נ"ה ז')

פאַרוואָס זאָגט דער פסוק „אבר כיונה", פליגעל פון אַ טויב, און נישט פון אַן אַנדער עוף? ווייל, זאָגט דער מדרש, אַלע אַנדערע עופות ווען זיי ווערען מיעד פון פליהען שטעלען זיי זיך אָב און רוהען אויף אַ שטיין אָדער אויף אַ בוים. די טויב, אָבער, שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָב אין איהר פליהען און ווען זי ווערט מיעד רוהט זי מיט איין פליגעל און פליהט ווייטער מיט איהר צווייטען פליגעל ביז זי דערגרייכט איהר ציעל.

(מדרש רבה)

„כנסת ישראל ליונה נמשלה" — אידען זענען געגליכען צו דער טויב. אַזוי ווי די טויב שטעלט זיך נישט אָב אין איהר פליהען, און ווען זי ווערט מיעד רוהט זי מיט איין פליגעל און פליהט ווייטער מיט'ן צווייטען פליגעל, אַזוי זענען אויך די אידען. אַלע אַנדערע פעלקער ווען זיי ווערען אַלט און מיעד שטעלען זיי זיך אָב אין זייער היסטאָרישען גאַנג און הערען אויף צו עקזיסטירען. דאָס אידישע פאָלק, אָבער, איז ווי די טויב, עס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָב אין איהר פליהען צום ציעל. אפילו ווען זאָגאַר אַ טייל פון פאָלק ווערט פאַרמאַטערט און מיעד און זוכט זיך אָבצורוהען. דאָס פאָלק אָבער אַלס גאַנצעס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָב אין איהר גאַנג צו דער־גרייכען איהר ענדע־ציעל . . .

טז

הנה ארחיק נדוד אלין במדבר סלה (נ"ה ח')

דער דאָזיגער פסוק געהט אויף אברהם אבינו. אברהם האָט געזאָגט: „הנה ארחיק נדוד" — איך האָב געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטען, „אלין

במדבר סלה״ — עס איז בעסער צו נעכטיגען אין די מדבריות, אין דער וויסטעניש פון ארץ ישראל, ווי צו זיצען אין פּאַלאַצען צווישען די אומות אין גלות, ווי עס שטעהט: „ויעבור אברם בארץ״ (בראשית י״ב).

(מדרש רבה)

עס איז פיעל בעסער צו לעבען אין אונבאַקוועהמליכקייט אין ארץ ישראל ווי צו לעבען אין באַקוועהמליכקייט אין גלות . . .

יז

עורה כבודי עורה הנבל וכנור אעירה שחר (נ״ז ט׳)

דער תלמוד דערצעהלט: איבער׳ן בעט פון דוד המלך האָט געהאָנגען אַ כנור (אַ האַרפע). ווען עס איז געקומען „חצות לילה״, האַלבע נאַכט, האָט אַ צפון־ווינט געבלאָזען אין די סטרונעס פון כנור און דער כנור האָט פון זיך זעלבסט אָנגעהויבען שפּיעלען. דאַן איז דוד המלך אויפגעשטאַנען און גענומען לערנען תורה ביז דער עמוד־השחר, דער מאָרגענשטערען, איז אַרויס, ווי עס שטעהט: „עורה הנבל וכנור אעירה שחר״.

ברכות ג׳)

דוד המלך איז דער סימבאָל פון אידישען פאָלק. אויך דאָס אידישע פאָלק טהוט נישט איינשלאָפען אויף לאַנג. און ווען עס קומט אָן פינסטערע צייטען, „חצות לילה״, דאַן ווערט דער אידישער גייסט אויפגעוועקט דורך געהיימע, באַהאַלטענע כחות, „רוח צפונית מנשבת״ (צפון — באַהאַלטען), און דאָס אידישע פאָלק טהוט פאַרטזעצען זיין גייסטיגע אַרבייט ביז דער מאָרגענשטערען וועט פאַר איהם אויפשיינען: אעירה שחר . . .

יח

ולך ד׳ החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו (ס״ב י״ג)

רבי נחמיה זאָגט: ווען אַ מענש האָט אַ מחשבה צו טהון אַ עבירה און טהוט די עבירה נישט, ווערט די מחשבה נישט גערעכענט איהם פאַר אַ זינד. ווען, אָבער, אַ מענש טראַכט צו טהון אַ מצוה און צוליעב אַ אונס קאָן ער די מצוה נישט טהון, דאַך ווערט די גוטע מחשבה גערעכענט ווי ער וואָלט די מצוה געטהון, ווי עס שטעהט: „כי אתה תשלם לאיש כמעשהו״. גאָט באַצאָהלט דעם מענש שכר — „כמעשהו״ — גלייך ווי ער וואָלט די מצוה

געטהון. דוד המלך האָט שטענדיג געטראַכט און געשטרעבט צו בויען דעם בית־המקדש, ווי עס שטעהט: זכור ד׳ לדוד את כל ענותו וגו׳ (תהלים קל״ב) „והנה בעניי הכינותי״ (ד״ה כ״ב) האָט הקב״ה געזאָגט צו דוד: „ווייל דו האָסט שטענדיג געטראַכט צו בויען דאָס בית־המקדש, כאָטש דו האָסט עס נישט געבויט, וועט דאָס בויען פון בית המקדש פאַרשריבען ווערען אויף דיין נאָמען״, ווי עס שטעהט: „מזמור שיר חנוכת הבית לדוד״ (תהלים ל׳).

(מהרש)

ווען אַ איד טראַכט וועגען זינד איז עס נאָר אַ דורכלויפענדער געדאַנק, עס קומט נישט פון האַרץ, דעריבער ווערט די בלויזע מחשבה נישט גערעכענט פאַר אַ זינד. די גוטע מחשבה פון אַ איד קומט פון טיעפען האַרץ און זי ווערט גערעכענט ווי אַ מצוה . . . ווען איינער טראַכט אויס גוטע אידעען, (גוטע פלענער, כאָטש זיי, די אידעען, ווערען נישט דורך איהם זעלבסט פאַרווירקליכט אין לעבען, וועלען קומען אַנדערע און דאָס אויספיהרען. דער פאַרדיענסט אָבער באַלאַנגט צו דעם שאַפער פון די אידעען. דעריבער איז דער בנין בית המקדש פאַררעכענט געוואָרען אויף דוד׳ס נאָמען . . .

יט

ד׳ יתן אומר המבשרות צבא רב (ס״ח י״ב)

רבי יוחנן זאָגט: יעדער דבור וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון הקב״ה איז צוטיילט אין זיעבציג לשונות. רבי יהושע בן לוי זאָגט: עס איז געגליכען צו איינעם וועלכער קלאַפּט מיט אַ האַמער אויף אייזען און די פונקען פאַרשפּרייטען זיך אין פאַרשיעדענע זייטען. רבי יוסי בן חנינא זאָגט: עס איז ווי איינער שלאָגט מיט אַ האַמער אויף אַ שטיין און שטיקלעך פון דעם שטיין שפּרינגען און פליהען אין אַלע זייטען. אַזוי איז עס געווען מיט דעם דבור פון הקב״ה. טיילען פון דבור פון הקב״ה זענען זיך צופלויגען אין אַלע זייטען פון דער וועלט, ווי עס שטעהט: „המבשרות צבא רב״.

(שבת פ״ח)

די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען, דאָך האָבען אויך פאַר־שיעדענע פעלקער, פאַרשיעדענע לשונות, געהערט דעם דבור פון הקב״ה. זי איז איינגעטיילט געוואָרען אין שבעים לשונות. זיי, אָבער, האָבען געכאַפּט נאָר פונקען, נצוצות פון איהר. טייל האָבען געכאַפּט שטיקלעך, חלקים, אָבער נישט אין גאַנצען . . .

כ

כנפי יונה נחפה בכסף (ס״ח י״ד)

דער תלמוד דערצעהלט: עס איז געווען אַ מאַן וועלכען מען האָט גערופען „אלישע בעל כנפים״. ער האָט באַקומען דעם דאָזיגען נאָמען ווייל אין זיין צייט האָט דאָס מלכות אַרויסגעגעבען אַ גזרה אַז וועלכער איד וואָס וועט טראָגען תפלין וועט מען איהם לעכערען דעם מוח. אלישע, נישט קוקענדיג אויף דער גזרה, איז געגאַנגען אין גאַס אין תפלין. אַ „קסדור״. אַ פּאָליציאַנט, האָט איהם אָבגעשטעלט. אלישע האָט אַראָבגענומען די תפלין און געהאַלטען אין דער האַנד. אויף דער פראַגע פון „קסדור״ „מה בידך״, וואָס איז אין דיין האַנד? האָט אלישע געזאָגט: עס איז „כנפי יונה״, פליגעל פון אַ טויב. און עס איז געשעהן אַ נס און זיי האָבען ווירקליך אויסגעזעהן ווי פליגעל פון אַ טויב. דערפאַר האָט ער באַקומען דעם נאָמען „אלישע בעל כנפים״. פאַרוואָס האָט ער גראַד געזאָגט פליגעל פון אַ טויב? ווייל, זאָגט דער תלמוד, אידען זענען געגליכען צו אַ טויב, ווי עס שטעהט: כנפי יונה נחפה בכסף״.

(שבת מ״ט)

דער קסדור, ווי אַ סך פון די אומות, פרעגען אידען מיט ערשטוינונג: „מה בידך״, פון וואַנען נעמט זיך דער כח פון אייער עקשנות און מסירת נפש, נישט שרעקענדיג זיך אפילו פאַר׳ן טויט? (יד — איז כח, קראַפט). און דער ענטפער איז — „כנפי יונה״, אידען זענען ווי די טויב. די טויב פאַרראַט קיינמאָל נישט איהר בן זוג און אויך אידען פאַרראַטען קיינמאָל נישט זייער אמונה. און דער כח פון אמונה באַשאַפט נסים ווי מיט אלישע . . .

כא

רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף יושב הכרובים הופיעה (פ׳ ב׳)

הופיעה — ערשיינען, אַנטפּלעקונג: פיער מאָל שטעהט דאָס וואָרט „הופיעה״ אין תנ״ך. א) אין מצרים, ווי עס שטעהט: „יושב הכרובים הופיעה״; ב) ביי מתן־תורה: „הופיע מהר פרן״ (דברים ל״ג); ג) אין דער צייט פון גוג ומגוג, ווי עס שטעהט: „אל נקמות הופיע״ (תהלים צ״ד); ד) אין דער צייט פון ימות־המשיח, ווי עס שטעהט: „מציון מכלל יופי אלהים הופיע״ (תהלים שם).

(ספרי)

פיער צייטען זענען פאראַנען אין דער וועלט היסטאָריע אין וועלכע עס איז פאַרגעקומען און עס וועט פאַרקומען אָפּענבאַרע ענטפּלעקונג פון דער געטליכקייט. עס איז פאַרגעקומען אין מצרים און ביי מתן־תורה, און עס וועט אויך פאַרקומען אין דער צייט פון מלחמות גוג ומגוג און אין דער ימות המשיח, ווען דורך די אונגעוועהנליכע און איבערנאַטירליכע געשעהענישען וועט די מענשהייט דערזעהן און אַנערקענען די געטליכע מאַכט. און די געטליכקייט וועט דאַן ערשיינען אין איהר גאַנצער פּראַכט . . .

כב

ותיטב לד׳ משור פר מקרין מפריס (ס״ט ל״ב)

דער תלמוד ברענגט: אין דעם טאָג ווען אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען, ווען עס איז געקומען די צייט פון שקיעת־החמה און עס האָט אנגעהויבען פינסטער ווערען, האָט אדם הראשון געזאָגט: „וועה איז מיר! צוליעב דעם וואָס איך האָב געזינדיגט ווערט די וועלט פינסטער, די וועלט געהט זיך אומקעהרען צו „תהו ובהו״, און דאָס איז דער טויט מיט וועלכען איך וועל באַשטראָפט ווערען פאַר מיינע זינד״. אדם און חוה זענען דאַן געזעסען אַ גאַנצע נאַכט און געוויינט. ווען עס איז געקומען אינדערפריה, און דער מאָרגענשטערען האָט אויפגעשיינט האָט אדם הראשון מיט פרייד אויס־געררופען: „ביין, די וועלט געהט נישט חרוב ווערען, נאָר אזוי איז דער מנהג פון דער וועלט. נאָך טאָג קומט די נאַכט און דערנאָך ווידער טאָג״.

(ע״ז ח׳)

דער מענש טאָר קיינמאָל נישט פאַרצווייפלען. אפילו ווען עס קומט איבער דער וועלט אַ גרויסער קריזיס זאָל מען זיך נישט מייאש זיין און זאָגען אַז די וועלט געהט אונטער. עס איז נאָר די פינסטערניש פאַר די ליכטיגקייט. נאָך יעדע פינסטערע נאַכט קומט דער ליכטיגער טאָג . . .

כג

ותשקמו בדמעות שליש (פ׳ ו׳)

רבי אלעזר זאָגט: ווען עשו איז געוואויר געוואָרען אַז יעקב האָט באַקומען די ברכות פון זיין פאָטער יצחק האָט ער פאַרגאָסען דריי טרעהרען, ווי עס שטעהט: „ותשקמו בדעמות שליש״. רבי זאָגט: די אידען זאָגען צו גאָט: „צוליעב די דריי טרעהרען וועלכע עשו האָט פאַרגאָסען

האָסטו איהם געמאַכט הערשען איבער דער וועלט און ער לעבט אין שלוה, אין פריעדען. מיר אידען וועלכע פאַרגיסען שטענדיג פיעל טרעהרען, ביי טאָג ווי ביי נאַכט, ווי עס שטעהט „האכלתם לחם דמעה", דאַרפסטו דאָך געוויס אויף אונז זיך מרחם זיין.

(מדרש תנחומא)

פאַר יעדעליידען קומט אַ באַלוינונג. עשו ווערט אויך באַלוינט פאַר זיינע ליידען, פאַר זיינע טרעהרען. אידען, אָבער, וועלכע ליידען מעהר פון אַלעמען און פאַרגיסען אַממיינסטען טרעהרען וועט זייער באַלוינונג אויך זיין פיעל גרעסער . . .

כד

כי חק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב (פ"א ה')

„כי חק לישראל הוא" — אַלעס ווענדעט זיך אין די אידען. ווען זיי, די אידען, באַשטימען דעם טאָג ווען עס זאָל זיין ראש השנה דאַן איז ראש השנה. און ווען די מלאכי־השרת פאַרזאַמלען זיך און פרעגען ביי גאָט: „ווען וועט זיין ראש־השנה"? ענטפערט זיי השי"ת: „וואָס פרעגט איהר ביי מיר"? „לאָמיר צוזאַמען געהן און פרעגען ביי בית־דין של מטה, ווען זיי האָבען באַשטימט דעם טאָג פון ראש השנה".

(פסיקתא)

ראש השנה איז דער יום הדין פאַר דער גאַנצער וועלט. די וועלט, אָבער, ווערט גע'משפט לויט ווי זי פיהרט זיך אויף געגענאיבער די אידען. דער מצב פון דער וועלט שפיגעלט זיך אָב לויט דעם מצב פון אידען. אידען זענען דער באַראָמעטער פון דער וועלט: „ישראל לב האומות" (כוזרי) . . .

כה

רצית ד' ארצך שבת שבות יעקב (פ"ה ב')

ארץ ישראל איז מכפר די זינד פון די וועלכע זיצען אין איהר, ווי עס שטעהט: העם היושב בה נשוא עון (ישעי' ל"ג). און נישט נאָר איז ארץ ישראל מכפר אויף די לעבעדיגע נאָר אויך אויף די מתים, ווי עס שטעהט: „וכפר אדמתו עמו" (דברים ל"ב). וואויל איז דעריבער צו די מענשען וועלכע

זיצען אין ארץ ישראל. זיי האָבען נישט קיין זינד נישט ביים לעבען און נישט נאָכ'ן טויט, ווי עס שטעהט: „נשאת עון עמך כסית כל חטאתם סלה".
(מדרש)

דער איד קאָן לעבען אָהן זינד נאָר ווען ער איז אין ארץ ישראל. עס איז, אָבער, זעהר שווער צו לעבען אָהן זינד אין גלות . . . דער פאַרדיענסט פון באַזעצען זיך אין ארץ ישראל איז אויך נאָכ'ן טויט, ווייל דערמיט פאַרזיכערט ער די צוקונפט פון זיינע דורות וועלכע וועלען קומען נאָך איהם . . .

כו

חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו (פ"ה י"א)

רבי סימון זאָגט: ווען גאָט האָט געוואָלט באַשאַפען דעם מענש האָט זיך גאָט באַראַטען מיט די מלאכים. די מלאכים האָבען זיך דאַן איינגעטיילט אין כתות, אין סעקשיאָנס. „חסד" האָט געזאָגט: מען זאָל דעם מענש באַשאַפען ווייל ער וועט טהון גמלת־חסדים. דער „אמת" האָט געזאָגט: מען זאָל איהם ניט באַשאַפען ווייל דער מענש איז אינגאַנצען שקר, פאַלש. „צדק" האָט געזאָגט: מען זאָל דעם מענש באַשאַפען ווייל ער וועט טהון צדקה. און „שלום" האָט געזאָגט: מען זאָל דעם מענש נישט באַשאַפען ווייל דער מענש איז גענויגט צו מחלוקה, קריעג. השי"ת האָט דאַן גענומען דעם אמת און איהם אַראָבגעוואָרפען אויף דער ערד און האָט באַשאַפען דעם מענש. ווען די מלאכים האָבען געפרעגט השי"ת: „פאַרוואָס ביזטו מבזה דיין שאַך, דיין אוצר, דעם אמת"? האָט השי"ת געזאָגט: „זאָל דער אמת צוריק אויפשפּראָצען פון דער ערד", ווי עס שטעהט: „אמת מארץ תצמח".

(מדרש רבה)

די טענה פון אמת איז געווען אַז כאָטש דער מענש טהוט גוטס, ער טהוט עס אָבער נישט מיט אמת, ער האָט דערביי אַנדערע כוונות און פניות . . כאָטש דער אמת איז טיילמאָל נידערגעפאַלען, דאָך וועט אָמענדע דער אמת דאָך זיעגען און צוריק אויפשפּראָצען . . . דער מענש וועט דורך זיינע גוטע מעשים זיך דערנעהנטערען צום אמת: „אמת מארץ תצמח" . . .

כז

שובנו אלהי ישענו (פ"ה ה')

ישראל זאָגט צו השי"ת: „שובה ד' עד מתי" (תהלים ו') און השי"ת זאָגט צו די אידען „שובה ישראל". השי"ת פאַרלאַנגט פון די אידען אַז זיי זאָלען

זיך פריהער צוריקקעהרען צו איהם און די אידען בעטען, השי״ת זאָל זיך צוריקקעהרען צו זיי. דעריבער, זאָגען די בני קרח אין תהלים: „שובנו אלהי ישענו״ — נישט וועט השי״ת זיך פריהער צוריקקעהרען צו די אידען און נישט די אידען קאָנען זיך אַליין צוריקקעהרען צו השי״ת, נאָר צוזאַמען וועלען זיי זיך צוריקקעהרען איינער צום אַנדערען.

(ילקוט שמעוני)

די גאולה קאָן נישט קומען אָהן תשובה. עס איז אָבער זעהר שווער פאַר די אידען צו טהון ריכטיגע תשובה אין גלות. דעריבער זאָגען מיר „שובנו אלהי ישענו״. „שובנו״ — ביידע צוזאַמען. די גאולה און די תשובה פון אידען וועלען פאַרקומען צוזאַמען . . .

כח

ולציון יאמר איש ואיש ילד בה (פ״ז ה׳)

רבי יהודה בר׳ סימון זאָגט: לעתיד לבוא, אין דער צוקונפט וועלען די אומות־העולם ברענגען מתנות צו דעם מלך המשיח. די דאָזיגע מתנות וועלען זיין די אידען זעלבסט. די אומות וועלען ברענגען די אידען פון גלות אַלס אַ מתנה צו משיח, ווי עס שטעהט: „והביאו את כל אחיכם מנחה לד׳״ (ישעי׳ ס״ו). דער מלך המשיח וועט זיך ווענדען צו די אומות־העולם און וועט זאָגען צו זיי: „אויב איהר האָט נאָך ביי אייך אידען ברענגט זיי צו מיר״, ווי עס שטעהט: „הבו לד׳ משפחות עמים״ (תהלים צ״ו). „הבו לד׳ משפחות״, ברענגט די משפחות ישראל, און ווען איהר וועט זיי ברענגען זאָלט איהר זיי ברענגען מיט כבוד, ווי עס שטעהט: „הבו לד׳ כבוד שמו״. ווען די אומות וועלען צוריקברענגען די אידען וועלען זיי די אידען וועלען צוריקגעהן צו די אומות. דאַן וועט דער מלך המשיח ריידען צו זיי, ער וועט זאָגען צו איינעם: „דו ביזט אַ כהן״. צום צווייטען — „דו ביזט אַ לוי״. און צום דריטען — „דו ביזט אַ ישראל״.

(ילקוט שמעוני)

די אידען אין גלות, וועלכע האָבען זיך אויסגעמישט, אַסימילירט זיך צווישען די פעלקער, באונס דורך דער נויט פון גלות, די דאָזיגע אידען וועלען עס זיין די מתנות, וועלכע די פעלקער וועלען צוריקברענגען צו דעם מלך המשיח, צו ציון . . . דורך דער געוואוינהייט אין דעם לאַנגען גלות וועלען זיי האָבען פאַרגעסען אַז זיי זענען אידען, אַזוי אַז עס וועט זיי ציהען

צוריק אין גלות. זיי וועלען, אָבער, ענדליך קומען צום באַוואוסטזיין אַז זיי זענען אידען — ווער אַ כהן, ווער אַ לוי און ווער אַ ישראל . . .

כט

מזמור שיר ליום השבת (צ״ב א׳)

ר׳ שמעון זאָגט: דעם מזמור שיר ליום השבת האָט געזאָגט אדם הראשון. אדם הראשון, וועלכער איז באַשאַפען געוואָרען אין פרייטאָג, האָט אין דעם זעלבען טאָג געזינדיגט און איז פאַר׳משפט געוואָרען צום טויט. דער משפט איז נ י ש ט געוואָרען אויסגעפיהרט ווייל עס איז דערוויל אָנגעקומען דער טאָג פון שבת און דער שבת האָט איהם פאַרטיידיגט. דער שבת האָט געזאָגט צו השי״ת: „רבון העולם! אין די „ששת ימי המעשה איז נאָך קיינער נישט גע׳הרג׳ט געוואָרען, פאַרוואָס זאָל ער גראד באַשטראָפט ווערען אין מיין טאָג, אין טאָג פון שבת? איז דען דאָס די קדושה און די ברכה וואָס איז מיר געגעבען געוואָרען״? אַזויערנאָך איז אדם הראשון ניצל געוואָרען אין דעם זכות פון שבת. ווען אדם האָט געזעהן דעם גרויסען כח פון שבת האָט ער געזונגען: „מזמור שיר ליום השבת״.

(מדרש רבה)

דער שבת איז מציל אויך דאָס אידישע פאָלק פון טויט, פון אונטערגאַנג, וועלכעס איז דער נאַטירליכער גורל פון אַנדערע פעלקער. דאָס אָבהיטען דעם שבת האַלט אויף און באַשיצט דאָס אידישע פאָלק. דער שבת באַשיצט די אידען ווי זי האָט פאַרטיידיגט אדם הראשון . . .

ל

יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם (ק״ד ל״ה)

רבי מאיר האָט געהאַט זעהר שלעכטע שכנים און ער האָט פיעל געליטען פון זיי. רבי מאיר האָט מתפלל געווען אַז זיי זאָלען שטאַרבען. זיין ווייב ברוריא האָט געזאָגט צו רבי מאיר: אנשטאָט צו בעטען אַז זיי זאָלען שטאַרבען איז גלייכער זאָלסט בעטען אַז זיי זאָלען אויפהערען צו זיין שלעכט, זיי זאָלען תשובה טהון, ווייל עס שטעהט דאָך נישט „יתמו חוטאים מן הארץ״, עס זאָלען זיך אויסלאָזען די זינדיגע, נאָר עס שטעהט: „יתמו חטאים״, עס זאָלען זיך אויסלאָזען די זינד. רבי מאיר האָט אַזוי געטהון. ער האָט מתפלל געווען אַז זיינע שלעכטע שכנים זאָלען תשובה טהון און זיי האָבען געטהון תשובה.

(ברכות ט׳)

מען דאַרף נישט שטרעבען צו דער פאַרניכטונג פון רשע. מען דאַרף נאָר וועלען די פאַרניכטונג פון דאָס רשעות, פון דאָס שלעכטס. דער רשע זאָל זעלבסט אַנערקענען אַז זיין וועג איז אַ שלעכטער. ער וועט דאַן טהון תשובה און ווערען אויס רשע . . .

לא

יזכר עון אבותיו וגו׳ וחטאת אמו אל תמח (ק״ט י״ד)

דער מדרש זאָגט: „יזכר עון אבותיו״ מיינט אַז עס זאָל איהם, עשו׳ן, געדענקט ווערען די זינד וועלכע ער איז באַגאַנגען געגען זיינע עלטערען. אברהם האָט געלעבט מיט פינף יאָהר ווייניגער ווי יצחק כדי ער, אברהם, זאָל נישט קאָנען זעהן ווי זיין אייניקעל עשו געהט אַרויס לתרבות רעה. אויך איבער די זינד פון עשו איז זיין פאָטער יצחק בלינד געוואָרען אויף דער עלטער, ווי עס שטעהט: „ותכהין עיניו מראות״ (בראשית כ״ז). אויך געגען זיין מוטער רבקה האָט עשו געזינדיגט. ווען רבקה איז געשטאָרבען איז איהר לויה פאַרגעקומען ביינאַכט, כדי מענשען זאָלען נישט זעהן ווי איהר שלעכטער זוהן עשו באַגלייט איהר און זיי וועלען שעלטען די מוטער וועלכע האָט געבוירען אַזאַ זוהן. דער טויט פון רבקה ווערט אויך, דעריבער, נישט דערמאָהנט אין דער תורה בפירוש נאָר דורך אַ רמז, „ויקרא שמו אלון בכות״ (שם ל״ה). „בכות״ — אַ לשון רבים, ווייל יעקב האָט טאָפּעל געוויינט: אויף זיין מוטער רבקה און אויף דבורה מינקת רבקה.

(מדרש תנחומא)

ווען אַ מענש טהוט שלעכטע מעשים איז אויסער וואָס ער זינדיגט געגען גאָט און געגען מענשען זינדיגט ער אויך זעהר געגען זיינע אייגענע עלטערען. מיט זיינע מעשים ברענגט ער אויף זיי שאַנד און אָפטמאָל אויך קיצור ימים. קינדער וועלכע האָבען ליעב זייערע עלטערען דאַרפען דאָס שטענדיג געדענקען . . .

לב

הללויה הללו עבדי ד׳ (קי״ג א׳)

דער תלמוד זאָגט: הלל איז זעהר חשוב ווייל אין הלל ווערען דערמאָהנט פינף וויכטיגע געשעהענישען. עס ווערט דערמאָהנט: א) יציאת מצרים — „בצאת ישראל ממצרים״. ב) קריעת ים־סוף — „הים ראה וינוס״. ג) מתן־

תורה — „ההרים רקדו כאלים". ד) תחית המתים — „אתהלך לפני ד' בארצות החיים". ה) חבלי משיח — „לא לנו ד' לא לנו", וועלכעס געהט אויף מלחמות גוג ומגוג.

(פסחים קי"ח)

יציאת מצרים, קריעת ים סוף און מתן תורה זענען די יסודות פון דער אידישער אמונה און מיט דעם כח פון דער אמונה וועלען אידען איבערקומען די חבלי-משיח און זוכה זיין צו תחיית המתים. די מלחמה פון גוג ומגוג איז נישט בלויז אַ מלחמה געגען אידען נאָר זי איז דער עיקר אַ מלחמה געגען גאָט, געגען מלכות שמים, ווי עס שטעהט: „יתיצבו מלכי ארץ וגו' על ד' ועל משיחו" (תהלים ב') און וועגען די מלחמות גוג ומגוג זאָגען מיר, דעריבער, „לא לנו ד' לא לנו כי אם לשמך תן כבוד" . . .

לג

אתהלך לפני ד' בארצות החיים (קט"ז ט')

„בארצות החיים" — זאָגט רב יהודה אין תלמוד — מיינט מען די מאַרק־פלעצער. אַנדערע זאָגען: „בארצות החיים", מיינט מען, ארץ ישראל.

(יומא ע"א)

מען דאַרף דינען גאָט אומעטום, נישט נאָר בלויז אין שוהל און אין הויז נאָר אויך אין גאַס און אין די מאַרק־פּלעצער, צווישען מענשען און אין האַנדעל . . . ארץ ישראל איז דאָס לאַנד וואו אידען קאָנען ריכטיג לעבען אַלס אידען. עס איז ווירקליך בארצות החיים . . .

לד

לולא ד' שהיה לנו יאמר נא ישראל (קכ"ד א')

„יאמר נא ישראל" — מיינט מען — ישראל סבא, יעקב אבינו. אין די גאַנצע צוואַנציג יאָהר ווען ער איז געווען אין הויז פון לבן איז ער נישט געשלאָפען ביינאַכט. אין די דאָזיגע נעכט האָט יעקב געזאָגט די פופצעהן שיר־המעלות פון תהלים. רבי שמואל בר' נחמני זאָגט: ער האָט אין די דאָזיגע נעכט געזאָגט דאָס גאַנצע ספר תהלים, ווי עס שטעהט: „ואתה קדוש יושב תהלות ישראל" (תהלים כ"ב). „תהלות ישראל" מיינט מען דעם ספר תהלים וועלכעס ישראל סבא האָט געזאָגט.

(מדרש רבה)

אין דעם ספר תהלים געפינען זיך תפלות איבער די אַלע איבערלעבונגען פון אידישען פאָלק, פון ישראל אין זיין גאַנצע געשיכטע. יעקב אבינו האָט אַדורכגעלעבט דאָס זעלבע וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַדורכגעלעבט אין זיין געשיכטע, און די תפלות פון יעקב זענען אויך געווען פאַר די צוקונפט...

לה

על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו (קל״ז א׳)

דער ילקוט דערצעהלט: נבוכדנצר און זיינע שרים זענען געזעסען אויף אַ שיף, מוזיק האָט פאַר זיי געשפּיעלט און זיי זענען געווען פרעהליך, ווי עס שטעהט: „כשדים באניות רנתם״ (ישעי׳ מ״ג). נבוכדנצר האָט דאַן געזעהן ווי מען פיהרט די געפאַנגענע מלכי ישראל נאַקעט און געשמידט אין קייטען ביים ברעג פון די טייכען פון בבל. נבוכדנצר האָט דאַן געזאָגט צו זיינע קנעכט: פאַרוואָס געהן זיי די געפאַנגענע נאָך בקומה זקופה, האַלטען זייערע קעפּ אין דער הויך? מען האָט דאַן גענומען ספרים, געמאַכט פון זי זעק, אָנגעפילט מיט זאַמד און זיי אַרויפגעלייגט אויף די העלדזער פון די געפאַנגענע אַזוי אַז די שווערע משא האָט זיי איינגעבויגען די קעפּ. עס איז דאַן מקוים געוואָרען דער פסוק „על צוארנו נרדפנו״ (איכה ה׳).

(ילקוט שמעוני)

דער איד אין גלות טראָגט איבער די שווערסטע צרות און דאָך בויגט ער נישט זיין קאָפּ. דאָס איז נאָר אַזוי לאַנג ווי די ספרים, די תורה, ענטהאַלטען אין זיך זייער גייסטיגען אינהאַלט און זייער גייסט ווערט אַריינגעדרונגען אין אידישען לעבען. ווען אָבער די ספרים ווערען ווי זעק, אויסגעליידיגט פון זייער גייסטיגען תוכן און אנשטאט זייערע הימלדיגע אידעאַלען ווערען זיי אָנגעפילט מיט ערדישקייט, מיט זאַמד, דאַן קאָן דער איד נישט מעהר איבערהאַלטען, און זיין שטאָלץ, דער אידישער שטאָלץ, ווערט געבויגען און געבראָכען . . .

לו

סכות לראשי ביום נשק (ק״מ ח׳)

„ביום נשק״ — מיינט מען — אין דעם טאָג פון וואָפען, פון כלי זיין פון גוג ומגוג. „ביום נשק״ מיינט מען אויך דעם טאָג ווען עס וועלען זיך צוזאַמענקומען, עס וועלען זיך באַגעגענען די צוויי וועלטען. (נשק, באַהעפטען, קושען.) ווען די אַלטע וועלט וועט אַוועקגעהן און עס וועט אָנקומען „עולם

הבא״, די נייע וועלט. אויף יענער צייט איז געזאָגט געוואָרען די תפלה „סכות לראשי ביום נשק״. וועגען דעם דאָזיגען טאָג שטעהט אויך: „וסוכה תהי׳ לצל יומם מחורב״ (ישעי׳ מ״ד).

(ילקוט בשם מדרש)

נאָך די מלחמות גוג ומגוג וועט פאָרקומען אַ באַנייאונג אין דער וועלט. די אַלטע וועלט וועט אַוועק און עס וועט אָנקומען אַ נייע. אין דער צייט פון מלחמות גוג ומגוג און אויך דערנאָך וועלען אידען דאַרפען די באַשיצונג פון גאָט: „סכות לראשי ביום נשק״ . . .

לז

בונה ירושלים ד׳ נדחי ישראל יכנס (קמ״ז ב׳)

רבי שמואל בר׳ נחמני זאָגט: עס איז אַ מסורה (אַ קבלה, אַ טראַדיציע) אַז ירושלים וועט נישט פריהער אויפגעבויט ווערען סיידען די אידען פון גלות וועלען זיך דאָרט צונויפזאַמלען, און ווען מען וועט דיר זאָגען אַז ירושלים איז אויפגעבויט געוואָרען פריהער איידער די אידען האָבען זיך דאָרט צונויפ־געזאַמעלט זאָלסטו דאָס נישט גלויבען, ווי עס שטעהט: בונה ירושלים ד׳ — נאָר דאַן ווען — „נדחי ישראל יכנס״.

(מדרש תנחומא)

אידען מוזען פריהער זיך פאַראייניגען און פאַרזאַמלען זיך אין ארץ ישראל און נאָר דאַן וועט ירושלים קאָנען פאָלקאָם אויפגעבויט ווערען . . .

משלי

א

משלי שלמה בן דוד (א׳ א׳)

שלמה המלך האָט געפאָרשט און געוואָלט וויסען וואו עס געפינט זיך די חכמה ביים מענש, ווי עס שטעהט: „והחכמה מאין תמצא״ (איוב כ״ח). רבי אליעזר זאָגט: די חכמה געפינט זיך אין קאָפּ, ווי עס שטעהט: „חכם עיניו בראשו״. רבי יהושע זאָגט: חכמה געפינט זיך אין האַרץ, ווי עס שטעהט: „נתת שמחה בלבי״ און שמחה איז חכמה, ווי עס שטעהט: חכם בני ושמח לבי (משלי כ״ז). און שלמה האָט געזאָגט: מיין פאָטער, דוד, האָט אָנגעהויבען זיין חכמה מיט דעם אות אלף — דער ספר תהלים הויבט זיך אָן מיט „אשרי האיש״ — איך וועל אָנהויבען מיט אַ „מם״, דאָס מיטעלדיגע אות פון „אלף־בית״, און ער האָט אָנגעהויבען „משלי שלמה״, ווייל, האָט שלמה געזאָגט, די חכמה געפינט זיך אין האַרץ, וועלכעס איז אין דער מיט פונ׳ם מענש.

(ילקוט שמעוני)

די וויסענשאַפט וועלכע קומט נאָר פון קאָפּ אָהן דעם געפיהל פון האַרץ, די דאָזיגע וויסענשאַפט איז קאַלט, ברענגט אָפט צושטערונג דורך איהרע ערפינדונגען, ברענגט נישט קיין נוצען פאַר די מענשהייט און אויך נישט קיין פרייד. די חכמה וועלכע קומט, אָבער, פון האַרץ, פון מענשליכען געפיהל און געוויסען, ברענגט נוצען און אויך שמחה צו דער מענשהייט . . .

ב

למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור (ב׳ כ׳)

דער תלמוד ברענגט: רבה בר בר׳ חנה האָט געדונגען טרעגער זיי זאָלען איהם ברענגען אַ פאַס מיט וויין. די טרעגער האָבען אויפ׳ן וועג צובראָכען דעם פאַס מיט׳ן וויין. רבה בר בר׳ חנה האָט אַוועקגענומען ביי די טרעגער זייערע מלבושים פאַר דעם שאָדען וואָס זיי האָבען געטהון. ווען זיי זענען געקומען צו אַ דין־תורה פאַר רב האָט רב געהייסען צוריקגעבען זיי זייערע מלבושים. ווען רבה בר בר׳ חנה האָט געפרעגט רב: איז אַזוי דער דין?

האָט רב געענטפערט: עס שטעהט „למען תלך בדרך טובים" — „זאָלסט געהן אין וועג פון די גוטע". דאַן האָבען די טרעגער גענומען וויינען און געזאָגט: „מיר זענען אָרימעלייט. מיר האָבען אַ גאַנצען טאָג געאַרבייט, מיר זענען הונגעריג און מיר האָבען נישט פאַרוואָס צו קויפען עסען". האָט רב געהייסען רבה בר בר' חנה ער זאָל זיי באַצאָהלען זייער טאָג־לוין. ווען ער האָט געפרעגט: „איז דער דין אַזוי"? האָט רב געענטפערט: עס שטעהט „וארחות צדיקים תשמור" — „זאָלסט היטען די וועגען פון די צדיקים".

(בב"מ פ"ג)

צו דעם אָרימען אַרבייטער דאַרף מען זיך באַציהען נישט בלויז לויט'ן דין נאָר אויך לויט יושר, לפנים משורת הדין. אַזוי האָבען אונזערע חכמים באַהאַנדעלט די אַרבייטער־פראַגע . . .

ג

דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום (ג' י"ז)

השי"ת האָט געוואָלט געבען דער תורה צו די אידען באַלד נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס פון מצרים, נאָר ווייל זיי האָבען געפיהרט מחלוקת צווישען זיך, ווי עס שטעהט: „ויסעו מסכות ויחנו באתם" (שמות י') — „זיי האָבען געצויגען מיט מחלוקה און האָבען גערוהט מיט מחלוקה" — האָבען זיי נישט געקאָנט נעמען די תורה. נאָר ווען זיי זענען געקומען קיין רפידים און זיי האָבען שלום געמאַכט צווישען זיך, ווי עס שטעהט: „ויחן שם ישראל" (שם י"ט). עס שטעהט „ויחן" — אַ לשון יחיד — זיי זענען געוואָרען ווי איינס, איין אגודה, דאַן האָט השי"ת געזאָגט: די תורה איז אין גאַנצען שלום, ווי עס שטעהט: „וכל נתיבותיה שלום", וועל איך זי געבען צו דעם פאָלק וואָס האָט ליעב שלום.

(מדרש תנחומא)

אידען זענען אַ פאָלק פון שלום ווייל אַזוי איז אויך די אידישע תורה — „וכל נתיבותי' שלום" — דעריבער זענען שטענדיג די מלחמה־העצער, די צושטערער פון שלום, געגען אידען און געגען דער אידישער תורה . . .

ד

עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (ג' י"ח)

ווען עס וואָלט געשטאַנען „עץ חיים היא לעמלים בה" — „צו די וואָס באַמיהען זיך אין איהר" — וואָלט דאַן קיין תקומה נישט געווען פאַר די וועלכע

לערנען נישט די תורה. עס שטעהט, אָבער, „למחזיקים בה" — „צו די וואָס שטיצען איהר" — דאַן איז אויך פאַראַן אַ תקומה פאַר די, וועלכע כאָטש אַליין לערנען זיי נישט, דאָך העלפען זיי די וועלכע לערנען. עס שטעהט: „שמעון אחי עזרי' אומר משמו" — כאָטש שמעון איז געווען גרעסער ווי עזרי', דאָך וויל עזרי' האָט געהאַנדעלט און געשטיצט שמעון ער זאָל קאָנען לערנען ווערט די הלכה געזאָגט אין נאָמען פון עזרי'. אויך שטעהט: „שמח זבולן בצאתך ויששכר באהלך" (דברים ל"ב) וויל זבולן איז געפאָהרען איבער די ימים, האָט געהאַנדעלט און פון זיין פאַרדיענסט געשטיצט יששכר האָט ער באַקומען שכר פאַר די תורה פון יששכר.

(מדרש רבה)

די וועלכע שטיצען די לומדי תורה שטעהן אין דער זעלבער מדרגה ווי די וועלכע לערנען די תורה. מיט דעם וואָס זיי שטיצען די תורה איז אַ באַווייז אַז זיי לעבען אין דעם גייסט פון די תורה . . .

ה

לך אל נמלה עצל וגו' ראה דרכיה וחכם (ו' ז')

די נמלה, די מילב, זאַמעלט צונויף אַ גאַנצען זומער איהר שפייז. זי זאַמעלט פון אַלעם וואָס זי געפינט: ווייץ, גערשטען, אַרביס, א.ז.וו. כאָטש דאָס לעבען פון דער מילב איז נישט לענגער פון זעקס חדשים און איהר עסען איבער דער דאַזיגער צייט איז נישט מעהר ווי איין ווייץ און אַ האַלבען דאָך זאַמעלט זי צונויף אַזוי פיעל, וויל די נמלה זאָגט: „טאָמער וועט השי"ת מיר שענקען מעהר לעבען זאָל איך דאַן האָבען פון וואָס צו עסען". מען דערצעהלט, זאָגט רבי שמעון בן יוחאי, אַז מען האָט געפונען אין דער נעסט פון דער נמלה באַהאַלטען דריי הונדערט כור שפייז. און, דעריבער, האָט שלמה געזאָגט: „לך אל נמלה וגו' ראה דרכי' וחכם". דער מענש זאָל זיך לערנען פון דער נמלה און זיך אַנגרייטען מעשים טובים.

(מדרש רבה)

די נמלה טהוט זיך אַנגרייטען שפייז אויף אַ לאַנגע צייט וויל זי האָט אמונה און בטחון. זי האָפט אַז השי"ת וועט איהר פאַרלענגערען דאָס לעבען. דער מענש דאַרף אויך שטענדיג האָבען אמונה און בטחון און באַמיהען זיך פאַר דער ווייטער צוקונפט . . .

ו

ואהיה אצלו אמון (ח׳ ל׳)

די תורה זאָגט: „ואהי׳ אצלו אמון״ — איך בין געווען די כלי אומן, דער פּלאַן פון דעם אַרכיטעקט פון דער וועלט־באַשאַפונג. ווען אַ מלך בשר ודם בויט פאַר זיך אַ פּאַלאַץ בויט ער איהם דורך אַן אַרכיטעקט. דער אַרכיטעקט מאכט פריהער דעם פלאן פון די חדרים, טירען און פענסטער פון פּאַלאַץ, אַזוי איז אויך די תורה געווען דער פּלאַן לויט וועלכען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. השי״ת האָט געקוקט אין דער תורה און לויט איהר פּלאַן האָט ער באַשאַפען די וועלט, ווי עס שטעהט „בראשית ברא אלהים״ — „בי ראשית ברא״.

(מדרש רבה)

די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען לויט דעם פּלאַן, די צייכנונגען און די וועגען פון דער תורה, דעריבער דאַרף דער מענש זעהן צופּאַסען זיין לעבען צו די אידעאַלען פון דער תורה און נישט צופּאַסען די תורה צום לעבען . . .

ז

גומל נפשו איש חסד (י״א י״ז)

דער מדרש דערצעהלט: ווען הלל הזקן איז געגאַנגען אין מרחץ, האָט ער געזאָגט: „איך געה טהון אַ מצוה״. ווען די תלמידים האָבען איהם געפרעגט: איז דען געהן אין מרחץ אַ מצוה? האָט הלל געענטפערט: יאָ, ווען דאָס בילד פון אַ מלך בשר ודם ווערט אָפט געררייניגט און געוואַשען און מען צאָהלט שכירות צו די מענשען וועלכע טהון די דאָזיגע אַרבייט, איז דאָך דער מענש, וועלכער איז דאָס געשטאַלט און דער דמות פון גאָט, ווי עס שטעהט: „כי בצלם אלהים עשה את האדם״ (בראשית ט׳), געוויס מחויב און עס איז אַ מצוה זיך צו וואַשען און האַלטען זיך ריין. אויך, זאָגט דער מדרש, ווען הלל הזקן איז געגאַנגען עסען האָט ער געזאָגט: „איך געה גומל חסד זיין מיט מיין אורח״. ווען די תלמידים האָבען איהם געפרעגט: האָסטו דען אַלע טאָג אורחים? האָט ער געענטפערט: איז דען מיין נפש נישט קיין אורח אין מיין גוף? היינט איז ער דאָ און מאָרגען קאָן ער נישט זיין מעהר״.

(מדרש רבה ותלמוד)

דער מענש איז דער צלם אלהים, דאָס געטליכע בילד, דעריבער דאַרף דאָס לעבען פון מענש זיין טייער און הייליג. ער דער מענש איז אונבאַריהרבאַר, און דאָס איז דער יסוד פון דאָס מענשליכע רעכט. ווען מען האַלט בכבוד דעם גוף גיט מען דערביי אויך כבוד צו השי״ת, אין ווען מענש געשטאַלט דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען . . .

ח

חכמות נשים בנתה ביתה ואולת בידיה תהרסנה (י״ד א׳)

„חכמות נשים בנתה ביתה״ — זאָגט דער תלמוד — מיינט מען די פרוי פון און בן פלת. זי האָט מציל געווען איהר מאַן ער זאָל זיך נישט באַטייליגען אין דער מחלוקה פון קרח זי האָט צו איהם געזאָגט: „וואָס אינטערעסירט דען דיר די מחלוקה פון קרח? איז משה דער רבי ביזטו זיין תלמיד און ווען קרח וועט זיין דער רבי וועסטו אויך זיין זיין תלמיד״. און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די טיר פון איהר געצעלט און האָט זיי, די אָנהענגער פון קרח, נישט אַריינגעלאָזט צו איהר מאַן. „ואולת בידיה תהרסנה״ — געהט אויף דער פרוי פון קרח, וועלכע האָט איהם אויפגעהעצט געגען משה׳ן.

(סנהדרין ק״ט)

זעהר גרויס איז דער איינפלוס פון די פרויען אויף דעם לעבען פון זייערע מענער. גוטע און קלוגע פרויען פאַרהיטען זייערע מענער פון זינד, ווען שלעכטע און נאַרישע פרויען פיהרען זייערע מענער צו זינד און אומגליק . . .

ט

בנפול אויבך אל תשמח (כ״ד י״ז)

דער מענש דאַרף זיך נישט פרעהען ווען זיין שונא פאַלט. אידען וואָלטען באַדאַרפט זאָגען הלל (גאַנץ הלל) אין אַלע טעג פון פסח אַזוי גוט ווי מען זאָגט אין סכות, דאָך זאָגט מען גאַנץ הלל נאָר אין די ערשטע טעג פון פסח און נישט אין די אַנדערע טעג, ווייל אין פסח זענען די מצריים גע׳הרג׳ט געוואָרען און געוואָרען דערטרונקען אין ים, און השי״ת האָט געזאָגט: „כאָטש זיי, די מצריים, זענען געווען מיינע שונאים, וויל איך נישט מען זאָל זאָגען הלל אויף זייער מפלה. איך האָב דאָך געשריבען „בנפול אויבך אל תשמח״.

(ילקוט שמעוני)

ווען דער שונא ווערט באַשטראָפט דאַרף מען זיך נישט פרעהען. מען דאַרף נאָר באַדויערען וואָס מענשען זענען שלעכט און ברענגען אויף זיך די שטראָף . . .

י׳

תחת שלש רגזה ארץ ותחת ארבע לא תוכל שאת (ל׳ כ״א)

דער מדרש זאָגט דערויף: „תחת שלש רגזה ארץ״ — דאָס איז אַ רמז אויף די שלש מלכיות וועלכע האָבען געהאַלטען די אידען אין גלות און מיט זיי שווער געאַרבעט, ותחת ארבע לא תוכל שאת״ — איז דאָס מלכות הרביעית, מלכות אדום. אין דער צייט פון מלכות אדום וועלען אידען נישט קאָנען איבערטראָגען די צרות און כביכול וועט זיי דאַן מוזען אויסלייזען פון גלות, ווי עס שטעהט: „שלש שנים יהי׳ לכם ערלים״ (ויקרא י״ט) — דאָס מיינט די דריי מלכיות. מיט זיי וועט דער גלות זיך נישט ענדיגען. „בשנה הרביעית תאכלו את פריו״ — אין דער צייט פון מלכות הרביעית וועט זיין די גאולה.

(מדרש ילמדנו)

י״א

אשת חיל מי ימצא (ל״א י׳)

רבי מאיר האָט גע׳דרשנ׳ט שבת, מנחה צייט, אין בית המדרש. אין דער צייט פון זיין דרשה זענען זיינע צוויי קינדער געשטאָרבען. די פרוי פון רבי מאיר האָט גענומען די צוויי טויטע קינדער און זיי איבערגעדעקט. ווען רבי מאיר איז אַהיימגעקומען פון בית־המדרש האָט די פרוי געגעבען איהם צו מאַכען הבדלה און געגעבען איהם עסען. ווען ער האָט געענדיגט דאָס עסען האָט די פרוי געזאָגט צו איהם: איך וויל ביי דיר פרעגען אַ שאלה. „עס האָט מיר איינער געגעבען אַ פקדון צו באַהאַלטען און איצט איז ער געקומען אָבנעמען דעם פקדון, צי האָב איך באַדאַרפט איהם אָבגעבען״? „געוויס, זאָגט רבי מאיר, אַ פקדון דאַרף מען צוריקגעבען צו זיין אייגענטימער״. דאַן האָט זי גענומען און איהם אַרויפגעפיהרט אין די קינדערס חדר און איהם געוויזען די קינדער. ווען רבי מאיר האָט דאָס געזעהן און אָנגעהויבען וויינען, האָט די פרוי צו איהם געזאָגט: „דו האָסט דאָך געזאָגט אַז אַ פקדון דאַרף מען אָבגעבען צום בעל־הבית, גאָט האָט אונז געגעבען די קינדער פאַר אַ פקדון און איצט האָט ער זיי צוריקגענומען״. „ד׳ נתן וד׳ לקח יהי׳ שם ד׳ מבורך״

(איוב א׳). רבי מאיר איז דורך די ווערטער געוואָרען געטרייסט און זיך באַרוהיגט. אויף אַזאַ פרוי שטעהט: „אשת חיל מי ימצא״.

(ילקוט שמעוני)

אַ גוטע און קלוגע פרוי איז אַ גרויסע הילף צו איהר מאַן. זי איז בכח איהם צו שטאַרקען צו קאָנען אַריבערטראָגען די גרעסטע צרות. זי קאָן אויך פאַרשטאַרקען אין איהם אמונה און בטחון . . .

יב

אשת חיל מי ימצא (שם)

רבי יצחק בר׳ נחמיה זאָגט: השי״ת האָט געגעבען די תורה צו די אידען מיט די צוויי־און־צוואַנציג אותיות פון דעם אלף־בית. אַזוי ווערען אויך די נשים כשרות געלויבט מיט די זעלבע צוויי־און־צוואַנציג אותיות. אין דעם קאַפּיטעל „אשת חיל״ איז פאַראַנען דער אלף־בית, די צוויי־און־צוואַנציג אותיות פון דער תורה.

(ילקוט שמעוני)

דאָס לערנען די תורה און דאָס אָבהיטען איהרע מצוות פונ׳ם מאַן און די קינדער איז זעהר פיעל אָבהענגיג פון דער פרוי און מוטער . . .

איוב

א

איש היה בארץ עוץ איוב שמו (א׳ א׳)

ר׳ לוי בר׳ חמא זאָגט: איוב איז געווען אין דער צייט פון משה. איוב האָט געזאָגט: „מי יתן בספר ויחקו״ (איוב י״ט) און ביי משה׳ן שטעהט: „כי שם חלקת מחוקק ספון״ (דברים ל״ב). רב זאָגט: ער איז געווען אין דער צייט פון די מרגלים. משה האָט געזאָגט צו די מרגלים: „היש בה עץ אם אין״ — זעהט אויב איוב לעבט נאָך וועלכער באַשיצט זיי ווי אַ בוים מיט זיין זכות. ר׳ אלעזר זאָגט: איוב איז געווען אין דער צייט פון די שופטים. אַנדערע זאָגען: ער איז געווען אין דער צייט פון יעקב און דינה בת יעקב איז געווען די פרוי פון איוב, א.ז.וו. איינער זאָגט: „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה״, איוב איז נישט געווען און נישט געבוירען געוואָרען, ער איז נאָר געווען אַ משל.

(ב״ב י״ד)

איוב איז געווען אין אַלע צייטען . . . אין אַלע צייטען געפינען זיך גוטע, עהרליכע און גאָטס-פאָרכטיגע מענשען און דאָך ליידען זיי פיעל יסורים. ווען אָבער זיי האַלטען אויס אין דער אמונה, זענען מקבל די יסורים באהבה, ווי איוב, קומען זיי איבער זייערע ליידען און דערגרייכען אַמענדע, ווי איוב, פיעל בעסערע און גליקליכערע צייטען ווי פריהער . . .

ב

בשעפים מחזיונות לילה (ד׳ י״ג)

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען די אידישע נביאים און די נביאי אומות העולם? ר׳ חנינא בר׳ פפא זאָגט: עס איז אַ משל צו אַ מלך וועלכער געפינט זיך צוזאַמען מיט זיין פאַרטרוילטכסטען פריינד אין זיין פאַלאַץ. צווישען דעם מלך און זיין פריינד טיילט אָב אַ פאָרהאַנג. ווען, אָבער, דער מלך וויל ריידען צו זיין פריינד וויקעלט ער אָב דעם פאָרהאַנג כדי ער זאָל קאָנען ריידען מיט זיין פריינד פנים אל פנים. ווען, אָבער, דער מלך וויל ריידען מיט אַנדערע געוועהנליכע פריינד, נישט אַזוי פאַרטרויליכע, רעדט ער

מיט זיי פון אונטער׳ן פאָרהאַנג אַזוי אַז זיי קאָנען נישט זעהן דעם מלך פנים אל פנים. די רבנן זאָגען: עס איז אַ משל צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ געזעצליכע ווייב און אויך אַ פלגש, אַ געליעבטע. מיט דער געזעצליכער פרוי רעדט ער בפרהסיא, אָפען פאַר אַלעמען, אין דער ליכטיגקייט. מיט דער אומגעזעצליכער פרוי, אָבער, רעדט ער בצנעה, אין געהיים, ווי עס שטעהט: „ויבא אלקים אל בלעם לילה" (במדבר כ״ב), „ויבא אלקים אל לבן הארמי בחלום הלילה" (בראשית ל״א), „ויבא אלקים אל אבימלך בחלום הלילה" (שם כ׳).

(מדרש רבה)

די אידישע נביאים האָבען געזעהן די געטליכקייט אוממיטעלבאַר, אָהן שום מחיצה, נישט דורך קיין פאַרמיטלער . . . ווען די נביאי אומות העולם האָבען איהם נישט געקאָנט זעהן, נאָר דורך אַ מחיצה, אַ פאָרהאַנג . . . די אידישע נביאים האָבען געזעהן די געטליכקייט אין דער ליכטיגקייט, אין לעבען . . . די נביאי אומות העולם זעהן איהם אין דער מיסטיק, אין אבער־גלויבען, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט . . .

ג

המרגיז ארץ ממקומה ועמודיה יתפלצון (ט׳ ו׳)

רבי יוסי זאָגט: וועה איז צו די מענשען וועלכע זעהן און ווייסען נישט וואָס זיי זעהן, זיי שטעהן און זיי ווייסען נישט אויף וואָס זיי שטעהן: די ערד שטעהט אויף עמודים, אויף זיילען, ווי עס שטעהט: „המרגיז ארץ ממקומה ועמודיה יתפלצון". די זיילען שטעהן אויף וואַסער, ווי עס שטעהט: „לרוקע ארץ על המים" (תהלים קל״ו). די וואַסער האַלט זיך אויף בערג, ווי עס שטעהט: „על הרים יעמדו מים". די בערג האַלטען זיך אויף ווינט: „כי הנה יוצר הרים ובורא רוח" (עמוס ד׳). דער ווינט איז אין שטורם: „רוח סערה עושה דברו" (תהלים קמ״ח), און דער שטורם איז אין די אָרעמס פון גאָט, ווי עס שטעהט: „ומתחת זרועות עולם" (דברים ל״ג). די חכמים זאָגען: די ערד שטעהט אויף צוועלף זיילען, ווי עס שטעהט: „יצב גבולות עמים למספר בני ישראל" (שם ל״ב). אַנדערע זאָגען: די ערד שטעהט אויף זיבען זיילען: „חצבה עמודיה שבעה" (משלי ט׳), און רבי אלעזר בן שמוע זאָגט: די ערד שטעהט אויף איין זייל און דער זייל הייסט — צדיק, ווי עס שטעהט: וצדיק יסוד עולם (שם י׳).

(חגיגה י״ב)

די געטליכקייט קאָן מען זעהן דורך דער נאַטור, דורך וואַסער, בערג, ווינט און שטורם. מען קאָן אויך זעהן די געטליכקייט דורך דאָס לעבען אין דער היסטאָריע פון די פעלקער און באַזונדער פון דעם אידישען פאָלק: „יצב גבולות עמים למספר בני ישראל". אַמבעסטען קאָן מען, אָבער, זעהן די געטליכקייט דורך די תורה, „חצבה עמודיה שבעה", און דורך די מעשים טובים פון דעם צדיק וועלכער איז מקיים די תורה: וצדיק יסוד עולם . . .

ד

ואיש נבוב ילבב (י"א י"ב)

ר' אבדימי דמן חיפא זאָגט: ווען אַ מענש האָט געגעסען און געטרונקען האָט ער נאָר איין האַרץ, ווען אָבער ער האָט נישט געגעסען און נישט געטרונקען האָט ער דאַן צוויי הערצער, ווי עס שטעהט: „ואיש נבוב", ווען דער מענש איז הויל, ליידיג, אָהן עסען און טרינקען, „ילבב" האָט ער צוויי הערצער.

(ב"ב ח')

ווען אַ מענש איז הונגעריג און ליידט האָט ער צוויי הערצער: איין האַרץ פאַר זיך און האָט אויך אַ האַרץ פאַר'ן צווייטען. ער גלויבט און פיהלט מיט אַ צווייטען וואָס ליידט. ווען אַ מענש איז זאַט פיהלט ער נישט מיט דעם צווייטענ'ס נויט, ער האָט נאָר דאַן איין האַרץ, נאָר פאַר זיך . . .

ה

מי יתנני כירחי קדם (כ"ט ב')

ר' שמלאי זאָגט: דאָס קינד אײדער עס ווערט געבוירען ברענט אַ ליכט אויף זיין קאָפּ און ער קאָן זעהן די גאַנצע וועלט פון איין עק צו דער צווייטער. מען לערענט מיט איהם די גאַנצע תורה און ווען דאָס קינד קומט אויף דער וועלט קומט אַ מלאך און טהוט איהם אַ קלאַפּ איבער'ן מויל און ער פאַרגעסט דאַן אַלץ וואָס מען האָט מיט איהם געלערנט. מען באַשווערט איהם מיט אַ שבועה ער זאָל זיין אַ צדיק און זאָל נישט זיין קיין רשע און אפילו ווען די גאַנצע וועלט וועט זאָגען אויף איהם אַז ער איז אַ צדיק זאָל ער זיך האַלטען פאַר אַ רשע. מען זאָגט אויך צו איהם: „זאָלסט וויסען, אַז הקב"ה איז טהור און זיינע משרתים זענען טהורים און די נשמה דיינע איז טהורה, ריין, און זאָלסט איהר שטענדיג היטען אין ריינקייט".

(נדה ל')

דער מענש ווערט געבוירען מיט דעם כח צו דערגרייכען די העכסטע מדרגה. ער איז בכח, אין פאטענץ, צו קאנען די גאנצע תורה און זעהן די העכסטע זעהונגען. ער איז פון געבורט אויס באשוואוירען צו זיין א צדיק. זיין נשמה איז פון געבורט ריין, נישט באפלעקט פון זינד. זיין אויפגאבע אין לעבען איז צו דערהאלטען די ריינקייט פון דער נשמה און צו ענטוויקלען די גרויסע און פאטענציעלע כחות וואס איז אין איהם פון געבורט. דאס איז דער אידישער פרינציפ וועגען מענש . . .

ו

היערוך שועך לא בצר (ל"ו י"ט)

רבי אלעזר זאגט: א מענש זאל שטענדיג תפלה טהון פריהער איידער די צרה קומט און ער זאל נישט ווארטען מיט תפלה טהון ביז עס קומט די צרה. ווען אברהם אבינו וואלט נישט מתפלל געווען פאר זיינע קינדער, פריהער אין זיין צייט, צווישען „בית אל" און „עי", וואלט שפעטער, ווען די אידען האבען דארט מלחמה געהאלטען, נישט געבליבען פון זיי קיין שריד ופליט ח"ו.

(סנהדרין מ"ד)

א יחיד ווי א פאלק דארף נישט פארנאכלעסיגען די צוקונפט. ער דארף באצייטענס פארזעהן און אננעמען מיטלען, דורך גוטע מעשים און תפלה, איידער עס קומט די שלעכטע צייט: „איזהו חכם הרואה את הנולד" . . .

ז

ירעם אל בקולו נפלאות (ל"ז ה')

ווען דאס געטליכע קול אויפ'ן בארג סיני האט זיך געהערט צו די אידען האט יעדער איינער געהערט לויט זיין כח: משה האט געהערט לויט זיין כח, די זקנים לויט זייער כח, די יונגע און אויך די קטנים, די קליינע קינדער, האבען געהערט דאס געטליכע קול לויט זייערע כחות, ווי עס שטעהט: „קול ד' בכח" (תהלים כ"ט) לויט דעם כח פון יעדען איינעם.

(מדרש רבה)

יעדער איד, גרויס און קליין, האט זיין חלק אין דער תורה. יעדער איינער פארשטעהט און באגרייפט די תורה לויט זיין השגה, לויט זיין כח . . .

ח

תמשך לויתן בחכה ובחבל תשקיע לשונו (מ׳ כ״ה)

וועגען לויתן ווערט אין מדרש דערציילט פיעל וואונדערליכע זאַכען. ער, דער לויתן, איז זעהר מעכטיג, און ער באַזיצט גרויס גאוה, און ווען השי״ת זאָגט צו די מלאכי השרת אַז זיי זאָלען געהן און מלחמה האַלטען מיט איהם האָבען זיי מורא און זיי לויפען אַוועק, ווי עס שטעהט: „משאתו יגורו אלים״ (איוב מ״א). ווען ער וויל עסען שפּאַלט ער דעם ים און די פיש לויפען אַליין איהם אַנטקעגען ער זאָל זיי אויפעסען. דאַן הייסט השי״ת די מלאכי השרת זיי זאָלען נעמען שווערדען און מיט איהם מלחמה האַלטען. אָבער די שווערדען שאַדען איהם נישט. אייזען און פיילען זענען ביי איהם ווי שטרוי, ווי עס שטעהט: „לקש נהפכו לו אבני קלע כקש נחשבו תותח״ (שם). דאַן ברענגט השי״ת שטאַרקע בהמות זיי זאָלען קעמפען מיט דעם לויתן און ווען זיי שליסען זיך אָן אין קאַמף שיידען זיי זיך מעהר נישט אָב ביז דער לויתן איז באַזיעגט און איז טויט. דאַן נעמט השי״ת די פעל פון לויתן און מאַכט פון איהר אַ סוכה פאַר די צדיקים, ווי עס שטעהט: „התמלא בשכת עורו״ (שם).

(ילקוט שמעוני)

מען קאָן דאָס זעלבע אויך זעהן אין דער וועלט־היסטאָריע. עס וואַקסט אויף אַ זעהר שטאַרקע און שלעכטע מאַכט און באַזיצט גרויס גאוה און אַמביציע צו באַהערשען די וועלט. פיעל קליינע פעלקער לאָזען זיך פון איהם איינשלינגען. פיעלע מעכטע האָבען פאַר איהם מורא. שווערד, אייזען און פיילען קאָנען איהם נישט באַזיעגען. נאָר נאָך אַ זעהר לאַנגען און ביטערען קאַמף פאַלט ער דאָך אַמ׳ענדע, און ער ווערט פאַרניכטעט. דאַן פיהלען זיך די צדיקים, די גערעכטע, באַשיצט און זיכער . . .

ט

ויען ד׳ את איוב מן הסערה (ל״ח א׳)

רבינא בר׳ סיסי זאָגט: טיילמאָל איז דער הימעל און די ערד צו קליין צו דערהאַלטען אין זיך דעם כבוד פון השי״ת און טיילמאָל טהוט גאָט ריידען מיט׳ן מענש דורך די האָר פון דעם מענש׳ס קאָפּ, ווי עס שטעהט: ויען ד׳ את איוב מן הסערה — „מבין שערות ראשו״, גאָט האָט גערעדט צו איוב דורך די האָר פון זיין קאָפּ.

(מדרש רבה)

דער מענש קאָן זעהן דאָס גרויסקייט פון השי״ת דורך הימעל און ערד, דורך די נאַטור קאָן מען זעהן „מה רבו מעשיך ד׳״. עס טרעפט אויך אַז די ערקענטניש פון גאָט קומט צום מענש דירעקט, אוממיטעלבאַר, פון זיך אַליין: מבין שערות ראשו... ומבשרי אחזה...

י

רבי מאיר, ווען ער האָט געענדיגט לערנען דעם ספר איוב, האָט ער געזאָגט: „סוף אדם למות״ — דער סוף פון יעדען מענש איז צו שטאַרבען. „וסוף בהמה לשחיטה״ — דער סוף פון דער בהמה איז שחיטה. „והכל למיתה עומדים״ — און אַלע שטעהן צום טויט. גליקליך איז דער מענש וועלכער באַמיהט זיך אין דער תורה און טהוט אַ נחת־רוח צום באַשאַפער. ער איז גרויס מיט אַ גוטען נאָמען און ער ווערט נפטר בשם טוב.

(ברכות י״ז)

דער ספר איוב לערענט אונז, אַז ווען דער מענש קוקט אויפ׳ן לעבען פון אַ מאַטעריעלען שטאַנדפונקט ברענגט עס איהם צו טרויעריגע, פעסעמיס־טישע געדאַנקען. ווען אָבער דער מענש קוקט אויפ׳ן לעבען פון גייסטיגען שטאַנדפונקט, ווען דער מענש לעבט אַ ריין גייסטיג לעבען און טהוט גוטע מעשים ברענגט איהם דאָס לעבען פיעל גליק און צופרידענהייט...

דניאל

א

וידברו הכשדים למלך ארמית (ב׳ ד׳)

רבי שמואל בר׳ נחמני זאָגט: „אל תהי לשון ארמית קל בעינך״ — דאָס לשון ארמית זאָל נישט געהאַלטען ווערען ביליג, לייכט, ווייל השי״ת האָט אָבגעגעבען כבוד צו דער אַראַמישער שפּראַך און האָט איהר אַריינגעשטעלט אין דער תורה, אויך אין נביאים וכתובים. אין דער תורה געפינען זיך די אַראַמישע ווערטער „יגר שהדותא״ (בראשית ל״א). אין די נביאים — „כדנא תאמרון (ירמי׳ י׳). אין כתובים — „וידברו הכשדים למלך ארמית״.

(מדרש רבה)

יעדע שפּראַך איז וויכטיג, אַזוי לאַנג ווי זי ווערט באַנוצט דורך איהר צו פאַרשטעהן די תורה . . .

ב

ומילתא די מלכא שאל יקירה ואחרן לא איתי די יחונה (ב׳ י״א)

ווען נבוכדנצר האָט פאַרלאַנגט פון זיינע חכמים זיי זאָלען איהם פותר זיין זיין חלום האָבען זיי איהם געענטפערט: צו באַשיידען דיין חלום דאַרף מען זיין אַ נביא און קיין נביא איז היינט נישטאָ. ווען עס וואָלט דאָ געווען איינער פון אהרן הכהנ׳ס קינדער וואָלט ער אָנגעטהון דעם „אורים ותומים״ און ער וואָלט דיר דעם חלום ריכטיג באַשייד. דאַן האָט נביכדנצר אויסגעריפען מיט כעס צו זיינע חכמים: „דער בית המקדש איז געווען אַזוי וויכטיג און איהר האָט מיר געגעבען אַן עצה חרוב צו מאַכען דעם בית המקדש״, און נבוכדנצר האָט געוואָלט פאַרניכטען אַלע זיינע חכמים. דניאל האָט דאַן געבעטען רחמים ביי גאָט אַז ער, דניאל, זאָל נישט ווערען פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די אַנדערע חכמים, ווי עס שטעהט: „ורחמין למבעא מן קדם אלה שמיא וגו׳ די לא יהובדין דניאל וחברויהו עם שאר חכימי בבל״.

(מדרש תנחומא)

די צושטערונג פונ׳ם צענטער פון תורה און אמונה, די צושטערונג פונ׳ם בית המקדש, האָט געבערענגט פינסטערניש איבער די וועלט. גאָט׳ס וואָרט, די נבואה, האָט אויפגעהערט און דאָס האָט געפיהרט צו רשעות און צושטערונגען פון דער מענשהייט. אַמ׳ענדע וועלען די צושטערער פאַרניכטעט ווערען, און אין דעם טאָג פון נקמה, וועלען אויך די צדיקים דאַרפען בעטען רחמים אַז זיי זאָלען נישט ליידען צוזאַמען מיט די רשעים . . .

ג

ענא ואמר הא אנא חזה גוברין ארבעה מהלכין בגו נורא וחבל לא איתי בהון (ג׳ כ״ה)

ווען חנניה, מישאל און עזרי׳ זענען אַרויס אומבאַשעדיגט פון דעם ברענענדיגען קאַלך־אויווען האָט דאַן די גאַנצע וועלט פאַרגעוואָרפען די אידען און געזאָגט צו זיי: „איהר, אידען, האָט אַזאַ גרויסען גאָט און איהר בוקט זיך צום צלם פון נבוכדנצר״? די אידען האָבען דאַן פאַרשעהמט געזאָגט: „לך ד׳ הצדקה ולנו בושת הפנים״ (דניאל ט׳).

(סנהדרין צ״ב)

גרויס וועט זיין די בושה פון די וועלכע קאָנען נישט ביישטעהן דעם נסיון פון גלות און גיבען זיך איבער מיט זייער דיענסט צו פאַרשיעדענע עבודה־זרות דורך פאַרלירען זייער בטחון אין אלהי ישראל . . .

ד

דער תלמוד פרעגט: וואוהין זענען חנניה, מישאל ועזרי׳ אַוועק נאָך דעם גרויסען נס, ווען זיי זענען אַרויס גאַנץ פונ׳ם קאַלך־אויווען? רב זאָגט: זיי זענען געשטאָרבען פון אַ „עין הרע״. שמואל זאָגט: „ברוק טבעו״ — זיי זענען דערטרונקען געוואָרען אין שפייעכטץ. רבי יוחנן זאָגט: זיי האָבען עולה געווען קיין ארץ ישראל, האָבען דאָרט חתונה געהאַט און געבוירען קינדער. אויך דניאל איז אַוועק פון דאָרט. ער, דניאל, האָט נישט געוואָלט מען זאָל מאַכען פון איהם אַן עבודה־זרה און ער האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדעל. אַנדערע זאָגען: ער האָט זיך פאַרנומען מיט גראָבען אַ טייך אין טבריא.

(סנהדרין צ״ב)

לויט רב: האָט זיי געשאַדעט דאָס באַוואונדערען פון דער וועלט אויף זייער גרויסקייט און זיי זענען אַראָבגעפאַלען פון זייער מדרגה — „בעין הרע מתו". לויט שמואל: זענען זיי דערטרונקען געוואָרען אין דעם שפּייעכטץ וואָס זיי האָבען געלאָזען זייער דור אַזוי נידעריג פאַלען.

דער מענש, וואָס פאַר אַ נסים עס זאָל מיט איהם נישט געשעהן, דאַרף ער זיך נישט האַלטען גרויס, ער טאָר זיך נישט לאָזען פאַרגעטערען. דעריבער האָבען זיי נאָך דעם נס פאַרלאָזען דאָס אָרט און איבערגעגעבען זיך צו פּשוט'ע מענשליכע זאַכען, האָבען חתונה געהאַט און געבוירען קינדער... דאָס זעלבע האָט אויך געטהון דניאל. ער איז אַוועק און זיך גענומען צו האַנדעל און גראָבען אַ טייך...

ה

וארו עם ענני שמיא כבר אנש אתה (ז׳ י״ג)

דער תלמוד פרעגט: דאָ שטעהט „וארו עם ענני שמיא", משיח וועט קומען ווי „אַ לייב מיט די וואָלקענס פון הימעל" און אויף אַן אַנדער אָרט שטעהט: „עני ורוכב על חמור" (זכרי׳ ט׳), ער וועט קומען „אַ אָרימאַן און רייטען אויף אַן אייזעל"? און דער תלמוד ענטפערט: „זכו, וארו עם ענני שמיא" — ווען אידען וועלען ווערטה זיין וועט ער קומען ווי „אַ לייב מיט די וואָלקענס פון הימעל". ווען אידען וועלען, אָבער, נישט זוכה זיין דאַן וועט משיח קומען „עני ורוכב על חמור" — אַ אָרימאַן און וועט רייטען אויף אַן אייזעל.

(סנהדרין צ״ח)

ווען אידען וועלען ווערטה זיין וועט משיח קומען שלא כדרך הטבע, איבערנאַטירליך, מיט שטורם ווי אַ לייב מיט די וואָלקענס פון הימעל. ווען, אָבער, אידען וועלען חלילה נישט ווערטה זיין וועט אויך משיח קומען, נאָר די גאולה וועט דאַן קומען בדרך הטבע, לאַנגזאַם, אין איהר צייט, ווי אַ אייזעל וואָס געהט לאַנגזאַם מיט לאַנגזאַמע טריט...

ו

דער תלמוד דערצעהלט: שבור מלכא האָט געזאָגט צו שמואל: „איהר זאָגט אַז משיח וועט קומען אויף אַ אייזעל, „עני ורוכב על חמור". איך בין גרייט איהם צו שיקען איינעם פון מיינע גלענצענדע פערד". שמואל האָט איהם

דערויף געענטפערט: האָסטו דען אַ פערד וואָס האָט פאַרשיידענע קאָלירען? (בר חיור גונא).

(סנהדרין שם)

שבור מלכא האָט, ווי פיעל אַנדערע, געפרעגט שמואל: פאַרוואָס זאָלען אידען וואַרטען אַזוי לאַנג אויף זייער גאולה, אויף דעם „עני ורוכב על חמור", אויף דעם אייזעל וואָס געהט אַזוי לאַנגזאַם, זאָלען זיך אידען אַסימילירען צווישען די פעלקער ועט דאַן זייער גאולה קומען שנעלער, ווי אויף אַ גלענצענד פערד. און דער ענטפער פון שמואל איז געווען: „האָסטו דען אַ פערד פון פאַרשיידענע קאָלירען". ווייל ווען אַ פאָלק אַסימילירט זיך מוז ער אָננעמען פאַרשיידענע קאָלירען, מוז זיך צופּאַסען צו אַלע אומשטענדען און דערביי פאַרלירען זיין אייגענעם קאָליר. עס איז דעריבער בעסער פאַר איהם צו וואַרטען אויף זיין אייגענער גאולה . . .

ז

וראיתי אני דניאל לבדי את המראה והאנשים אשר היו עמו לא ראו וגו' אבל חרדה גדולה נפלה עליהם (י' ז')

דער תלמוד זאָגט: די מענשען וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט דניאל זענען געווען חגי, זכרי' און מלאכי. זיי, חגי, זכרי' און מלאכי, זענען געווען גרעסער ווי דניאל, ווייל זיי זענען געווען נביאים און דניאל איז נישט געווען קיין נביא. דניאל, אָבער, איז געווען גרעסער פון זיי, מיט דעם, וואָס ער האָט געזעהן די מראה, ווען זיי האָבען נישט געזעהן. אויב זיי האָבען די מראה נישט געזעהן, פאַרוואָס דען האָבען זיי זיך אַזוי דערשראָקען? ווייל, ענטפערט דער תלמוד, כאָטש זיי האָבען נישט געזעהן די מראה, זייער מזל האָט אָבער יאָ געזעהן. רבינא זאָגט דערויף: ווען אַ מענש ווערט פלוצלינג באַפאַלען פון אַ אומזעהבאַרע שרעק איז עס דערפאַר, ווייל כאָטש ער זעהט גאָרנישט, זיין מזל זעהט אָבער יאָ, און פון דעם קומט זיין שרעק.

(מגלה ג')

„הוא לא חזי אבל מזליה חזי" — דער מענש זעהט נישט אָבער זיין מזל זעהט. דער מענש, אויסער זיין באַוואוסטזיין, באַזיצט אויך אַ אונטער־באַוואוסטזיין און מיט זיין אונטער־באַוואוסטזיין דערפיהלט ער זאַכען וועלכע ער זעהט נישט און דאָך שרעקט עס איהם. פון די דאָזיגע לעצטע מאָדערנע ערפינדונג, ווייזט אויס, האָבען די חכמי התלמוד שוין לאַנג געוואוסט . . .

עזרא

א

הוא עזרא עלה מבבל (ז׳ ו׳)

רבי יוסי זאָגט: עזרא איז געווען ראוי אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען דורך איהם ווען משה וואָלט נישט געווען פריהער פאַר איהם. ביי משה׳ן שטעהט: „ומשה עלה אל האלהים" (שמות י״ט) און ביי עזרא שטעהט: „הוא עזרא עלה מבבל" און אַזוי ווי די עליה וואָס שטעהט ביי משה׳ן איז געווען צוליעב נעמען די תורה אַזוי אויך די עליה פון עזרא איז געווען צוליעב די תורה. ביי משה׳ן שטעהט: „ואותי צוה ד׳ בעת ההיא ללמד אתכם חקים ומשפטים" (דברים ד׳) און ביי עזרא שטעהט: „כי עזרא הכין לבבו לדרוש את תורת ד׳ ולעשות וללמד בישראל חק ומשפט".

(סנהדרין כ״ב)

תורה און גאולה געהן צוזאַמען. אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין קיין גאולה אָהן תורה אַזוי אויך קאָן נישט זיין תורה אָהן גאולה. אין גלות קאָן די תורה נישט מקוים ווערען בשלימות. דעריבער איז די תורה געגעבען געוואָרען דורך משה׳ן און איז אויך ראוי געווען געגעבען צו ווערען דורך דעם גואל — עזרא . . .

ב

לרומם את בית אלהינו ולהעמיד חורבותיו (ט׳ ט׳)

די חז״ל זאָגען דערויף: יעדע שטאָדט אין וועלכע די דעכער פון די אַנדערע הייזער זענען העכער ווי דער דאַך פון דער שוהל, איז דער סוף פון דער דאָזיגער שטאָדט חרוב צו ווערען, ווי עס שטעהט: „לרומם את בית אלהינו ולהעמיד חורבותיו".

(שבת י״א)

די שוהל דאַרף זיך אַרויסזעהן העכער ווי די אַנדערע הייזער פון שטאָדט. דאָס גייסטיגע לעבען דאַרף שטענדיג ביי אידען שטעהן העכער ווי דאָס

מאַטעריעלע. נאָר די קהלה וועלכע האַלט זיך אין דעם דאָזיגען פּרינציפּ האָט אַ קיום און ווערט נישט חרוב . . .

ג

ויען שכניה בן יחיאל מבני עילם וגו׳ אנחנו מעלנו (י׳ ב׳)

דער תלמוד דערצעהלט: ר׳ שמעון בן גמליאל האָט איינגעלאַדען צו זיך זיעבען פּערזאָן כדי צוזאַמען מיט זיי מעבר זיין דאָס יאָהר. ווען זיי האָבען זיך פאַרזאַמעלט האָט ר׳ שמעון באַמערקט אַז עס זענען דאָ אַכט פּערזאָן אין חדר. ר׳ שמעון בן גמליאל האָט דאַן אויסגערופען: „ווער עס איז געקומען נישט איינגעלאַדענערהייט זאָל פאַרלאָזען דאָס פּלאַץ״. ווייל די וועלכע נעמען אַנטייל אין מעבר זיין דאָס יאָהר מוזען אַלע זיין איינגעלאַדענע, פאַרגעבּרייט דערצו. דאַן איז אויפגעשטאַנען שמואל הקטן און איז אַרויסגעגאַנגען. ער, שמואל הקטן, איז גראַדע יאָ געווען פון די איינגעלאַדענע, נאָר ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעהמען דעם וועלכער איז נישט געווען איינגעלאַדען. רבי האָט איינמאָל ביים לערנען מיט זיינע תלמידים דערפיהלט אַ ריח פון קנאָבעל און האָט אויסגערופען ווער עס האָט געגעסען קנאָבעל זאָל אַרויסגעהן. איז אויפגעשטאַנען רבי חייא און איז אַרויס. נישט ווייל ער האָט געגעסען קנאָבעל נאָר כדי נישט צו פאַרשעהמען אַן אַנדערען. דער תלמוד דערצעהלט אויך: אַ פרוי איז געקומען אין בית המדרש פון רבי מאיר און זי האָט געזאָגט: „איינער פון אייך האָט מיר מקדש געווען״. רבי מאיר איז באַלד אויפגעשטאַנען און איהר געגעבען אַ גט. דאַן זענען אַלע תלמידים אויפגעשטאַנען און יעדער האָט איהר געגעבען אַ גט, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסען ווער עס איז געווען דער וואָס האָט איהר מקדש געווען. דער תלמוד זאָגט דערויף: רבי מאיר האָט עס געלערענט פון שמואל הקטן און שמואל הקטן האָט עס געלערנט פון שכניה בן יחיאל, וועלכער האָט געזאָגט „אנחנו מעלנו״ כדי קיינער זאָל נישט פאַרשעהמט ווערען.

(סנהדרין י״א)

ביי יעדען מענש דאַרף זיין טייער דער כבוד פון צווייטען. מען דאַרף פאַרהיטען אַז דער חבר זאָל נישט פאַרשעהמט ווערען אפילו ווען נישט דורך איהם דירעקט. דער אידישער אידעאַל איז „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך״ . . .

נחמיה

א

זכרה לי אלהי לטובה (ה׳ י״ט)

דער תלמוד זאָגט: דאָס ספר עזרא איז געשאַפען געוואָרען ביי נחמיה׳ן, דאָך איז דאָס ספר נישט געוואָרען אָנגערופען אויפ׳ן נאָמען פון נחמיה, ווייל, זאָגט דער תלמוד, נחמיה האָט זיך געהאַלטען גרויס מיט זיינע מעשים. ער האָט געזאָגט: זכרה לי אלהי לטובה. ר׳ יוסף זאָגט: דאָס ספר איז דעריבער נישט געוואָרען גערופען אויפ׳ן נאָמען פון נחמיה, ווייל ער, נחמיה, האָט קריטיקירט און גערעדט שלעכטס אויף די וועלכע זענען געווען פריהער פאַר איהם, ווי עס שטעהט: „והפחות הראשונים אשר היו לפני הכבידו על העם״.

(סנהדרין צ״ג)

ווען אַ מענש טהוט די גרעסטע זאַכען דאַרף ער זיך נישט גרויס האַלטען דערמיט און דאָס שטעלען אויף זיין אייגענעם חשבון. ער דאַרף דאָס שטעלען אויף דעם חשבון פון דעם כח און הילף פון השי״ת. מען דאַרף אויך קיינמאָל נישט גרינגשעצען די אַרבייט פון די פריהערדיגע וועלכע זענען געווען פאַר איהם . . .

ב

ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: פאַרוואָס זענען די „אנשי כנסת הגדולה״ אָנגערופען מיט דעם נאָמען „כנסת הגדולה״, ווייל זיי האָבען צוריקגעשטעלט גאָט׳ס קרוין אין איהר געהעריגען אָרט. משה רבינו האָט געקרוינט גאָט מיט דעם נאָמען „הגדול הגבור והנורא״, איז געקומען ירמיהו און האָט געזאָגט: „ווען מיר זעהן ווי די אומות־העולם טהון אַרומטאַנצען אין גאָט׳ס היכל, טאָ וואו איז זיין פורכטיגקייט״? און ער האָט דעריבער נישט געזאָגט „הנורא״. דאַן איז געקומען דניאל און געפרעגט: די קינדער פון השי״ת, די אידען, זענען פאַרשקלאַפט ביי די אומות, טאָ וואו איז זיין גבורה״? און ער האָט דעריבער נישט געזאָגט „הגבור״. ווען אָבער עס זענען געקומען די „אנשי כנסת הגדולה״ האָבען זיי געזאָגט: ווען מיר זעהן ווי די אידען עקזיסטירען דאָך צווישען די פיעל אומות, איין שעפס צווישען זיעבציג וועלף, דערין

זעהט מען די „גבורות און נוראות" פון השי"ת, און זיי האָבען צוריק געזאָגט „הגבור והנורא".

(יומא ס"ט)

וואָס לענגער דער גלות און זיינע ליידען און דאָך עקזיסטירט אַ אידיש פאָלק איז עס אַ באַווייז אַז נאָר די גבורה און פורכטיגקייט פון השי"ת באַשיצט דאָס אידישע פאָלק . . .

ג

ויעשו כל הקהל וגו׳ כי לא עשו מימי ישוע בן נון (ח׳ י"ז)

דאָ שטעהט ישוע חסר, אָהן אַ „ה". דער ירושלמי זאָגט דערויף: „דער פסוק האָט געמינערט דעם כבוד פון צדיק יהושיע אין קבר און האָט געשריבען ישוע חסר אָהן אַ „ה" צוליעב דעם כבוד פון צדיק עזרא אין זיין צייט".

(ירושלמי שבועות)

מען דאַרף אָבגעבען דעם געהעריגען כבוד דעם מנהיג און פיהרער פון זיין צייט. ליידער זענען מענשען געוואוינט צו פאַרקלענערען דעם כבוד פון מנהיג אין זייער צייט דורך דעם לויבען און פאַרגרעסערען דעם כבוד פון די מנהיגים וועלכע לעבען שוין נישט מעהר . . .

ד

ומצאת את לבבו נאמן לפניך (ט׳ ח׳)

ר׳ סימון זאָגט: דריי מציאות האָט הקב"ה געפונען אין דער וועלט: די ערשטע מציאה איז אברהם אבינו, ווי עס שטעהט: „ומצאת את לבבו נאמן לפניך". די צווייטע איז דוד, ווי עס שטעהט: „מצאתי דוד עבדי (תהלים פ"ט). די דריטע מציאה איז ישראל, ווי עס שטעהט: „כענבים במדבר מצאתי ישראל".

(מדרש רבה)

אברהם איז געווען דער ערפינדהער פון דער אמונה אין ד׳ אחד; ישראל איז דער טרעגער און פאַרשפרייטער פון דער דאָזיגער אמונה; און דוד — דער מלך המשיח — וועט די דאָזיגע אמונה פאַרפעסטיגען און איינפונדעווען איבער דער גאַנצער וועלט . . .

דברי הימים (א)

א

אדם שת אנוש (א׳ א׳)

רב יהודה בר׳ סימון זאָגט: באַלד אין אָנהויב ווען אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען האָט איהם השי״ת געוויזען „דור דור ודורשיו, דור דור ומנהיגיו כו׳״, יעדער דור און זיינע פאָרשער, יעדער דור און זיינע חכמים, יעדער דור און זיינע שרייבער און פיהרער, ווי עס שטעהט: „גלמי ראו עיניך ועל ספרך כולם יכתבו״ (תהלים קל״ה), אַלע זענען זיי געווען אויפגעשריבען אין דעם ספר פון אדם הראשון.

(מדרש רבה)

יעדער חכם, סופר און מנהיג ווערט באַשענקט באַלד פון געבורט מיט די אייגענשאַפטען צו זיין אַ חכם און מנהיג. דער דור, אָבער, אין וועלכען ער ווערט געבוירען העלפט איהם צו דער ענטוויקלונג. יעדער דור שאַפט זיין חכם און זיין מנהיג: דור דור ודורשיו . . .

ב

אדם שת אנוש

מען האָט געפרעגט ביי אבא כהן ברדלא: „פאַרוואָס ברענגט דער פסוק נאָר די דאָזיגע דריי אדם שת אנוש און וועגען אַנדערע שוויגט דער פסוק״ און ער האָט געענטפערט: דאָס איז דערפאַר ווייל ביז אנוש האָבען די מענשען נאָך געהאַט אויף זיך דעם דמות און צלם פון מענש. שפּעטער, אָבער, זענען די דורות קאַליע געוואָרען, האָבען פאַרלוירען דעם דמות און צלם פון מענש, זיי זענען געוואָרען „פראים״ — ווילדע מענשען.

(ילקוט שמעוני)

נאָר די וועלכע לעבען ווי מענשען, שאַפען און ברענגען נוצען פאַר דער וועלט, נאָר די ווערען גערעכענט און באַשריבען אין דער היסטאָריע פון דער מענשהייט . . .

ג

נח שם חם ויפת (א׳ ג׳)

ביי נח שטעהט: „ויקרא את שמו נח לאמר זה ינחמנו מן האדמה אשר אררה ד׳״ (בראשית ו׳). רבי יוחנן זאָגט דערויף: ווען השי״ת האָט באַשאַפען דעם מענש האָט ער איהם, דעם מענש, געמאַכט הערשען איבער אַלץ. דער אָקס האָט געפאָלגט דעם אַקערער, אויך די ערד האָט געפאָלגט און זיך אונטערגעגעבען דעם אַקער. ווען אָבער אדם הראשון האָט געזינדיגט האָט השי״ת געמאַכט אַלעמען מורד זיין אין מענש. דער אָקס האָט אויפגעהערט פאָלגען דעם אַקערער און אויך דאָס פעלד האָט נישט געפאָלגט, זי האָט נישט געלאָזען זיך פאַראַקערען, ביז עס איז געקומען נח און די וועלט האָט זיך צוריק באַרוהיגט. עס איז געקומען אָרדנונג אין דער וועלט.

(ילקוט שמעוני)

דורך זינדיגע מענשען ווערט צושטערט די אָרדנונג אין דער וועלט און זי ווערט חרוב. דורך גוטע מענשען, אָבער, קומט אָרדנונג און סדר אין דער וועלט. די גוטע מענשען זענען דעריבער אַ טרייסט פאַר דער וועלט: „זה ינחמנו״ . . .

דברי הימים ב׳

א

וימים רבים לישראל ללא אלהי אמת וללא כהן מורה וללא תורה (ט״ו ג׳)

דער נביא עזרי׳ בן עודד האָט נבואות געזאָגט אַז עס וועט קומען אַזעלכע צייטען צו די אידען „ללא אלהי אמת״ — עס וועט נישט עקזיסטירען קיין דין, קיין גערעכטיגקייט. „וללא כהן מורה״ — עס וועט בטל ווערען די כהונה גדולה. „וללא תורה״ — עס וועט אויך בטל ווערען די סנהדרין ביי אידען. ווען די אידען האָבען געהערט די דאָזיגע שרעקליכע נבואה האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען. דאַן איז אַרויס אַ בת־קול פון הימעל: „ואתם חזקו ואל ירפו ידיכם״ — „שטאַרקט זיך און זאָלען אייערע הענד נישט אַבגעלאָזען ווערען״.

(מד״ר ויקרא פי״ט)

ווען מען זעהט אַ דור, וועלכער איז אַזוי נידעריג געפאַלען, אַז עס עקזיסטירט נישט מעהר קיין גערעכטיגקייט, נישט קיין תורה און נישט קיין עבודה, דאַך טאָר מען נישט ווערען געפאַלען ביי זיך און אַראָבלאָזען די הענד, נאָר מען דאַרף אַרבייטען און האָפען פאַר די צוריקשטעלונג פון גערעכטיגקייט, תורה און עבודה . . .

ב

כה אמר כורש מלך פרס (ל״ו כ״ג)

רב נחמן בר׳ רב חסדא זאָגט: עס שטעהט אין פסוק „כה אמר ד׳ למשיחו לכורש״ (ישעי׳ מ״ה). איז דען כורש געווען משיח וואָס דער פסוק זאָגט „למשיחו לכורש״? נאָר השי״ת, כביכול, האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר משיח אויף כורש׳ן. השי״ת האָט געזאָגט: „איך האָב געמיינט אַז ער, כורש אַליין, וועט אויפבויען דעם בית־המקדש און ער אַליין וועט צוזאַמענזעמען די אידען קיין ארץ ישראל און ער האָט אַזוי נישט געטהון, נאָר ער האָט געזאָגט: „מי בכם מכל עמו ד׳ אלהיו עמו ויעל״.

(מגלה י״ד)

אידען ווערען אַזוי צוגעוואָקסען צום גלות אַז זיי זענען נישט שטענדיג גרייט דעם גלות צו פאַרלאָזען סיידען מען נעמט זיי אַרויס מיט געוואַלד. כורש האָט דאָס געלאָזט צו די אידען זענען זיי נישט אַלע געגאַנגען . . .

ג

בעולם הזה, זאָגט דער מדרש, זענען אידען אויסגעלייזט געוואָרען דורך אַ בשר ודם האָט די גאולה נישט געהאַט קיין קיום און זיי זענען צוריק געקומען אין גלות. לעתיד לבוא וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען דורך השי״ת אַליין, דאַן וועט די גאולה זיין אַ אייביגע, עס וועט נאָך איהר מעהר נישט זיין קיין גלות, ווי עס שטעהט: „ופדויי ד׳ ישובון ובאו ציון ברינה ושמחת עולם על ראשם״ (ישעי׳ ל״ה). עס שטעהט אויך: „ישראל נושע בד׳ תשועת עולמים״ (שם ל״ג).

(מדרש)

כל זמן מלכות שמים איז נישט בשלימות, עס עקזיסטירט נאָך פיעל שלעכטס, קאָן אויך די גאולה נישט זיין בשלימות. לעתיד לבוא — ווען די געטליכקייט וועט אַנערקענט ווערען איבער דער וועלט — דאַן וועט די אידישע גאולה זיין אַ פאָלקאָמע און אַ אייביגע: „ישראל נושע בד׳ תשועת עולמים״ . . .

חמש מגלות

רות

א

ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ (א׳ א׳)

דער מדרש זאָגט: אומעטום וואו עס שטעהט „ויהי" איז געווען אַ צרה. דאָ שטעהט צוויי מאָל „ויהי": „ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ", ווייל עס איז דאָן געווען אַ טאָפּעלע צרה. עס איז געווען אַ הונגער אויף ברויט און אויך אַ הונגער אויף תורה. „שפוט השופטים" — זיי האָבען געמשפט די שופטים, אנשטאט דער שופט זאָל באַשטראָפען דעם זינדיגען האָט דער זינדיגער באַשטראָפט דעם שופט.

(מדרש)

ווען עס איז אַ הונגער אין לאַנד און עס הערשט אומצופריעדענהייט דאַן לאָזט מען אויס דעם כעס צום פיהרער, צום שופט. אויך ווען עס איז אַ הונגער אויף תורה און עס הערשט די עם־הארצות דאַן ווערט דער שופט געמשפט און קריטיקירט . . .

ב

וילך איש מבית לחם יהודה (א׳ א׳)

די רבנן זאָגען: מען טאָר נישט אַרויסגעהן פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ סיידען עס איז אין ארץ ישראל אַזאַ ייקרות אַז עס קאָסט צוויי „סאה" (מעסטלעך) תבואה אַ סלע, און רבי שמעון זאָגט: אפילו ווען דער פּרייז פון צוויי סאה איז אַ סלע, אויב מען באַקומט עס צו קויפען, טאָר מען נישט דאַן פאַרלאָזען ארץ ישראל. רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: אלימלך, מחלון און כליון זענען געווען גדולי־הדור. פאַרוואָס דען זענען זיי אַזוי שטרענג באַשטראָפט געוואָרען? דאָס איז דערפאַר זיי האָבען פאַרלאָזען ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין חוץ לארץ.

(מדרש)

ווען אפילו עס קומט אויס פיעל צו ליידען אין ארץ ישראל טאָר מען נישט פאַרלאָזען דאָס לאַנד און געהן קיין חוץ לארץ . . .

ג

וילך איש מבית לחם יהודה

עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דאָס אַריינקומען קיין ארץ ישראל און דאָס אַרויסגעהן פון ארץ ישראל: ביים אַריינקומען קיין ארץ ישראל דערמאָהנט דער פסוק נישט נאָר די מענשען וועלכע זענען אַהין געקומען נאָר אויך די בהמות און פאַרמעגען, ווי עס שטעהט: „סוסיהם וחמוריהם וגמליהם“ (עזרא א׳) און דאָ ביי אלימלך שטעהט: „וילך איש“ — ער אַליין איז געגאַנגען. עס ווערט נישט דערמאָהנט דאָס פאַרמעגען און אינוועגטאָר וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען.

(מדרש)

דאָס פאַרמעגען וואָס מען פיהרט מיט זיך קיין חוץ לארץ האָט קיין קיום נישט און עס איז דעריבער נישט כדאי מען זאָל עס דערמאָהנען . . .

ד

יעשה ד׳ עמכם חסד כאשר עשיתם עם המתים ועמדי (א׳ ח׳)

אין די דאָזיגע מגלה (מגלת רות) ווערט נישט געברענגט קיין דינים פון טומאה וטהרה און נישט פון איסור והיתר, צוליעב וואָס דען איז זי געשריבען געוואָרען? כדי פון איהר אַרויסצולערנען ווי גרויס עס איז דער שכר פון די וועלכע טהון גמלת־חסדים מיט מענשען.

(מדרש רבה)

דער אינהאַלט פון מגלת־רות איז פיעל מיט גמלת־חסדים. גמלת־חסד פון נעמי צו רות, חסד פון בועז צו רות, און די מגלה ענדיגט זיך מיט דעם געבורט פון דוד המלך, ווייל נאָר דורך גמלת־חסד און ליעבשאַפט פון מענש צו מענש וועט קומען משיח בן דוד . . .

ה

אל תלכי ללקוט בשדה אחר וגם לא תעבורי מזה (ב׳ ח׳)

„אל תלכי ללקוט בשדה אחר“ — זאָלסט נישט נאָכגעהן די עבודה־זרה, ווי עס שטעהט: „לא יהי׳ לך אלהים אחרים“ (שמות כ׳) „וגם לא תעבורי מזה“ — זאָלסט נישט אַוועקגעהן פון גאָט, אויף וועמען עס שטעהט: „זה אלי ואנוהו“

(שם ט״ו) „וכה תדבקון עם נערותי״ — זאָלסט זיך אויך באַהעפטען מיט צדיקים וועלכע ווערען אָנגערופען „נערים״, ווי עס שטעהט: „ותקשרנו לנערותיך״ (איוב מ׳).

(מדרש רבה)

ווען אַ מענש איז אין דער גרעסטער נויט, ווען ער געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע ווי רות האָט זיך געפונען, דאַך זאָל ער נישט אָוועקגעהן פון דער אמונה. ער זאָל האָבען בטחון אין גאָט. אויך דורך באַהעפטונג צו צדיקים קאָן ער געשטאַרקט ווערען אין דער אמונה: אל תלכי ללקוט בשדה אחר . .

ו

שם האיש אשר עשיתי עמו היום בעז (ב׳ י״ט)

עס שטעהט נישט „שם האיש אשר עשה עמי״, נאָר עס שטעהט: „שם האיש אשר עשיתי עמו״? ווייל, זאָגט דער מדרש, מעהר וויפיעל דער בעל-בית טהוט גוטס מיט׳ן אָרימאַן ווען ער גיט איהם צדקה טהוט דער אָרימאַן גוטס צום בעל־בית מיט דעם נעמען די צדקה.

(מדרש רבה)

די צדקה וואָס מען גיט צום אָרימאַן באַשטעהט פון מאַטעריעלע זאַכען וועלכע דויערען נישט לאַנג. דער שכר, אָבער, וואָס מען באַקומט פאַר צדקה איז דויערענד אוּן אייביג: „וצדקתו עומדת לעד״ (תהלים קי״א) . . .

ז

ויאמר לה בועז לעת האוכל גשי הלום (ב׳ י״ד)

דער מדרש זאָגט: דער דאָזיגער פסוק איז מרמז אויף מלך המשיח. „גשי הלום״ — עס וועט זיך דערנעהנטערען דאָס מלכות פון משיח. „הלום״ — איז מלכות, ווי עס שטעהט: „כי הביאותני עד הלום״. „וטבלת פתך בחומץ״ — דאָס זענען די יסורים פון משיח, ווי עס שטעהט: „והוא מחולל מפשעינו״ (ישעי׳ נ״ג). „ותשב מצד הקוצרים״ — די מלוכה פון משיח וועט אָוועקגענומען ווערען פאַר אַ צייט. ווי עס איז געווען מיט׳ן ערשטען גואל אַזוי וועט זיין מיט דעם לעצטען גואל: משה איז פריהער נתגלה געוואָרען און דערנאָך איז ער פאַר־הוילען געוואָרען פאַר דריי חדשים, אַזוי אויך דער לעצטער גואל — משיח וועט נתגלה ווערען און צוריק פאַרהוילען ווערען. „ויצבט לה קלי״ — ענדליך

וועט ער ווידער נתגלה ווערן, ווי עס שטעהט: „והכה ארץ בשבט פיו" (ישעי' מ"א).

(מדרש רבה)

דוד, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון בועז און רות, איז געקומען דורך פיין, אָרימקייט און יסורים. אַזוי וועט אויך דאָס קומען פון משיח זיין דורך יסורים, חבלי משיח. ווען מען זעהט שוין די התחלתא דגאולה, קאָן אויך דאַן די גאולה פאַרהוילען ווערן פאַר אַ צייט. אין יענער צייט דאַרף מען זיך שטאַרקען אין דער אמונה. אויף די דאָזיגע טעג שטעהט: „אשרי המחכה ויגיע" (דניאל י"ב).

איכה

א

איכה ישבה בדד (א׳ א׳).

ווען די תלמידים האָבען געבעטען זייער רבי בן עזאי אַז ער זאָל זיי דרשנ׳ן פון מגלת קינות האָט בן עזאי געזאָגט: די אידען זענען פאַרטריבען געוואָרען אין גלות ווייל זיי האָבן געלייקענט אין אחד, אין איינציגען גאָט. זיי האָבען אויך געלייקענט אין די עשרת הדברות, אין מצות מילה וועלכע איז געגעבען געוואָרען צו אברהם נאָך צוואַנציג דורות, און אין די חמשה חומשי תורה און דאָס איז מרומז אין „איכה": א׳ — אחד, י׳ — עשרת הדברות, כ׳ — מצות מילה, ה׳ — חמשה חומשי תורה.

(מדרש רבה)

אידען קאָנען נאָר דאַן עקזיסטירען ווען זיי האַלטען זיך ביי זייער אמונה, לערנען און היטען די תורה . . .

ב

איכה ישבה בדד העיר רבתי עם רבתי בגוים

„רבתי בגוים" — ווען אַ איד פון ירושלים איז געקומען אין וועלכע אַנדערע מדינה האָט מען גלייך פאַר איהם אויפגעשטעלט אַ קתדרא, אַ פולפיט, פון וואַנען ער, דער איד, זאָל לאָזען הערען זיין חכמה. „רבתי עם" — ירושלים, זאָגט דער מדרש, איז געווען אַ שטאָדט וואָס איהר פאָלק זענען געוואָרען „רבנים" צו זייערע בעלי-בתים אין גלות.

(מדרש רבה)

פיעל פון דער געטליכער חכמה וואָס אידען האָבען איינגע׳ירשה׳נט אין ארץ ישראל האָבען זיי דערנאָך איבערגעגעבען צו זייערע נישט-אידישע בעלי-בתים אין גלות, אַזוי אַז זיי זענען ווירקליך געוואָרען זייערע „רבנים" — „רבתי עם" . . .

ג

היתה כאלמנה (א׳ א׳)

עס שטעהט נישט „היתה אלמנה" נאָר „כאלמנה". דאָס אידישע פאָלק אין גלות איז אַזוי ווי אַן אלמנה, אָבער נישט קיין ריכטיגע אלמנה וועלכע איהר מאַן איז געשטאָרבען און ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען צו איהר. „כאלמנה" — זי איז ווי אַ פרוי וועלכע איהר מאַן איז פון איהר אַוועק נאָר פאַר אַ צייט און ער וועט ענדליך צוריקקומען. זי קאָן דעריבער נישט חתונה האָבען מיט אַן אַנדערען און זי האָט נישט ביי וועמען צו מאָהנען איהרע מזונות.

(מדרש רבה)

וויפיעל אידען זאָלען נישט לײדען אין גלות, דאָך קאָנען זיי זיך נישט אָבזאָגען פון גאָט און איבערגעבען זיך צו אַנדערע, צו אַסימילירען זיך . . .

ד

בכה תבכה בלילה (א׳ ב׳)

„בכה תבכה" — אַ טאָפּעל געוויין, ווייל ווען אידען וויינען וויינט מיט זיי אויך „כביכול", ווי עס שטעהט: „ויקרא ד׳ אלקים צבאות ביום ההוא לבכי" (ישעי׳ כ״ג). אויך די מלאכים אין הימעל וויינען מיט זיי, ווי עס שטעהט: „הן אראלם צעקו וגו׳ ומלאכי שלום מר יבכיון" (שם ל״ג). ווען אידען וויינען וויינט מיט זיי מיט הימעל און ערד, די זון און די לבנה, אויך די שבעים אומות וויינען מיט זיי, ווייל אין בית־המקדש האָבען אידען מקריב געווען שבעים פרים פאַר דעם שלום פון די שבעים אומות.

(ילקוט)

דורך די לײדען פון די אידען אין גלות לײדט אויך דער כבוד ד׳, כביכול. אויך די וועלט קאָן נישט געפינען קיין רוה און אַלע שבעים אומות לײדען דערפון . . .

ה

היו צריה לראש (א׳ ה׳)

יעדער איינער וועלכער פאַרפאָלגט און טהוט אַן צרות צו די אידען ווערט ער אַ ראש, אַ פיהרער, ווי עס שטעהט: „היו צריה לראש". די שטאָדט קסרין

(אַ קאַפּיטעל שטאָדט פון די רוימער) האָט פריהער קיין חשיבות נישט געהאַט, נאָר ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען איז קסרין געוואָרען אַ הויפּט-שטאָדט (מטריפּולין) און האָט באַקומען אַ טאָפּעלטע חשיבות.

(מדרש איכה)

יעדער שונא ישראל וואָס וויל דערגרייכען אַ קאַריערע און ווערען אַ פיהרער קאָן עס לייכט דערגרייכען דורך פּרעדיגען האַס און שנאה צו די אידען. אַזוי איז עס געווען און איז עס אויך היינט — „היו צריה לראש“ . . .

ו

עולליה הלכו שבי לפני צר (א׳ ה׳)

ר׳ יהודה זאָגט: מען קאָן זעהן ווי די אידישע קינדער זענען געליעבט ביי השי״ת: ווען די סנהדרין זענען פאַרטריבען געוואָרען איז די שכינה נישט אַוועק מיט זיי. אויך ווען די משמרות זענען פאַרטריבען געוואָרען און די עבודה איז בטל געוואָרען איז אַלץ די שכינה נישט אַוועק. נאָר ווען די תינוקת של בית רבן, די אידישע קינדער, זענען פאַרטריבען געוואָרען, דאַן איז אויך די שכינה מיטגעגאַנגען מיט זיי אין גלות, ווי עס שטעהט: „עולליה הלכו שבי לפני צר“, און עס שטעהט באַלד דערנאָך „ויצא מן בת ציון כל הדרה“.

(מדרש רבה)

דער קיום פון אידישען פאָלק באַשטעהט אין דעם צוקונפטיגען דור, אין די יוגענד. ווען די שכינה רוהט צווישען די אידישע קינדער, דאַן איז די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק געזיכערט . . .

ז

אם יש מכאוב כמכאובי (א׳ י״ב)

דער מדרש זאָגט: די אידען האָבען געזינדיגט מיט דעם וואָרט „יש“. זיי האָבען געזאָגט: „היש ד׳ בקרבנו“, זיי האָבען געפרעגט: „איז גאָט דאָ צווישען אונז“? זיי זענען אויך געשלאָגען געוואָרען מיט דעם וואָרט „יש“. זיי האָבען געזאָגט: „היש מכאוב כמכאובי“ — איז דאָ אַזאַ וועהטאָג ווי מיינע? די אידען זענען אויך געטרייסט געוואָרען מיט דעם וואָרט „יש“ — להנחיל אוהבי יש“ (משלי ח׳).

(מדרש איכה)

ווען אידען הערען אויף צו גלויבען אין דער השגחה, אין דער געטליכער הנהגה, נאָר גלויבען אין דרך הטבע, זיי זאָגען „היש ד׳ בקרבנו״, דאַן ווערען זיי געשטראָפט שלא כדרך הטבע, זייערע ליידען זענען אומנאַטירליך, קיין פאָלק ווערט נישט אַזוי שטרענג געשטראָפט. נאָר ווען זיי אָנערקענען אַז זייער שטראָף איז שלא כדרך הטבע און זי קומט פון דער השגחה, קעהרען זיי זיך אום צוריק צו גאָט און זיי ווערען דאַן געטרייסט מיט דער געטליכער ברכה, מיט אַ ברכה שלא כדרך הטבע — „להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא״...

ח

השביעני במרורים הרוני לענה (ג׳ ט״ו)

„השביעני במרורים״ — האָסט מיר אָנגעזעטיגט מיט מרור — מיינט מען די נאַכט פון פסח, ווען מען עסט מרור, ווי עס שטעהט: „על מצות ומרורים יאכליהו״ (שמות י״ב). „הרוני לענה״ — האָסט מיר געמאַכט זאַט מיט ביטערע קרייטעכצער — איז מרומז אויף די נאַכט פון תשעה באב. די זעלבע נאַכט ווען עס פאַלט אויס פסח פאַלט אויך אויס תשעה באב.

(מדרש איכה)

די נאַכט פון פסח איז די נאַכט פון גאולה. די נאַכט פון תשעה באב איז די נאַכט פון חורבן. אין דער זעלבער צייט ווען מען טרויערט אויפ׳ן חורבן דאַרף מען נישט פאַרצווייפלען נאָר האָפען צו דער גאולה. אין תשעה באב, זאָגט דער מדרש, ווערט געבוירען משיח...

ט

חדשים לבקרים רבה אמונתך (ג׳ כ״ג)

ר׳ שמעון בר׳ אבא זאָגט: „חדשים לבקרים״ — דאָס וואָס נאָך יעדער פינסטערע נאַכט אין גלות שיינט אויף נייע מאָרגענס פאַר די אידען — „רבה אמונתך״ — דאָס שטאַרקט און פאַרגרעסערט אונזער אמונה אַז ענדליך וועלען מיר ווערען אויסגעלייזט פון גלות.

(מדרש איכה)

דאָס אידישע פאָלק קאָן נישט אונטערגעהן. נאָך יעדע שלעכטע און פינסטערע תקופה אין גלות, קומט ווידער אָן ערוואַכונג, אַ באַנייאונג, עס שיינט ווידער אויף אַ נייער מאָרגען אַזוי אַז דער נצח ישראל און זיין גאולה איז געזיכערט...

י

השיב אחור ימינו (ב׳ ג׳)

דער מדרש ברענגט: ווען די שונאים זענען אריינגעקומען אין ירושלים האבען זיי געגומען די אידישע גבורים און זיי געבונדען די הענד פון אונטען. דאן האט השי״ת געזאגט: „עמו אנכי בצרה״ — איך בין מיט זיי אין זייער צרה, און אויך כביכול האט ארונטערגענומען זיין רעכטע האנד, ווי עס שטעהט: „השיב אחור ימינו״ — און ער וועט איהר נאר דאן באפרייען ווען די אידען וועלען באפרייט ווערען. דאס האט אויך השי״ת מגלה געווען צו דניאל: „ואתה לך לקץ הימין״ (דניאל י״ב) ״עס וועט קומען דער קץ, די גאולה, צו דער רעכטער האנד״, און ווי עס שטעהט: „למען יחלצון ידידיך הושיעה ימינך״ (תהלים מ׳).

(מדרש איכה)

די רעכטע האנד איז דער סימבאל פון שטארקייט, פון קראפט. אין גלות איז די אידישע פיזישע קראפט אבגעשוואכט. אויך די געטליכע קראפט איז פארבארגען. ווען עס וועט קומען די גאולה וועט דאס אידישע פאלק צוריק באקומען איהר פיזישע און אויך גייסטיגע קראפט. עס וועט נתגלה ווערען דער כח ד׳ . . .

יא

ראיתה ד׳ עותתי שפטה משפטי (ג׳ נ״ט)

דער מדרש ברענגט: א איד האט זיך באגעגענט מיט אדרינוס און האט איהם באגריסט. אדרינוס האט איהם געפרעגט: „ווער ביזטו״? און ווען ער האט געענטפערט אז ער איז א איד, האט אדרינוס געזאגט מיט צארן: „עס איז א חוצפה פון א איד צו באגריסען אדרינוס״, און האט באפוילען איהם הרג׳ענען. ווען א צווייטער איד האט באגעגענט אדרינוס, און וויל ער האט געזעהן וואס עס איז געשעהן צום ערשטען, איז ער איהם פארבייגעגאנגען און איהם נישט באגריסט. אדרינוס האט איהם אבגעשטעלט און געפרעגט: „ווער ביזטו״? און ווען ער האט געזאגט אז ער איז א איד, האט אדרינוס אויסגערופען מיט כעס: „א איד זאל פארבייגעהן אדרינוס און איהם ניט באגריסען״? און האט באפוילען איהם צו הרג׳ענען. ווען די יועצים פון אדרינוס האבען איהם געפרעגט: „ווען א איד באגריסט דיר הייסטו איהם הרג׳ענען און ווען ער באגריסט דיר נישט הייסטו איהם אויך הרג׳ענען?

האַט אדרינוס געענטפערט: „אַזוי צי אַזוי, אַבי איך געפין אַ תירוץ צו הרג׳ענען די אידען״.

(מדרש איכה)

אַזוי איז דער גורל פון אידען אין גלות. דער איד איז קיינמאָל נישט יוצא פאַר זיינע שונאים: דערנעהנטערט ער זיך צו זיי, שרייט מען, דער איד האָט צופיעל העזה, ער שטופט זיך צופיעל אין די הויכע ערטער. ווען ער דערווייטערט זיך און זונדערט זיך אָב, זאָגען זיי, אַז דער איד זאָרגט נאָר פאַר זיך און נישט פאַר אַנדערע. אַזוי אַז זיי געפינען שטענדיג אַ תירוץ צו פאַרפאָלגען דעם איד . . .

אסתר

א

ויהי בימי אחשורוש הוא אחשורוש (א׳ א׳)

דער מדרש זאָגט דערויף: „הוא אחשורוש״, דאָס איז אחשורוש, וואָס אין זיין צייט איז מקוים געוואָרען „והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות ואין קונה״ (ויקרא י״ט). אין דער צייט פון אחשורוש זענען די אידען געגליכען געווען צו אַ טויב וועלכע איז געשטאַנען ביי דער טיר פון איהר נעסט און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. זי האָט נישט געקאָנט אַריין אינווייניג אין דער נעסט, ווייל דאָרט איז געווען אַ שלאַנג. אַרויסגעהן האָט זי אויך נישט געקאָנט, ווייל אין דרויסען איז געווען דער נץ, דער שפּארבער, וועלכער האָט געוואַרט איהר צו פאַרצוקען. דאָס זעלבע האָבען די אידען דאַן געזאָגט: „זאָלען מיר אַנטלויפען אין די ווייטע מדינות? האָט שוין די גזרה פון המן להשמיד להרוג ולאבד זיך פאַרשפּרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט. זאָלען מיר בלייבען אין שושן הבירה? זענען מיר אין די הענד פון המן הרשע״, און עס איז דאַן מקוים געוואָרען: „והיו חייך תלוים לך מנגד״ (דברים כ״ה).

(מדרש רבה)

דאָס אידישע פאָלק טאָר קיינמאָל נישט פאַרצווייפלען. ווען אַלע וועגען פון הילף זענען פאַרשפאַרט, ווען מען זעהט נישט קיין וועג פון רעטונג, ווי אין די צייטען פון המן, דאַן געשעהט דער נס און עס קומט די גאולה . . .

ב

ובמלאת הימים האלה עשה משתה (א׳ ה׳)

די תלמידים האָבען געפרעגט רבי שמעון בן יוחאי: פאַרוואָס זענען די אידען פון יענעם דור פאַר׳משפט געוואָרען צו כליה, צו פאַרניכטונג? ווען דער רבי האָט פאַרלאַנגט אַז זיי, די תלמידים, זאָלען זאָגען זייער מיינונג, האָבען זיי געזאָגט: „מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע״ — ווייל די אידען האָבען הנאה געהאַט פון די סעודה פון אחשורוש. די תלמידים האָבען דאַן געפרעגט די מיינונג פון רבי׳ן, און רבי שמעון האָט געזאָגט: „מפני שהשתחוו

לצלם" — ווייל זיי האָבען זיך געבוקט צום צלם פון נבוכדנצר. און פאַרוואָס איז די גזרה בטל געוואָרען? האָבען די תלמידים געפרעגט. דערויף האָט ער געענטפערט: ווייל זיי, די אידען, האָבען זיך געבוקט צום צלם נאָר לפנים, פון אויבענאויף, נישט פון אינערליכע איבערצייגונג. דעריבער איז אויך די גזרה נאָר געווען „לפנים" — זי איז נישט אויסגעפיהרט געוואָרען.

(מגלה י"ב)

שנהנו מסעודתו של אותו רשע" — זיי האָבען „הנאה" געהאָט. זיי האָבען זיך געפרעהט וואָס דער קעניג האָט זיי אייגנעלאַדען צו דער סעודה גלייך מיט אַנדערע. זיי האָבען זיך געפרעהט מיט זייער גלייכבאַרעכטונג אין גלות. „שהשתחוו לצלם" — זיי האָבען אויך געדיענט די עבודה־זרות אין גלות. דאָס איז די אַסימילאַציע, וועלכע איז אַזאַ אָפטע ערשיינונג אין גלות. כל זמן עס איז אָבער נאָר „לפנים", ווען די אַסימילאַציע דרינגט נישט אַריין טיעף אינערליך, ווערען זיי באַשטראָפט אויך „לפנים", און די שטראָף איז נישט קיין פאַרניכטענדע . . .

ג

איש יהודי היה בשושן ושמו מרדכי (ב׳ ה׳)

דער מדרש זאָגט: פינף מענשען זענען געווען וועלכע האָבען דערלעבט צו זעהן אין זייער צייט אַ נייע וועלט: נח, יוסף, משה, איוב און מרדכי. נח האָט געזעהן דעם מבול, ווי אַלץ איז צושטערט געוואָרען, און ער האָט אויך דערלעבט צו זעהן אַ נייע וועלט, „ויהיו בני נח היוצאים מן התבה" (בראשית ט׳). יוסף — פריהער אין תפיסה, געשמיעד אין קייטען, ווי עס שטעהט: „ענו בכבל רגלו" (תהלים ק"ה) און שפּעטער — „ויוסף הוא השליט על הארץ" (בראשית מ"ב). משה — פריהער איז ער אַנטלאָפען פאַר פרעה׳ן און שפּעטער האָט ער איהם דערטרונקען אין ים. איוב — פריהער איז ער געווען פול מיט יסורים, דערנאָך האָט ער דערלעבט אַ נייע וועלט, ווי עס שטעהט: „ויוסף ד׳ את כל אשר לאיוב למשנה" (איוב מ"ב). מרדכי — נעכטען האָט המן באַשלאָסען איהם אויפצוהענגען, היינט איז דער הענקער געהאָנגען געוואָרען.

(מדרש רבה)

אַזוי איז די געשיכטע פון דער וועלט. נאָך צייטען פון גרויסע צרות און צושטערונגען קומט אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון פרייהייט און גאולה. די וועלכע האָבען פאַראורזאַכט די צרות ווערען באַשטראָפט און פאַרניכטעט . . .

ד

ויאמר המן למלך אחשורוש ישנו עם אחד (ג׳ ח׳)

דער תלמוד זאָגט דערויף: ווען המן האָט פאַרגעשלאָגען צום קעניג אחשורוש מען זאָל פאַרניכטען די אידען האָט אחשורוש געזאָגט צו איהם: „איך האָב מורא אַז דער גאָט פון די אידען זאָל נישט טהון צו מיר דאָס זעלבע וואָס ער האָט געטהון צו זייערע פריהערדיגע פאַרפאָלגער". דערויף האָט המן געענטפערט: „ישנו" — זיי, די אידען, זענען אַנטשלאָפען געוואָרען און טהון נישט מעהר זיינע מצוות". אויף דער פראַגע פון קעניג: עס איז דאָך פאַראַנען; ביי זיי רבנים, געלעהרטע, האָט המן געזאָגט: „עם אחד" — זיי זענען אַלע גלייך, עס איז נישטאָ צווישען זיי קיין גרויסע מענשען". המן האָט אויך געזאָגט צו אחשורוש: „דאַרפסט נישט מורא האָבען אַז מיט דער פאַרניכטונג פון די אידען וועט בלייבען אַ ליידיגער פלאַץ אין דער מדינה, און די מדינה וועט אַזויערנאָך פאַרוויסט ווערען, ווייל „מפוזר ומפורד בין העמים" — זיי זענען פונאַנדערגעשפרייט צווישען די פעלקער און זייער פאַרשווינדען וועט זיך דעריבער נישט אַנזעהן. דאַרפסט אויך נישט מורא האָבען פאַר זייער נקמה, ווייל „בכל מדינות מלכותך" — זיי געפינען זיך אין גלות און האָבען נישט קיין אייגענע מדינה". די אידען, האָט ווייטער המן געזאָגט, ברענגען נישט קיין נוצען צו דער מדינה, זיי זענען זיך נישט משדך מיט אונז. „ואת דתי המלך אינם עושים" — זיי אַרבייטען נישט פאַר דער מלוכה, מיט דעם תירוץ אַז — „היינט איז שבת, היינט איז יום טוב" — „בשה"י פה"י" — „שבת היום, פסח היום".

(מגלה י"ג)

המן האָט פריהער געזאָגט אַז זיי, די אידען, זענען אַנטשלאָפען געוואָרען און טהון נישט קיין מצוות און באַלד דער נאָך האָט ער געזאָגט: זיי זענען זיך נישט משדך מיט אונז, זיי אַרבייטען נישט אין שבת און יום טוב? אַזוי זענען אַלע אַנטיסעמיטען אין אַלע צייטען. דורך זייער שנאה פאַרלירען זיי זייערע געדאַנקען, זענען זיך סותר, ווידערשפרעכען זיך אין זייערע העצערישע רייד...

ה

ישנו עם אחד (ג׳ ח׳)

המן האָט געזאָגט צו אחשורוש: די אידען האָבען זעהר גרויסע ציין, זיי עסען אויף דאָס רייכטהום פון לאַנד. איין טאָג אין דער וואָך האַלטען זיי שבת. איין טאָג אין יעדען חודש איז ביי זיי ראש חודש. אין ניסן איז פסח,

אין סיון — שבועות, אין תשרי — ראש השנה, יום כפור און סכות. דאַן האָט השי"ת געזאָגט: „המן, דו ווייסט אויסצורעכענען אַלע זייערע ימים טובים, דו וועסט קאָנען צורעכענען נאָך צוויי טעג יום טוב: די צוויי טעג פון פורים וועלכע זיי וועלען פייערען אויף דיין מפלה". רבי לוי זאָגט: מיט אַלעס וואָס המן האָט מקטרג געווען אויף די אידען האָט דער מלאך מיכאל מלמד זכות געווען אויף זיי. ער האָט געזאָגט: רבש"ע! דיינע קינדער ווערען נישט באַשולדיגט אין עבודה־זרה אָדער שפיכות־דמים, זיי ווערען באַשולדיגט אַז זיי היטען דיין תורה. דאַן האָט השי"ת געזאָגט: „איך וועל זיי נישט פאַר־לאָזען", ווי עס שטעהט: „כי לא יטוש ד' את עמו".

(ילקוט שמעוני)

כל זמן אידען האַלטען זיך ביי זייער תורה און טראַדיציע, היטען זייערע שבתים און ימים־טובים, זענען זיי שטאַרק און קיין שונא וועט נישט קאָנען זיי פאַרניכטען . . .

ו

הכסף נתון לך והעם לעשות בו כטוב בעיניך (ג' י"א)

אחשורוש און המן זענען געגליכען צו צוויי מענשען. איינער פון זיי האָט געהאַט אַ באַרג אין זיין פעלד און דער צווייטער האָט געהאַט אין זיין פעלד אַ גרוב. דער בעל־בית פון גרוב האָט געזאָגט צו דעם פון באַרג: „פאַרקויף מיר דיין באַרג און איך וועל מיט איהם אָנפילען מייז גרוב", און דער פון באַרג האָט איהם געענטפערט: „הלואי נעהמסטו איהם ביי מיר אומזיסט, אָהן געלד, וועל איך פטור ווערען פון באַרג". דאָס זעלבע איז מיט אחשורוש און המן. אחשורוש איז געווען אַ גרעסערער שונא ישראל פון המן. די אידען זענען ביי איהם אין די אויגען געווען ווי אַן איבעריגער באַרג אין זיין פעלד און האָט נאָר געזוכט אַ געלעגענהייט פטור צו ווערען פון די אידען, און האָט געזאָגט: „הכסף נתון לך והעם לעשות בו כטוב בעיניך".

(מגלה י"ג)

אחשורוש האָט געקוקט אויף די אידען ווי אויף אַ באַרג, הויך און שטאַרק, און האָט זיי פיינד געהאַט. המן האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף אַ גרוב, נידעריג און שפל, און האָט זיי אויך פיינד געהאַט. אַזוי זענען די אַנטיסעמיטען אין אַלע צייטען, אָדער זיי האַלטען די אידען פאַר צו שטאַרק און גרויס אָדער פאַר צו נידעריג און קליין, אַלענפאַלס האָבען זיי זיי פיינד . . .

ז

והמלך והמן ישבו לשתות והעיר שושן נבוכה (ג׳ ט״ו)

ר׳ חנינא זאָגט: השי״ת שענקט נישט קיינעם פאַר זיינע שלעכטע מעשים. ער וואַרט, אָבער, ער נעמט אָב דאָס זייניגע. השי״ת האָט געזאָגט צו די שבטים: איהר האָט פאַרקויפט אייער ברודער יוסף און איהר האָט זיך געזעצט עסען און טרינקען, ווי עס שטעהט: „וישבו לאכל לחם״ (בראשית ל״ג). דערפאַר וועט קומען המן, ער וועט אייך אָבקויפען און דערביי אויך עסען און טרינקען, ווי עס שטעהט: „והמלך והמן ישבו לשתות״.

(ילקוט שמעוני)

די גזרה פון המן איז געקומען צוליעב דעם חטא פון מכירת יוסף, צוליעב שנאת אחים. שטענדיג ווען עס איז נישטאָ קיין אחדות ביי אידען זענען זיי אין געפאַהר פון די פאַרשיעדענע המנ׳ס. אסתר האָט דעריבער באַפוילען „לך כנוס את כל היהודים״. אידען זאָלען זיך צונויפזאַמלען, פאַר־אייניגען זיך, ווייל נאָר דורך אחדות קאָנען זיי ניצול ווערען פון די המנ׳ס אין אַלע צייטען . . .

ח

וצומו עלי אל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים (ד׳ ט״ז)

ווען אסתר האָט באַפוילען מרדכי אַז ער זאָל גוזר תענית זיין, האָט מרדכי געזאָגט אַז ער קאָן דאָס נישט טהון ווייל די דריי טעג פון תענית וועלען אויסקומען אין יום־טוב פסח, ווען מען טאָר נישט פאַסטען. דערויף האָט אסתר איהם געשיקט זאָגען: „דו ביזט עס דער זקן, דער פיהרער פון די אידען! אויב מען וועט פאַרניכטען די אידען, צו וואָס דאַרף מען די מצוות? אָהן אידען וואָס דאַרף מען די תורה״? דאַן האָט מרדכי מסכים געווען און גוזר תענית געווען אין פסח, ווי עס שטעהט: „ויעבור מרדכי״ — ער האָט געהייסען עובר זיין אויף דעם יום־טוב פסח און פאַסטען.

(תלמוד וילקוט)

„ישראל ואורייתא חד היא״ — אידען און די תורה זענען איינס. אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין אידען אָהן תורה, אַזוי קאָן נישט זיין תורה אָהן אידען...

ט

יבא המלך והמן היום אל המשתה (ה׳ ד׳)

פאַרשיידענע טעמים, ערקלעהרט דער תלמוד, פאַרוואָס אסתר האָט איינגעלאַדען דעם שונא המן צו איהרע סעודות מיט דעם מלך. רבי נחמיה זאָגט: ווייל ווען די אידען וועלען זעהן אַז זי, אסתר, איז אין גוט־פריינדשאַפט מיט המן וועלען זיי זיך נישט מעהר פאַרלאָזען אויף איהר. זיי וועלען נישט זאָגען: „מיר האָבען נישט פאַרוואָס מורא צו האָבען. מיר האָבען דאָך אַ שוועסטער אין דעם הויז פון מלך" און זיי וועלען דאַן שטאַרקער בעטען רחמים ביי גאָט. רבי אלעזר המודעי זאָגט: זי האָט געוואָלט מיט איהר אַרויסווייזען פריינדשאַפט צו המן אַריינברייגען אַ קנאה ביים מלך אויף המן, ער וועט באַקומען פאַרדאַכט אויף המנ׳ס פריינדשאַפט מיט אסתר און ער וועט זיי ביידע אומברענגען.

(מגלה ט״ו)

אידען דאַרפען זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזען אַז זייער ישועה וועט קומען דורך אַ בשר ודם. זיי דאַרפען בעטען רחמים ביי גאָט אַליין, — נאָר דורך אַזאַ מסירת נפש ווי די פון אסתר, וועלכע איז געווען גרייט אומקומען פאַר די אידען, דורך אַזעלכע פיהרער, קאָן קומען אַ נס, אַ ישועה . . .

י

והדת נתנה בשושן הבירה (ג׳ ט״ו)

אין דער צייט ווען די אגרות, די גזרה אויף די אידען איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, האָט מרדכי באַגעגענט אין גאַס דריי אידישע קינדער געהענדיג פון בית־הספר. מרדכי האָט געפרעגט איינעם פון זיי ער זאָל איהם זאָגען וואָס ער האָט היינט געלערענט. דאָס קינד האָט געענטפערט: „איך האָב געלערענט דעם פסוק „אל תירא מפחד פתאום" (משלי ג׳). ער האָט געפרעגט דאָס זעלבע דעם צווייטען קינד און ער האָט געזאָגט דעם פסוק „עצו עצה ותופר" (ישעי ח). דאָס דריטע קינד האָט געזאָגט: איך האָב היינט געלערענט דעם פסוק „ועד זקנה אני הוא ועד שיבה אני אשא וגו׳ (ישעי מ״ו). ווען מרדכי האָט געהערט די דאָזיגע פסוקים האָט ער זיך געפרעהט. ער האָט געוואוסט אַז המן קאָן איהם קיין שלעכטס נישט טהון.

(תלמוד מדרש)

כל זמן אידישע קינדער לערנען אין בית־הספר ווייסען אַ פסוק קאָן זיי קיין שונא נישט פאַרניכטען . . .

יא

והמלך קם בחמתו וגו׳ והמלך שב מגינת הביתן (ז׳ ח׳)

דער תלמוד דערצעהלט: ווען אחשורוש איז געקומען אין כעס אויף המן און ער איז אַריין אין זיין גאָרטען האָט ער דאָרט געטראָפען מלאכים אין געשטאַלט פון מענשען (לויט אַן אַנדער נוסח — המנ׳ס קינדער) און ער האָט געזעהן ווי זיי האַקען אויס די בוימער פון גאָרטען. ווען אחשורוש האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי טהון דאָס, האָבען זיי איהם געענטפערט, אַז המן האָט זיי באַפוילען דאָס צו טהון. און דאָס דאָזיגע געשעהעניש האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט דעם כעס פון מלך אחשורוש.

(מגלה ט״ז)

אחשורוש האָט געזעהן ווי דורך המנ׳ס באַפעהל פאַרניכטען זיי זיין גאָרטען — דאָס זעלבע טהון די אַנטיסעמיטען אין אַלע צייטען. מיט זייער פאַרפאָלגען די אידען ברענגען זיי גרויס שאָדען, זיי צושטערען דאָס אויפבליהען פון לאַנד און פאַרוויסטען עס. זיי זענען די אמת׳ע שונאים און צושטערער פון לאַנד . . .

שיר השירים

א

שחורה אני ונאוה (א׳ ה׳)

רבי לוי בר׳ חייא זאָגט: „שחורה אני״ — זאָגט די כנסת ישראל — איך זעה אויס שוואַרץ בחול, אינדערוואָכען, „ונאוה״ — איך בין שעהן אין שבת. „שחורה אני״ — איך זעה אויס שוואַרץ אַ גאַנץ יאָהר, „ונאוה״ — איך בין שעהן אין יום כפור. „שחורה אני״ — איך בין שוואַרץ בעולם הזה, אויף דער וועלט, „ונאוה״ — איך בין שעהן בעולם הבא, אין דער צוקונפטיגער וועלט.

(ילקוט שמעוני)

עס איז נישטאָ אינגאַנצען קיין שלעכטער און פאַרלוירענער איד אויב דער איד איז נישט אַזוי שעהן אינדערוואָכען איז ער שעהן אין שבת. אויב ער איז נישט אַזוי גוט אַ גאַנץ יאָהר קומט יום כפור און ער טהוט תשובה און אפילו ווען, חלילה, ער איז נישט גוט ביי זיין לעבען וועט ער דאָך בעולם הבא, אין דער צוקונפט, ווערען געלייטערט און מתוקן. כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא . . .

ב

הנך יפה רעיתי הנך יפה עיניך יונים (א׳ ט״ו)

הקב״ה זאָגט צו די אידען: „דוגמא שלך יונה״ — די אידען זענען געגליכען צו די יונה, די טויב. אַלע אַנדערע עופות, ווען מען געהט זיי שעכטען, צאַפּלען זיי. די טויב, אָבער, שטרעקט אויס איהר האַלז צו דער שחיטה און טהוט נישט קיין צאַפּעל. אַזוי זענען אויך אידען. זיי זענען שטענדיג גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר גאָט, ווי עס שטעהט: „כי עליך הורגנו כל היום״ (איכה ב׳). די טויב טהוט קיינמאָל נישט פאַרראַטען איהר בן־זוג, אַזוי אויך די אידען פאַרלאָזען קיינמאָל נישט זייער גאָט. די טויב פאַרלאָזט קיינמאָל נישט איהר נעסט, אפילו ווען מען נעמט אַוועק פון אונטער איהר איהרע קינדער, אַזוי זענען אויך די אידען. אפילו ווען דער בית-המקדש איז חרוב, זענען זיי ווייטער עולה קיין ארץ ישראל.

(מדרש תנחומא)

די אייביגע געטרייהייט פון אידען צו גאָט, אויך זייער אייביגע צוגעבונ־דענקייט צו זייער נעסט, צו ארץ ישראל, זענען די הויפּט מעלות פון אידישען פאָלק און דאָס פאַרזיכערט זיי אַ אייביגע צוקונפט . . .

ג

קורות בתינו ארזים רהיטנו ברותים (א׳ י״ז)

דער תלמוד דערצעהלט: ניקנור איז געטהון געוואָרען נסים מיט זיינע טירען. ווען ניקנור האָט געפיהרט טירען פאַר דעם בית המקדש פון אלכסנדריה האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם אויפ׳ן ים. כדי צו פאַרגרינגערען די משא פון דער שיף האָט מען איין טיר אַראָבגעוואָרפען אין ים. ווען דער שטורם האָט זיך דאָך נישט באַרוהיגט האָט מען געוואָלט אויך די צווייטע טיר אַריינוואַרפען אין ים. דאַן האָט ניקנור זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום די טיר און האָט געזאָגט: „וואַרפט מיר אין ים צוזאַמען מיט די טיר״. עס איז דאַן געשעהן אַ נס און דער ים האָט זיך באַרוהיגט. ווען די שיף איז צוגעקומען צום פּאָרט איז אויך די צווייטע טיר אַרויסגעשווימען פון אונטער דער שיף, און דערויף איז מרמז דער פסוק „רהיטנו ברותים״ — „ברית־ים״ (יומא ל״ה)

נאָר דורך דעם מסירת־נפש פון אידען, אָנהאַלטענדיג זיך פעסט ביי זייערע הייליגטימער ווי ניקנור, זענען זיי איבערגעקומען דעם שטורמדיגען ים פון גלות. זיי וועלען אויך צוריק באַקומען דאָס וואָס זיי האָבען אין שטורם פאַרלוירען . . .

ד

כשושנה בין החוחים (ב׳ ב׳)

דער דאָזיגער פסוק געהט אויף די אידען אין גלות. „כשושנה בין החוחים״ — די אידען אין גלות זענען אין דער זעלבער לאַגע ווי אַ רויז צווישען דערנער. אַזוי ווי עס איז שווער אַרויסצוקלויבען די רויז פון צווישען די דערנער, אַזוי איז אויך שווער געווען דאָס אַרויסנעמען די אידען פון גלות מצרים, ווי עס שטעהט: „או הנסה אלהים לבא לקחת לו גוי מקרב גוי״ (דברים ד׳). און ווי אַ רויז צווישען דערנער, ווען עס בלאָזען שטאַרקע ווינטען, שטעכען די דערנער די רויז פון אַלע זייטען און דאָך שטעהט די רויז און איהר האַרץ איז אויסגעשטרעקט צום הימעל. אַזוי זענען אויך אידען. אפילו ווען זיי ווערען פון אַלע זייטען געדריקט דורך זייערע שונאים, דאָך איז זייער

האַרץ געווענדעט צו גאָט, ווי עס שטעהט: „נכון לבי אלהים״ (תהלים נ״ז).
עס שטעהט אויך: „עיני תמיד אל ד׳ כי הוא יוציא מרשת רגלי״ (שם כ״ה).
(ילקוט שמעוני)

ווי די רויז ווערט געשטאָכען פון די דערנער אַרום איהר, אַזוי באַקומען אויך די אידען פגמים, צייכענס פון די אומות אין גלות, און עס איז דעריבער זעהר שווער אַרויסצונעמען זיי פון גלות. דאָך, כל זמן זייער אינערליכקייט איז גאַנץ, זייער האַרץ איז געווענדעט צו גאָט, וועלען זיי ענדליך באַפרייט ווערען פון דער נעץ פון גלות . . .

ה

קול דודי הנה זה בא מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות

(ב׳ ח׳)

ר׳ יודן בשם ר׳ אליעזר זאָגט: „קול דודי״ געהט אויף דעם מלך המשיח. ווען משיח וועט קומען און ער וועט זאָגען צו די אידען: „עס איז געקומען דער חודש פון גאולה״, וועלען די אידען זאָגען: „איז דען ווירקליך שוין געקומען די צייט פון די גאולה? השי״ת האָט דאָך געזאָגט אַז מיר מוזען פריהער זיין משועבד צו אַלע שבעים אומות״? און משיח וועט זיי ענטפערען „ווען איינער פון אייך איז פאַרטריבען געוואָרען קיין ברבריא, דער צווייטער קיין בריטניא, איז גלייך ווי איהר וואָלט אַלע פאַרטריבען געוואָרען, און ווען איינער פון די אומות פאַרקנעכטעט אפילו נאָר איינעם פון אייך, איז ביי מיר גלייך ווי ער וואָלט פאַרקנעכטעט מיין גאַנץ פאָלק״. אויך, זאָגט משיח, דאָס מלכות הרביעית הערשט און באַפעהלט איבער אַלע אומות און אייער זיין אין גלות ביי איהר איז ווי איהר וואָלט געווען אין גלות ביי אַלע אומות, דעריבער איז שוין געקומען די צייט פון דער גאולה״.

(פסיקתא)

יעדער איינציגער איד איז חשוב ביי השי״ת ווי ער וואָלט געווען דאָס גאַנצע פאָלק. ווען אַ איינציגער איד ליידט איז ביי השי״ת ווי דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט געליטען . . .

ו

הנה זה עומד אחר כתלנו (ב׳ ט׳)

„אחר כתלנו״ — מיינט מען די כותל־מערבי, די מערב־וואַנט פון בית־המקדש, וועלכע איז נישט חרוב געוואָרען און געבליבען שטעהן ביז היינטיגען

טאָג. די שכינה איז קיינמאָל נישט אַוועק פון דער דאָזיגער וואַנט, ווי עס שטעהט: „וד׳ בהיכל קדשו״ (תהלים י״א), גאָט איז שטענדיג אין זיין הייליגען היכל, אין בית־המקדש — אפילו ווען דער בית־המקדש איז הרוב.

(ילקוט שמעוני)

דאָס וואָס די כותל מערבי, די איבערבלייבונג פון אונזער אַמאָליגע גלאָריע, איז געבליבען שטעהן און די שכינה רוהט דאָרט שטענדיג, דאָס איז אונזער אייביגער עדות און גאַראַנטיע, אַז ארץ ישראל באַלאַנגט צום אידישען פאָלק און דאָס אידישע פאָלק האָט די איינציגע רעכט צום הייליגען לאַנד . . .

ז

ענה דודי ואמר לי קומי לך (ב׳ י׳)

דער דאָזיגער פסוק איז מרמז אויף די צייט פון משיח: „ענה דודי ואמר לי״ — מיינט מען אליה׳ הנביא. ער וועט זאָגען צו די אידען: „קומי לך״ — שטעה אויף דורך דעם מלך המשיח. „כי הנה הסתיו עבר״ — דאָס מלכות הרביעית וועלכעס האָט אָבגענאַרט די מענשהייט איז אַוועק. („הסתיו״ איז דאָס זעלבע ווי „כי יסיתך אחיך״) (דברים י״ג). „הנצנים נראו בארץ״ — דאָס זענען די „ארבעה חרשים״ (זכרי׳ ב׳). „עת הזמיר הגיע״ — עס איז געקומען די צייט דאָס מלכות הרביעית זאָל אַוועק פון דער וועלט, די מאַכט פון די רשעים זאָל צובראָכען ווערען און מלכות שמים זאָל נתגלה ווערען „והיה ד׳ למלך על כל הארץ״ (זכרי׳ י״ד).

(ילקוט בשם פסיקתא)

די מענשהייט וועט ענדליך אַנערקענען אַז זי איז געוואָרען אָבגענאַרט אַז די מאַכט פון מלכות הרשעה איז געבויט אויף ליגען און אָבנאַרעריי דאַן וועט די מאַכט פון די רשעים געבראָכען ווערען און יושר וצדק וועט הערשען איבער דער וועלט און עס וועלען זיין די טעג פון דער גאולה...

ח

צאנה וראנה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו

(ג׳ י״א)

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי צי ער האָט געהערט פון זיין פאָטער די מיינונג פון די ווערטער „בעטרה שעטרה לו אמו״, און ר׳ ישמעאל האָט געענטפערט אַז זיין פאָטער האָט אַזוי געזאָגט: עס איז

אַ משל צו אַ מלך, וועלכער האָט געהאַט אַ בת יחידה און ער האָט איהר זעהר ליעב געהאַט. פאַר ליעבשאַפט פלעגט ער איהר רופען „בתי״, מיין טאָכטער, ווי עס שטעהט: „שמעי בת וראי״ (תהלים מ״ה). ער האָט נישט אויפגעהערט איהר ליעב צו האָבען ביז ער האָט איהר גערופען „אחותי״, שוועסטער, ווי עס שטעהט: „אחותי רעיתי״. ער האָט אַלץ נישט אויפגעהערט ליעב האָבען איהר ביז ער האָט איהר גערופען „אמי״, מוטער, ווי עס שטעהט: „שמעו אלי עמי ולאומי״.

(תלמוד ותנחומא)

די כנסת ישראל איז די בת־יחידה פון גאָט. זי איז אויך איינס מיט איהם ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער (קב״ה וישראל חד הוא). אידען זענען אויך די ענטפלעקער און פאַרשפּרייטער פון די גאָטהייט איבער דער וועלט, ווי אַ מוטער וועלכע ריהמט שטענדיג איהר קינד — „בעטרה שעטרה לו אמו״ . . .

ט

עורי צפון ובאי תימן (ד׳ ט״ז)

לעתיד, אין דער צוקונפט — זאָגט דער מדרש — וועלען די רוחות, די ווינטען, זיך קריגען צווישען זיך. דער רוח של צפון וועט זאָגען: „איך וועל צונויפזאַמלען די אידען פון גלות״. און דער רוח־דרומית וועט זאָגען: „איך וועל זיי ברענגען פון גלות״. און השי״ת וועט מאַכען שלום צווישען זיי און ביידע, צפון און דרום, וועלען צונויפזאַמלען די אידען פון גלות, ווי עס שטעהט: „עורי צפון ובאי תימן״.

(ילקוט שמעוני)

פאַרשיעדענע מיינונגען און פאַרטייען קעמפען צווישען זיך וועגען דאָס צוריקברענגען די אידען פון גלות. די מיינונגען זענען ווייט איינער פון אַנדערען ווי צפון פון דרום. ענדליך וועט דאָך קומען צו שלום און פאַראייניגונג צווישען אַלע און דער שלום וועט מקרב זיין די גאולה . . .

י

אני ישנה ולבי ער (ה׳ ב׳)

די כנסת ישראל זאָגט צו הקב״ה: „אני ישנה״ — איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען אין גלות ווייל כ׳האָב ניט דעם בית המקדש, „ולבי ער״, אָבער מיין האַרץ איז וואַך אין די שוהלען און בתי־מדרשים. „אני ישנה״, כ׳בין אַנטשלאָפען געוואָרען

פון מקריב זיין קרבנות. „ולבי ער" — מיין האַרץ איז וואָך פון מצוות און צדקה. „אני ישנה — איך בין אַנטשלאָפּען פון דער גאולה. „ולבי ער" — מיין האַרץ איז וואָך צו גאָט אַז ער וועט מיר אויסלייזען. „אני ישנה" — אידען זענען אַנטשלאָפּען געוואָרען אין גלות. „ולבי ער" — השי"ת וועלכער איז דאָס האַרץ פון אידען, ווי עס שטעהט: „צור לבבי וחלקי" (תהלים ע"ג) וואַכט איבער זיי און היט זיי, ווי עס שטעהט: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" (שם קכ"א).

(תנחומא)

דער איד ווערט טיילמאָל איינגעדרימעלט אין גלות, דאָך האָט ער גאָט אין האַרץ. טייל ווייזען עס אַרויס דורך זייער באַזוכען די שוהלען און בתי־מדרשים, טייל דורך זייער צדקה, און אַ טייל דורך זייער שטאַרקען גלויבען אין דער גאולה. השי"ת וואַכט שטענדיג איבער אידען זיי זאָלען נישט ח"ו אַנטשלאָפּען ווערען אינגאַנצען דורך די צרות פון גלות.

יא

אל גינת אגוז ירדתי (ו׳ י"א)

די אידען זענען געגליכען צו אַ אגוז, אַ נוס. די נוס שפּיעלען זיך מיט איהר קליינע קינדער, זי איז, אָבער, אויך אַ מאכל פאַר מלכים, אַזוי זענען אויך די אידען: ווען זיי זענען ווערט, שטעהט אויף זיי: „והיו מלכים אומניך" (ישעי׳ מ"ט). ווען, אָבער, די אידען זענען זינדיג שטעהט: „הייתי שחוק לכל עמי" (איכה ג׳). רבי יוסי בר׳ יהודה זאָגט: ווען אַ מענש זעהט דאָס ערשטע מאָל אַ נוס, מיינט ער אַז עס איז אַ שטיק האָלץ, עס נוצט צו גאָרנישט. ווען, אָבער, ער שפּאַלט זי אויף געפינט ער אין איהר פול געשמאַקע יאָדרע אַזוי איז אויך מיט אידען. די אומות וועלכע קאָנען זיי נישט, האַלטען זיי פאַר זינדיגע, אומנוצליכע. ווען, אָבער, זיי זאָלען זיי ווירקליך דערקענען וואָלטען זיי געזעהן אַז זיי זענען פול מיט מצוות.

(ילקוט בשם פסיקתא רבה)

דער אומגליק פון די אידען אין גלות איז גרעסער הערמיט וואָס זייערע שכנים, די אומות צווישען וועלכע זיי וואוינען קאָנען נישט ריכטיג די אידען. זיי זעהן נאָר זייער אויסערליכקייט און קאָנען נישט זייער פנימיות. ווען זיי וועלען ריכטיג דערקאָנען די אידען וועט דאָן מקוים ווערען „והיו מלכים אומניך"..

יב

שובי שובי השולמית (ז׳ א׳)

די אומות העולם זאָגען צו אידען „שובי שובי השולמית״ — קומט צו אונז, באַהעפט אייך מיט אונז און מיר וועלען אייך מאַכען גרויס. איהר וועט ווערען דוכסיך, שלטונים און הגמונים. די אידען ענטפערען זיי: „מה תחזו בשולמית כמחולת המחנים״ — קאָנט איהר דען אונז געבען די זעלבע גדולה וואָס השי״ת האָט אונז געגעבען אין דער מדבר: דגל מחנה יהודה, דגל מחנה ראובן וכ״ו.

(מדרש רבה)

אין פיעלע צייטען אין גלות האָט מען פאַרגעלעגט די אידען זיי זאָלען אויפגעבען זייער אידישקייט, זיי זאָלען זיך אַסימילירען, דאַן וועלען זיי גרויס ווערען. דער אידישער אינסטינקט האָט זיך שטענדיג דערפון אָבגעזאָגט, וויסענדיג אַז דורך אַסימילאַציע פאַרלירט מען דעם אייגענעם שטאָלץ, און מען פאַרראַט דעם אייגענעם פאָהן . . .

קהלת

א

מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש (א׳ ג׳)

דער תלמוד זאָגט: מען האָט געוואָלט באַשליסען גונז צו זיין (אויסשליסען פון תנ״ך) דעם ספר קהלת, ווייל אין דעם ספר קהלת געפינען זיך פיעל סתירות, געגענזאַצען. אין איין אָרט זאָגט קהלת: „ושבח אני את המתים״ און אין אַ צווייטען אָרט, זאָגט ער „טוב ככלב חי מאריה מת״ אָדער אין איין אָרט שטעהט: „טוב כעס משחוק״ און אין אַן אַנדער אָרט — „לשחוק אמרתי מהולל״. מען האָט, אָבער, באַשלאָסען דעם ספר קהלת נישט גונז צו זיין, ווייל מען האָט געזעהן אַז דער אָנהויב פון ספר איז מיט דברי תורה און ער ענדיגט זיך מיט דברי תורה. ער הויבט אָן מיט די ווערטער: „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש״ — „וואָס קומט אַרויס פאַר דעם מענש, וואָס פאַרדיענט דער מענש פון אַלע זיינע באַמיהונגען אונטער דער זון״ — דאָס מיינט, נאָר „תחת השמש״, פון דעם מענשענ׳ס באַמיהונגען אין די זאַכען וועלכע זענען אונטער דער זון איז נישטאָ קיין פאַרדיענסט, אָבער ווען דער מענש באַמיהט זיך אין זאַכען איבער דער זון, אין דער תורה, ברענגט עס איהם יאָ פאַרדיענסט, און די ענדע פון ספר איז אויך מיט תורה. עס ענדיגט זיך מיט די ווערטער „סוף דבר הכל נשמע את אלהים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם״.

(שבת ל׳)

אין קהלת שפיגעלט זיך אָב דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען. דאָס מענשליכע לעבען איז אויך פול מיט סתירות, מיט געגענזאַצען. דער מענשליכער געדאַנק שטעהט נישט אויף איין אָרט. דער עיקר, אָבער, איז אַז דער מענש זאָל, ווי קהלת, פון אָנהויב ביז׳ן סוף שטעהן אויף דעם באַזיס, דעם פונדאַמענט פון דער תורה און אמונה און האַלטען זיך אין איהרע פרינציפּען . . .

ב

גם את העלם נתן בלבו (ג׳ י״א)

עס שטעהט „העלם״ אָהן אַ „ואו״ און דאָס מיינט העלם — פאַרגעסען, פאַרהוילען, און דער מדרש זאָגט דערויף: עס איז גוט וואָס דער מענש ביים

לעבען פאַרגעסט אין דעם יום המיתה. ער פאַרגעסט צו טראַכטען אַז ער וועט שטאַרבען, ווייל ווען דער מענש וואָלט אַפּט געטראַכט וועגען זיין טויט וואָלט ער קיינמאָל נישט געבויט קיין הויז און נישט געפלאַנצט קיין וויינגאָרטען. ער וואָלט געזאָגט: „מאָרגען קאָן איך שטאַרבען, טאָ פאַרוואָס זאָל איך מיר באַמיהען פאַר אַנדערע?" דעריבער האָט השי"ת פאַרהוילען פון מענש דעם יום המיתה, כדי דער מענש זאָל שטענדיג בויען די וועלט און אויב, אפילו, ער זעלבסט איז נישט זוכה הנאה צו האָבען פון זיינע באַמיהונגען וועלען קומען אַנדערע און הנאה האָבען פון זיין אַרבייט. און די תורה האָט דעריבער באַפוילען: „כי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל" (ויקרא י"ט). השי"ת האָט געזאָגט צו די אידען: ווען איהר וועט קומען אין לאַנד, כאָטש איהר וועט דאָרט געפינען כל טוב דאַרף זאָלט איהר ווייטער פלאַנצען פאַר אייערע קינדער.

(ילקוט)

דער מענש דאַרף נישט לעבען בלויז פאַר זיך. ער דאַרף זיך אויך באַמיהען פאַר די צוקונפטיגע דורות. באַזונדער איז די מצוה גרויס אין ארץ ישראל. מען דאַרף שטענדיג העלפען בויען און ענטוויקלען דאָס לאַנד, אויב אפילו נישט פאַר זיך איז דאָס פאַר די צוקונפטיגע דורות . . .

ג

כאשר יצא מבטן אמו (ה' י"ד)

דער ילקוט דערצעהלט: אַ פוקס איז צוגעקומען צו אַ וויינגאָרטען. ער האָט געוואָלט אַריין אין גאָרטען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט, ווייל דער גאָרטען איז געווען אַרומגעצוימען מיט אַ געדיכטען צוים. דער פוקס האָט ענדליך דערזעהן אַ שמאָלע עפענונג אין דער צוים פון גאָרטען. די עפענונג איז אָבער געווען צו שמאָל אַז ער זאָל קאָנען דורך איהר אַדורכגעהן. דער פוקס האָט דאַן געפאַסט דריי טעג ביז ער איז געוואָרען מאָגער און האָט שוין געקאָנט אַדורכגעהן. ער איז דאַן אַריין אין גאָרטען און פיעל געגעסען פון די פרוכטען. דורך דעם פיעל עסען איז ער ווידער פעט געוואָרען און האָט נישט געקאָנט אַרויסגעהן פון גאָרטען. ער האָט דאַן ווידער געפאַסט דריי טעג ביז ער איז ווידער מאָגער געוואָרען אַזוי אַז ער האָט שוין געקאָנט אַרויס פון גאָרטען. דער פוקס האָט דאַן געזאָגט אויף זיך דעם פסוק „כאשר יצא מבטן אמו".

(ילקוט שמעוני)

פיעל מענשען פייניגען זיך אין זייערע יונגע יאָהרען, כדי אָבשפּאַרען וועלטליכע פאַרמעגענס אויף שפּעטער. ווען, אָבער, זיי האָבען זייער ציעל דערגרייכט קאָנען זיי שוין נישט מעהר דערפון הנאה האָבען, אַזוי אַז זייער גאַנצער מיה איז געווען אומזיסט. נישט אַזוי איז אָבער מיט די באַמיהונגען פון מענש אין גייסטיגע זאַכען. ער קאָן פון זיי שטענדיג הנאה האָבען . . .

ד

טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו (ז׳ א׳)

דער מדרש זאָגט דערויף: ווען אַ מענש ווערט געבוירען פרעהען זיך אַלע און ווען אַ מענש שטאַרבט דאַן וויינען אַלע. אין אמת׳ן דאַרף נישט זיין אַזוי. ווען דער מענש ווערט געבוירען דאַרף מען וויינען און ווען ער שטאַרבט דאַרף מען זיך פרעהען. עס איז אַ משל, זאָגט דער מדרש, צו צוויי שיפען. איינע פאַרלאָזט דעם פּאָרט אויף איהר רייזע אין די ווייטע ימים, און די צווייטע קומט אַריין אין פּאָרט פון איהר לאַנגע רייזע. ווען די שיף פאַרלאָזט דעם פּאָרט זענען אַלע טרויעריג, ווייל מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ שטורמען די שיף וועט באַגעגענען אויף איהר וועג און צי וועט זי די שטורמען בשלום איבערקומען. ווען די שיף אָבער קומט אַריין אין פּאָרט דאַן פרעהען זיך אַלע, ווייל זי איז בשלום איבערגעקומען די סכנה׳דיגע רייזע. דאָס זעלבע איז מיט דעם מענש. ווען ער ווערט געבוירען, און דאַרף דורכמאַכען די סכנה׳דיגע רייזע פון לעבען, דאַרף מען זיין פאַרזאָרגט. ווען אָבער ער שטאַרבט, הייסט עס, ווי די שיף איז בשלום אָנגעקומען אין פּאָרט און אַלע דאַרפען זיך פרעהען. און דעריבער זאָגט דער פסוק: „ויום המות מיום הולדו".

(מדרש רבה)

„העולם ים זועף והזמן הוא גשר רעוע" — זאָגט דער בחינת עולם — „די וועלט איז אַ שטורמדיגער ים און די צייט פון מענשען׳ס לעבען איז ווי ער וואָלט געהן אויף אַ שוואַכע, וואַקעלדיגע בריק איבער דעם שטורמדיגען ים". גליקליך איז דער וועלכער איז אַריבער בשלום די בריק און האָט דערגרייכט דעם ציעל פון לעבען דורך גוטע מעשים . . .

ה

כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (ז׳ כ׳)

רבי יהודה ברבי שמעון זאָגט: ווי קאָן אַ צדיק וועלכער לעבט אין צדקות זינדיגען? און דאָך זאָגט דער פסוק „אין צדיק בארץ אשר יעשה

טוב ולא יחטא", נאָר דער פסוק געהט אויף די פּרנסים און גבאי צדקה, וועלכע אָפט שטיצן זיי מיט אַ פולע האַנד די דאָזיגע וועלכע נויטיגען זיך נישט אַזוי שטאַרק אין דער שטיצע און זיי גיבען ווייניגע שטיצע צו די וועלכע נויטיגען זיך יאָ, און דערמיט באַגעהן זיי אַ זינד.

(ילקוט שמעוני)

דער וועלכער באַזיצט דעם כח צו העלפען נויטבאַדערפטיגע מענשען דאַרף ער זעהן אַז זיין הילף זאָל גרייכען די דאָזיגע וועלכע נויטיגען זיך אַמ'מיינסטען אין דער הילף . . .

ו

וזכור את בוראיך (י"ב א')

רבי עקיבא זאָגט: דאָס וואָרט "בוראיך" דאָ האָט אַ דריי־פּאַכיגע מיינונג. "בארך", "בורך" און "בוראיך". "בארך" איז דער קוואַל, דער ברונעם פון וועלכען דער מענש קומט. "בורך" איז דער גרוב צו וועלכען יעדער מענש קומט. "בוראיך" איז דער באַשעפער פון דער וועלט פאַר וועלכען יעדער מענש דאַרף ענדליך אָבגעבען אַ דין וחשבון. דאָס זעלבע האָט אויך געזאָגט עקביא בן מהללאל אין פרקי אבות: "דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון". די דריי זאַכען, אויב דער מענש געדענקט זיי שטענדיג, היטען זיי איהם אָב פון זינד.

(מדרש רבה)

"בארך", "בורך", "בוראיך", אָדער "מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" — די דריי זאַכען דאַרף מען געדענקען נאָר אַלע צוזאַמען. ווען מען דענקט נאָר פון די ערשטע צוויי, "מאין באת ולאן אתר הולך" אָדער "בארך", "בורך", ברענגט עס דעם מענש צו פעסימיזם, פאַטאַליזם און עצבות. ווען אָבער מען דענקט וועגען די צוויי צוזאַמען מיט'ן דריטען, "ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון", דאַן באַקומט דאָס לעבען אַ העכערען ציעל, עס ברענגט דעם מענש האָפנונג און קוראַזש. דעריבער שטעהט: "הסתכל בשלשה דברים", זאָלסט דענקען וועגען די אַלע דריי צוזאַמען . . .

ז

בקש קהלת למצוא דברי חפץ (י״ב י׳)

קהלת האָט געוואָלט וויסען ווי גרויס עס איז דער שכר פון תורה און מצוות. דאָ שטעהט „למצוא דברי חפץ״ און אויף תורה און מצוות שטעהט אויך „וכל חפציך לא ישוו בה״ (משלי א׳). און השי״ת האָט געזאָגט צו איהם „וכתוב יושר דברי אמת״, איך האָב שוין געשריבען וועגען דעם שכר פון מצוות „עין לא ראתה אלהים זולתך״ (ישעי׳ ס״ד). אַנדערע זאָגען אויף דעם פסוק „בקש קהלת למצוא דברי חפץ״: שלמה האָט געוואָלט וויסען די צייט פון קץ המשיח. דאָ שטעהט „דברי חפץ״. און וועגען דעם קץ שטעהט: „אם תעורו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ״ (שה״ש ה׳). און השי״ת האָט געזאָגט צו שלמה: „וכתוב יושר דברי אמת״, איך האָב שוין געשריבען „כי יום נקם בלבי״ (ישעי׳ ס״ג).

(ילקוט שמעוני)

וועגען דעם מתן־שכר פון תורה און מצוות ווי אויך וועגען קץ־המשיח העלפט נישט קיין פאָרשונגען און חקירות אפילו פון גרעסטען חכם. מען דאַרף נאָר האָבען ריינע אמונה אין השי״ת „וכתוב יושר דברי אמת״ — גלויבען אין יושר און אין אמת פון השי״ת . . .

ח

כי יש דברים הרבה מרבים הבל (ו׳ י״א)

דער תלמוד דערצעהלט: עס איז געווען איינער וואָס האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו נעמען די שטיינער וועלכע האָבען זיך געפונען אין זיין רשות און זיי אַרויסגעוואָרפען אין גאַס, אין רשות הרבים. ווען איינער אַ חסיד, אַ פרומער מאַן, האָט דאָס געזעהן האָט ער געזאָגט צו איהם: „מפני מה אתה מסקל מרשות שאינו שלך לרשות שלך״. „פאַרוואָס — האָט אים דער חסיד געפרעגט — נעמסטו די שטיינער וועלכע געפינען זיך אין דעם אָרט וואָס באַלאַנגט נישט צו דיר און וואַרפסט זיי אין רשות הרבים, אין אַ אָרט וואָס באַלאַנגט צו דיר״? דער מענש האָט געקוקט אויף דעם חסיד מיט שפּאָט און געלעכטער. אין אַ צייט אַרום איז דער דאָזיגער מענש פאַראָרימט געוואָרען און איז געווען געצווינגען צו פאַרקויפען זיין נחלה. ער האָט דאַן געוואַנדערט אין גאַס און איז געשטראַכעלט געוואָרען און געפאַלען איבער די שטיינער

וועלכער ער האָט אָנגעוואָרפען, דאַן האָט ער געזאָגט: דער חסיד איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט: פאַרוואָס וואַרפסטו די שטיינער פון דעם רשות וואָס באַלאַנגט נישט צו דיר אין דעם רשות הרבים וואָס באַלאַנגט יאָ צו דיר״?

(בבא קמא ומדרש)

אַלעס וועלכעס דער מענש באַזיצט איז נישט זיין אייגענטום, ווייל ער איז נישט זיכער אַז עס וועט בלייבען ביי איהם. דאָס, אָבער, וואָס דער מענש שאַפט פאַר׳ן כלל, פאַר׳ן רבים, דאָס בלייבט און ער וועט האָבען אין דעם זיין חלק. עס איז אַ וואָרנונג פאַר די וואָס טהון גאָרנישט פאַר׳ן כלל נאָר בלויז פאַר זיך . . .

תם ונשלם

תודה וברכה

לידידי שעזרו בעזרה ממשית להוצאת הספר הזה:

האחים יוסף ומיכאל פאקס נ״י
מר ארי׳ דוב (לואיס) סעגאלאוו ז״ל
מר אלי׳ שאפירא נ״י מבאורנמוטה
גיסתי גרינא וועגראוו לזכר בעלה ר׳ מרדכי ז״ל
מר יצחק ב״ר פינחס פולמאן נ״י

ישלם להם ד׳ כפעלם

Masters. The passages selected indeed faithfully mirror the thoughts and teachings of the Rabbis on religion, ethics and morality. This book, like its companion volume on the Pentateuch, appears in Yiddish in order to make it accessible both to the general reader and to the student and preacher. The encouraging reception given to the former work justifies the hope of the author that the present book will also fill a long-felt need.

May the light of the Torah illumine the darkness and strengthen our faith in the redemption of Israel and the restoration of Zion and Jerusalem.

J.L.

London, Nisan, 5707-1947.

PREFACE

"The Israelites possessed scrolls, in reading which they consoled themselves from Sabbath to Sabbath assuring them that God would redeem them." EXODUS RABBAH, 5.

SUBJECTED to the tyranny of the Egyptian taskmasters and writhing under the yoke of bondage Israel suffered anguish of spirit and heaviness of heart. The Sabbath however, brought them comfort and peace. On that day they would resort to the reading of "Scrolls" bequeathed to them by their ancestors. In these sacred writings they found faith and hope for the future.

To-day, too, Israel is in sorrowful plight. Jewish history, so rich in tragedy, knows of no period that has a parallel to the anxiety and uncertainty which Jewry now experiences. Six million Jews, the faithful upholders of Torah and tradition, have been exterminated by the sadistic Nazis. There is hardly a Jewish family in the world which is not affected by the catastrophe. Those who have miraculously survived remain homeless and helpless with scarcely a glimmer of light on their horizon.

What can restore to Jewry its mental and spiritual equilibrium and give it renewed faith in its destiny? Only the religious and moral values of Judaism as preachced by our Sages and Scholars with their insight into Israel's past and their inspiring vision of the future can help to heal the wounded soul of the Jew and fortify him with undying courage and immortal strength.

The present work contains selected passages from the Talmud and the Midrash on the Prophets and Holy Writings, with brief explanatory and homiletical comments throwing light on the basic truths and ideals of the ancient

Printed and Published by
THE NAROD PRESS
129-131, Cavell Street, London, E.1

Yalkut Yosef

A selection of passages from the Talmud and the Midrash on the Prophets and Holy Writings, with brief explanatory and homiletical comments

By

Rabbi J. Lew

(*Mile End and Bow District Synagogue, London*)

PART II

1947